STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06667

DI MUTER ROHL

Golde Gutman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון דער זעלבער מחבר:

צווישן קראַנקע (שפּיטאָל רעפּאָרטאַזשן)

וואָס מיין פריינט האָט דערציילט (דערציילונג)

בעסאַראַביע 1918 (ראָמאַן)

מיין שטעטל יעדינעץ (ראָמאַן), 2 בענדער

צווישן בערג (דערציילונגען)

מלחמה יאָרן 1918-1914 (ראָמאַן)

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

די מוטער רחל

ראָמאַן

(אין 2 בענדער)

בוענאָס איירעס 1948

צום הייליקן אָנדענק פון מיין שוואָגער פסח רימער מיט זיין טעכטערל, פעטערס מומעס מיט זייערע פארשניטענע פאמיליעס אַ בלוטיקע באשולדיקונג קעגן זייערע נאַצישע מערדער.

דריטער טייל

קאַפּיטל 20

רחל איז ווידער אומרואיק

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט אַ טונקעלע טרויעריקייט איבערן גאָרטן גערוט. די דרימלענדיקע קעפּ פון די ביימלעך זיינען באַגאָסן געווען מיט שמאָלע מעסערדיקע שטיקער שיין, מיט בלויער פאַרטראַכטקייט. רחל איז געזעסן אויף דער הויכער שוועל פון וואַרשטאַט און באַם קליינעם עלעקטרישן לעמפּעלע איבערן טיש געליינט ראָמאַנס „אַנעט און סילוויא“. ווייס, ווי אויסגעהאַמערט פון גראַניט איז געווען איר פּנים, דאָס באַהויכטע מיט דער טיפער פאַרטראַכטקייט פון די קויל־שוואַרצע אומעטיקע אויגן. זי האָט אַרויפגעלייגט דעם בוך אויפן שויס און מיט די פינגער אָנגעהויבן רייבן די שלייפן. אָט אַ שטאַרקער כאַראַקטער, אַנעט. ליבט פיליפּן, דעם דאָקטאָר און לאָזט אים איבער, ווייל ער נעמט נישט גענוג ערנסט דעם פּרויאישן געפיל אירן... אַזוי מוז טאָן יעדע פרוי מיט ווירדע...

אומרו האָט זיך צעפינקלט אין אירע אויפגעריסענע בליקן, ביייזקייט. זי האָט אַרויסגענומען פון צווישן די בלעטער פון בוך אַ שטיקל פון דער אוונט־צייטונג און ווידער איינגעגראָבן אין דעם די בליקן: פאַרוואָס איז דאָ האָראָסיאָס נאָמען נישט אויסגערעכנט צווישן די אַרעסטירטע סטודענטן? האָבן זיך די מויל־ווינקלען יסורימדיק געקרימט — אפשר האָט ער זיך קעגנגעשטעלט און פּאָליציי האָט אים דערשאָסן?...

זי האָט דערפילט אַ קעלט איבערן לייב. די אומרו האָט זי אויפגעריסן פון אָרט. באַהאַלטן דאָס שטיקל צייטונג און מיטן בוך אונטערן רעכטן אָרעם זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער אַלטער אויסגעטראָטענער סטעזשקע צו דאָן טשיטשעס שטיבל. אַ שטילער גערויש פון די צעצווייגטע בלעטער־פלאַנצן, איז איר פון דאָרטן אַנטקעגן געקומען, אָן אַנגענומענער מיט וואָרענונג. פון ערגעץ נאָענט האָט זיך געהערט דאָס קלאָגנדיקע בילן פון אַן איינזאַמען הונט, אַ גרויסער שוואַרצער פויגל מיט שפּיציקע בייזע פליגל האָט זיך אַ טראָג־געטאָן פון איין בוים צום צווייטן, באַגלייט פון אַ שאָרפן קוויטש וואָס האָט צעריסן די שטילקייט פון אָרום, אַן אימהדיקע קעלט האָט אַ ווייע געטאָן איבער רחלס געבויגענעם קאָפּ.

די אַלטע פּילאַר, אַ שווערע און איינגעבויגענע, איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן די קלעטער־פּלאַנצן. זיך עטוואָס אויסגעגלייכט און געלויערט מיט די בליקן אין דער טיפקייט פון גאָרטן און פון דאָרטן צום אידישן שטיבל... רחל האָט געקוקט אויף איר מיט דערשטוינטע בליקן. זיך פאַר־שטעקט צווישן די פּלאַכטעס פון אַ בוים און מיט געצוימטן אָטעם געוואַרט. קרעכצנדיק אין זיך, האָט די אַלטע אַריבערגעשפּאַנט דאָס ניי־דעריקע פּלויטל און מיט לייכטע טריט פון די באָרוועסע פיס זיך גערוקט אַלץ נענטער צום וואָרשטאַטל. גיסנדיק פאַרכישופטע וואַסער פון אַ פלאַש האָט זי שטיל געמורמלט די אויסגעלערנטע ווערטער: „העלף מיר, היי־ליקע מוטער, אַז מיין זון זאָל פיינט האָבן די אידישע מויד, דעם טייוולס טאָכטער... די אירע האָבן דאָך דיין זון געקרייציקט... העלף מיר, אַז פון דעם כישופדיקן לייב אירן, וואָס ציט צו זיך צו מיין קינד, — זאָל זיך פילן אַ שלעכטער ריח... און זאָל ער פון איר אַנטלויפן...”

רחל האָט אומעטיק געשמייכלט, געוואוסט, אַז די אַלטע איז אַבער־גלויבעריש, מאַכט אַליין פולע פלעשער מיט כישופדיקע וואַסערלעך און גייט אויך צו קאָרטנוואָרפערנס און אַפּעריסטן. קיין כעס האָט רחל נישט געפילט צו דער אַלטער, אַלע אירע חושים האָבן זיך מיט נאָך מער אימ־פּעט, מיט איבערמענטשלעכער געטרייקייט צונויפגעגאָסן מיטן חתנס לעבן: די אַלטע לייט טרייבן אים פון דער היים... ער שווייגט, אָבער ער איז אומגליקלעך פונקט ווי די אידישע כלה זיינע.

די אַלטע איז געגאַנגען צוריק, שעפּטשנדיק שטיל אַ תפילה. רחל האָט זיך ווי אַן אָפּגעבריטע אַ לאַז געטאָן אין וואָרשטאַטל. אַ שווערער ריח פון איבערגעשטאַנען וואַסער מיט פאַרשידענע קרייטעכצער איז איר אַנטקעגן געקומען. אויך יאָסל מיט דער אַלטער זיינען אַריינגעקומען. ער האָט אָנגעצונדן דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ איבערן אַרבעטס־טיש, וועלכער האָט געשפּריצט מיט דינינקע בלוי־גרינע פעדעמלעך, געוואָרפן אַ מאַטן אָפּשיין אויף רחלס בלייכן פּנים, דעם צאַרטן. די שוויגער האָט אַ קוק געטאָן צום איידעם און באַלד די בליקן צום אייניקל אַריבערגעטראָגן:

— באַ אונדז, רחל, הויבט שוין אָן צו טאָגן... און באַ דיר, ווי איך זע, איז נאָך נישט נאַכט געוואָרן!

פאַרוואָרף איז געווען אין איר קול. רחל, אַ דערדריקטע, איז אַרויס אין דרויסן, די אַלטע האָט אָפּגעזיפצט און זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איידעם, באַ אַ לאַנגער ברעט אויף צוויי הויכע הילצערנע קאָניקעס. ביידע נעבויגענע, פאַרטאָן אין זייערע געדאַנקען, האָבן זיך גענומען פאַרבן צוויי קליינע שטילעכלעך. פאַרנומענע חשיבות האָט גערוט אין די ווינקלען, אויסגעמישט מיט לאַנגע צעוויגטע שאָטנס און מיט ריחות פון פרישער פאַרב.

אין די זומערדיקע פאַרטאָגן, ווען די לופט אין גאָרטן איז אַ קילע, אַ שמעקנדיקע, האָט דבורה ליב געהאַט צו זיצן צווישן די ביימלעך און אויף אויסנווייניק זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים אָדער נאָר ציטירן שטיקער פון

איוב, אויך קוקנדיק צו די זיך־לעשנדיקע שטערן ווי אף גאָטס וואונדער, מיט גליק אין איר שמייכל, פריי אויסלאַכן יעדער מענטשלעכער גאווה און די נישטיקייט, וואָס דערפירט סוף כל סוף צו רשעות...

זינט אָבער דער איידעם האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין די בלויע פאַרטאָגן מיט אַ פּאָר שעה פריער, כדי מיט די פאַרדינטע פּאָר פּעזעס העלפן יענע העלדן פון יענער זייט ים, וואָס שטאַרבן אפן מזבח פון אמת און גערעכטיקייט, — האָט אויך זי, דבורה, אָנגעהויבן צו העלפן... אַריינגעליינגט טויזנט ברכות אין יעדן שטיקל אַרבעט, וואָס דער איידעם וועט מאָרגן פאַרקויפן און אָפּגעבן דאָס געלט אין זיכערע הענט...

רחל איז צוריקגעקומען. געשטאַנען באַם טירל און די צעברויזונג אין די אויגן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער באַליידיקטער אייגנליבע, מיט דער גאווה פון אַ צעבאַלעוועט טעכטערל, וואָס מיינט, אַז נאָר זי איז דער מיטלפּונקט פון דער וועלט, און אַלץ דרייט זיך אַרום אירע קאַפּריזן; זיי דינען צו דער אַרבעט ווי צו אַ גאָט... קיינער גייט זיי מער נישט אָן. צווישן אַזוינע מענטשן קען מען אויסגיין ווי אַ ליכט און זיי וועלן זיך קיין חשבון נישט געבן... די אָנגעצונדענע בליקן אירע פול מיט פאַרוואורף זיינען צוגעפאַלן צום טאַטנס געבויגענער פּלייצע, איניינעם מיט אַן אויסגעשליפן וואָרט:

— טאַטע, האָסט געליינט די אָוונט־צייטונג?..

ער האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. רחל האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט און איז חושד געווען, אַז דער טאַטע מיט דער באָבען זיינען צופרידן מיט אירע יסורים... דער ווייטיק האָט געריסן שטיקער פון איר פאַרשטיינערט געוואָרן האַרץ: — אויך דער טאַטע פאַרשטייט זי נישט מער!... שאָקלט רואיק מיטן קאָפּ ווי סע זאָל זיך האַנדלען וועגן פאַרקויפן אַ טישעלע, אָדער אַ שטולעכל... ניין, זי וועט נישט אויסהאַלטן דעם עלנט, די בושה. אַלע פאַראַכטן זי...

— נאָך וואָס, טאַטע, האָסטו אים געהייסן גיין אַף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג? — ווידער די שטילקייט איבערגעריסן — ווער הייסט זיך דיר מישן אין אונדזער לעבן? אין פּאָליטיק?

ווייטיק איז געווען אין איר קול, מאָנונג. די טיפע שוואַרצקייט פון די אויגן, ווי צעלאָזענע סמאָלע, האָט געלויערט איבערן טאַטנס צעשוימטער ווייסקייט פון געבויגענעם קאָפּ, אים געהאַמערט מיט אַ פרעמדקייט פון באַנאַכטיקער פראָסטיקייט. ער האָט געפילט דער טאָכטערס שרעק און צאָרן, אויפגעהויבן צו איר דאָס פּנים, אַ רואיקס, אַ באַנגיק־צעשמייכלטס:

— זיין נאָמען, טאָכטער איז נישט פאַראַן צווישן די אַרעסטירטע — געלאָסן אויסגעציילט די ווערטער, זיי צוגעגעבן באַדייט — מעגלעך ער וועט באַלד אַהיימקומען און אפשר איז ער אין שפּיטאָל, פאַרצווייפלען דאַרף מען נישט...

— וואָס הייסט ער איז אין שפּיטאָל? — האָט זי אים די רייד איבערגעשלאָגן — ווייסט דען נישט, אַז האָראַסיאָ האָט איצט וואַקאַציעס?

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אים דורכגעבויערט מיט די בייזע, צונויפגעצויגענע ברעמען און מיט דעם בליכן פּאַריסענעם, געטאָקטן נעזל אירן.

דער טאַטעס טענות האָבן יאָסלען ווי געטאָן. פון אומרו האָט דאָס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון דער פּידזשאַמע, א צאַפּל געטאָן און די מילדע בלויקייט פון די בליקן איז געוואָרן טונקל ווי דער הימל פאַר א שטורעם. יאָסל האָט דערשטיקט אין זיך דעם צאָרן:

— איך, רחל, האָב גלויבן אין דיין האָראָסקאָן!... אים וועט קיינער נישט וואָגן צו פּייניקן... — טאַטער און טאַטע האָבן זיך דורכגענומען מיט מאָנענדיקע בליקן. ער האָט ווידער א זאָג געטאָן:

— ווען א מענטש, רחל, פאַרגאַלאָפּירט זיך אין זיין טפשות, איז ער לעבערלעבער פון א חיה... דיין חתן איז אַן אַרגענטינער... ער האָט ליב דאָס לאַנד זיינס, וויל ער נישט, אז נאָר זיינע חברים זאָלן מיט זייערע הענט שאַרן דאָס פייער, און די קאַשטאַנעס אַרויסנעמען פאַר זיינעטוועגן...

— פּאָליטיקער מיינער! ווער בעט דיין מיינונג?...

חוזק און אויפברויז איז געווען אין איר שטים.

יאָסל האָט א מאַך געטאָן מיטן האַנט:

— א נאַר פאַראַט זיך אַליין אין די מינוטן פון כעס... גיי בעסער פון דאַנען! גיי שלאָפן...

די אַלטע, וואָס האָט פאַר דער לעצטער צייט גע'פועלט באַ זיך ניט צו טשעפּען דאָס אייניקל, געגלויבט, אַז רחל איז שוין אָפן גלייכן וועג, מחמת די צרות וואָס די גוים פאַרשאַפן איר — האָט נישט געקענט פאַר־ליידן די העזה, יאָסלס באַליידיקט האַרץ האָט פון איר שטיקער געריסן, זי האָט אויפגעהויבן צו רחלען דאָס פאַרשפּיצטע בערדעלע, דעם חוזק פון די בלויע קלוגע אויגן.

— פאַר עשום רציחות האָט מען גאָר קיין מורא נישט... שטאַרק ווי שטאָל איז מען... די אייגענע, דער צעבראָכענער טאַטע איז איר א שונא. גאָט אין הימל, עפן איר די צוויי בלינדע אויגן!...

זי האָט זיך א שטעל געטאָן אף די שפּיצן פינגער און פאַרגעזעצט, זייענדיק צווישן די ציטערדיק בלוי־פאַרטריקנטע ליפּעלעך:

—דער טאַטע, רחל, איז נישט קיינעמס משרות... ער איז נישט מחויב אָפּצוהיטן דעם שגץ, דעם היידאַמאַק... ביזט משוגע — רייס פון דיר דאָס העמד!

הויבנדיק דעם טאָן אַלץ העכער, האָט איר פּנימל, גרויס ווי א פויסט, זיך געקרומט: — איבערגענומען זייער „תורה"... וואָס עס זאָל נישט טרעפן, איז שולדיק דער איד!...

רחל האָט געקוקט אף איר מיט צעמישטע בליקן. דער אַלטערס חוזק האָט זי צעקלאַפּט, געמאַכט נעבעכדיק. די אַלטע האָט ווידער געזייעט צווישן די ליפּן:

א שיינעם דאַנק דיר, רחל, פאַר דיין גוט האַרץ... האָסט דאָך אונדז

געקענט אויסהאַקן די שויבן... אריינגוואָרפן אַ ציגל אין שטוב, ווי סע טוען כמעלניצקים אייניקלעך, ווען באַ זיי איז דער מאַנן איבערגע־פרעסן... — אַ בייסיקן לאָך געטאָן — מען מאַכט אַ פּאָגראָם... מען טוט אַ הוליע! אַ שיכור מיט אידיש בלוט און טרערן...

טרערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין רחלס אויגן, אָנגענומענע מיט עלנט און דערשלאָגנקייט. די ווייסקייט פון איר פּנים, האָט זיך מאָדנע אויסגע־טיילט פון קנויל צונויפגעלייגטע לאָקן אויף איר קאָפּ. יאָסל האָט אויף איר אַ זייטיקן קוק געטאָן און דער רחמנות צום איינציקן קינד האָט אים איינגעבראָכן. ער האָט די בליקן צו דער שוויגער איבערגעטראָגן און אויס־גערופן מיט געבראָכנקייט:

— שוויגער, אפשר וועט שוין זיין גענוג מיט אייערע קאָנפערענצן?..

דבורה האָט טרויעריק מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט:

— אפילו דו, מיין זון, ווילסט מיך שלאָגן פאַר אויסזאָגן דעם אמת... איך האָב אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף עמלקן... געשטראָפטע אידישע זין און טעכטער מיינע... — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און פון אויפרעגונג, דעם אָטעם כאַפּן נישט געקענט. די בלייכקייט פון איר טרוקענעם פּנימל האָט זיך געטונקלט, געלאָשן אונטערן ווייטיקלעך צעקרומטן שמייכל ארום דעם אויפגעציטערט, פאַרשפּיצטן בערדעלע. פיינטשאַפט האָט געשרפעט אין רחלס צעפּייניקטע בליקן. די אומרו האָט זי ווי אַן ארויסגעריסן צווייגל, טיף אין גאָרטן אַוועקגעטראָגן...

קאַפּיטל 21

אַנטוישונג

האָראָסיאַ האָט אויפגעמאַכט די פאַרשלאָפענע אויגן, איבערגעצויגענע מיט רויטע פאַרלאָפענע בלוט פעדימלעך, צעמישטע ווי דאָן טשיטשעס אויגן בעת ער כאַפּט איבער די מאָס פון גלעזל. זיך אויסגעצויגן אויפן בעט אין זיין גאַנצער לענג, די קרעפטיק איבערגעמידטע גלידער האָבן אַ קנאַק געטאָן, אַ קוואַל מיט פרישער ענערגיע האָט א ריזל געטאָן אין די אָדערן, אים פון אָרט געהויבן. ער האָט געשלונגען די פרישע לופט, וואָס האָט דורכן פענצטער אריינגעשטראָמט, געגלעט דעם ברוינעם, געזונטן, מיט פערלדיקע טראָפּנדלעך שוויים, באַגאָסענעם ברוסט־קאַסטן.

אַ געהיימע שטילקייט האָט געלויערט פון די ווינקעלען, אָנגענומען מיטן שווערן טיק־טאַק פון גרויסן וואַנט־זייגער. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, מיט ביידע פיס אַראָפּגעלאָזט און זיך שטום ארומגעקוקט. פאַרלעגענער שמייכל האָט זיך געצונדן ארום זיין פאַרנאַשט מויל. די זיכערקייט פון אַ געניטן שפּילער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. אַן אינערלעכער דראַנג האָט אים געטריבן וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון יענעם ווינקל... די גרויסע וואַסערדיקע אויגן, אָנגע־

גאָסענע מיט זשעדנעקייט — פון פירערס בילד קעגן בעט — האָבן אים געבריט. די וואָנצעלעך, די צווייַ שלענגלעך, האָבן זיך געדרייט אַהין און צוריק אין אַ צעקרימטער חוזק גרימאַסע. האַראַסיאַ האָט אַן אָפּגעהאַקטן לאַך געטאָן:

— מיך ווּעסטו נישט איבערשרעקן. עס איז דער רוסישער שטאַר־קער בראָנפּן, וואָס דרייט זיך נאָך אין מיינע געהירן... זיי, די גרויסע וועלט־פּאָליטיקער, האָסטו אַריינגענאַרט אין מויז־לאָך... האָבן גע־מיינט, ווּעסט ראַטעווען די אָנגעפרעסענע מאַגנס זייערע... האַראַסיאַ שפּייט אָף דיר... שפּייט אָף אייך אַלעמען... און אפשר ביזטו טאַקע אַ פּאַטריאָט?... דער פּליישיקער בויך האָט נעכטן באַם קאָרטן־שפּיל גע־לויבט דיין חכמה, פאַרזיכערט, אַז דו ביסט געשיקט געוואָרן פון דער השגחה צו ברענגען דעם דייטשן פאָלק די קרוין פון וועלט־הערשאַפט... און איך, הער פירער, וויל נישט הערשן, און וויל מיך נישט לאָזן באַ־הערשן!... איך שווער דאָס דיר!.. פאַרשטאַנען?...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום בעט און גרעטעס רויט, דין זיידן נאַכט העמד, וואָס האָט אַפּירגעשטעקט פון אונטערן קישן, האָט אַ בלענד געטאָן זיינע אויגן. דאָס בלוט האָט אַ דרוק געטאָן צום קאָפּ, געשרפּעט די אברים דער באַגער צו האָבן לעבן זיך גרעטען האָט ווי אַ שווערע מאַסע געדריקט זיין האַרץ, דאָס פּנים איז געוואָרן רויט ווי באַ אַ קאַצאַפּ, רויטע אומהיימלעכע פלעמלעך האָבן זיך געטוקט אין די אויגן.

— ניין, ער וועט זי נישט איבערלאָזן, די בלאָנדע אינדיטשקע, אָן אַ זייַ־געזונט... אַ רוח איז דאָס! אַ „זי", וואָס האָט אַנטפּלעקט אין אים אַלע מאַנסבילשע איינפאַלן... — אויפגעהויבן די אויגן צום בילד, אַ פּרעסערישער שמייכל האָט זיך געשניטן אַרום די פאַרנאַשטע ליפּן: — זי האָט דיך פאַראַטן... אויך מיך וועט זי פאַראַטן... איך ווייס דאָס!... עפּעס וויל זי פון מיר... אַ הייסע, אומפאַרשעמטע „זי."... איך וועל איר געבן!..

האַראַסיאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן זוים פון בעט, אַריינגענומע־דעם קאָפּ אין די הענט און אַ לאַנגן גענעץ געטאָן — וואו זיינען איצט די חברים?... זיינען זיי אַנטלאָפן?... וואָס וואָלטן זיי געזאָגט אָף זיין אוואַנטורע?... אים גערופן פאַרעטער?... אידיאָט! אַ מאַנצביל איז ווי אַ קאַלב אין אַ טשערעדע... ווערט געפירט פון אינסטינקט... און זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון אזא געשמאַקן חלק?... האַראַסיאַ האָט נישט קיין מורא פאַר קיין ווענדקעס... זאָל זי פּרוּוון!... האַראַסיאַ איז דאָן טשיטשעס זון!...

אין דעם האָבן זיך די ברייטע פאָרהאַנגען איבער דער טיר אַ צענעס געטאָן און גרעטאַ איז אַריינגעקומען, אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם רויטן פרימאָרגן־ראָק, די שווערע, פריש געקעמטע און שאַרף פערפומירטע לאָקן, זיינען ווי פלעשער אַרום די שטייפע בריסטן און אַרום האַלדז און

נאָכן געפאַלן. האַראַסיאַ איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ בליץ, זי אַריינגע־כאַפּט אין זיינע שטאַרקע, פאַרצוקנדיקע אָרעמס, מיטן אימפּעט פון זיין צערייצטער תאווה זי אַריינגעוואָרפן אין בעט, געזונקען אין אירע שטאַרק לאַקנדיקע אָרעמס ווי אַ בליץ אין די טיפענישן פון אַן אויפגעריסענעם וואַלקן...

שפּעטער, איינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אַ גליקגעגליטיקער, מיט אַ מידן, געזעטיקטן בליק אין בעט געלעגן, איז אים מער קיין שום זאַך נישט אָנגעגאַנגען. די גלידער האָבן זיך געבעטן מנוחה, פאַרגעסונג. גרעטאַ, אָנגעטאָן אין אַ גרין, זיידענעם אָנצוג, איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און געפאַרבט די ליפּן, מענערישע געזונטקייט האָט זיך געריסן פון איר. אַ זאַטע איבערגעפרעסנקייט. אַריינגעשטעקט אַ גאָלדן האָקנקרייצל אין לאַץ, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום בילד, צוקלאַפּנדיק מיטן רעכטן פוס אָפּן פּאָל, אונטערגעברומט:

— וויר איזט גוט, וויר איזט גוט, ווען פון מעסער עס רינט דאָס יודען־בלוט...

— הייל מיין שיינער בוב... אָף ווידערזען מיין ליבער יונג, רום פאַרן פאָטערלאַנד... — זיך אויסגעדרייט און מיט צענומענע מענערישע אַקסלען פון אַ געזונטן פורמאַן, אַרויס פון זאַל.

האַראַסיאַ איז רויט געוואָרן... געוואוסט, אַז זי שפּילט זיך מיט זיינע געפילן, וויל אים מאַכן אייפערזיכטיק, און דאָך נישט געקענט ליידן איר קאַלטקייט. זיין מענערישע אייגנליבע איז געלעגן לעבן אים אַ שוואַ־כע, אַן אומבאַהאָלפענע. ער האָט געוואָרט זי צו זען אַ פרוי ווי אַלע.

— האָסט מיך ליב, האַראַסיאַ? ווען וועסטו קומען נאָך אַמאָל?...

— קיין באַשטימטע שעה קען איך דיר נישט געבן... איך לערן, בין פאַרנומען...

— גוט, איך וועל וואַרטן באַם שפּיטאָל...

— ניין, אַז איך וועל צייט האָבן וועל איך אַ קלונג טאָן צו דיר...

אַ סך מאָל האָט זיין לאַקאָנישער ענטפער אַרויסגערופן שרעק און געוויין באַ זיין מיידל, זי געמאַכט טרויעריק. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך אויסגעהיט פון איר, מורא געהאַט זי וועט אים פאַרפאַלגן, פאַרפינצ־טערן דאָס לעבן... גרעטאַס גלייכגילטיקייט האָט אים איינגאַנצן צעטומלט. ער איז גרייט געווען אַף די גרעסטע נאַרישקייטן, אַבי זי צו זען אַן אונ־טערטעניקע, אַ פאַרליבטע... דער קילער, שמעקנדיקער ווינט האָט אַריינ־געוויייעט דאָס שטילע געזאַנג פון ערשט באַגאָסענע בלומען, דאָס זשומען פון אַ בין. האַראַסיאַ האָט טיף געאָטעמט דורך די צעשפּרייטע נאָז־לעכער. באַם האַרץ־גריבל האָט זיך אַ קאַלט ווינטל צעוויייעט, דורכ־גענומען מיט נאָגנדיקער פּיין און ביטערער אַנטוישונג.

פון גאָרטן האָט זיך געהערט אַ פאַרבענקט קול, אַ טרויעריקס און אַ זיס. האָראָסיאַ האָט ברייטער צעעפנט די אויגן, אים איז גוט געווען צו הערן דאָס דאָזיקע קול.

קאַפּיטל 22

זיך דערנענטערט צום טאַטן

בלייבע שטילקייט האָט גענעסטיקט אַרום יאָסל מויל, שטוינען. ער האָט מעכאַניש אַרויפגערוקט אַפן אַקסל אַ בינטל מיט בענקלעך, און איז אַרויס פון וואַרשטאַט. די שווינגער איז אים אַנטקעגן געקומען:

— וואָס איז דאָס איילעניש?... אַ מענטש זאָל זיין אַזוי צעקראָכן... אַ קניש מיט ווייַנשל...

— וואַרט נישט, שווינגער, מיטן אָנבייסן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך אויסגעדרייט און אַוועק. די שווינגער האָט אים נאָכגעקוקט מיט ווייבע בליקן און אָפּגעזיפצט, גע־וואוסט, אַז דער איידעם פאַרט ווידער אין אידישן צענטער. ער וויל הערן אַ טרייסטוואָרט... און איר קומען זאָגן די גוטע בשורה, אַז די אידישע צייטונגען, וואָס די רעגירונג האָט געהייסן שליסן — זיינען שוין ווידער אָפן...

אָפן ראָג פון קאָריענטעס און קאַסטעלי האָט יאָסל אַ סך באַקאַנטע אידן געזען. ער איז געשטאַנען פונדערווייטנס און האָט באַטראַכט די נישט אידישע פאַרבייגייער: זיי פילן נישט ווי אים קלאַפּט דאָס האַרץ... ווייסן נישט פון ביטערן טעם — אייביק אָפּצוקומען פאַר פרעמדע זינד... די פיס האָבן אים אַ טראָג געטאָן צו „די פרעסע". אַ פּאָליציי אָגענט האָט צעטריבן אידן פון ראָג. יאָסל האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ סך ליב־שאַפט, ווי אויף אייגענע געקריוודעטע קינדער... ער האָט אַ זיפץ געטאָן: די דאָזיקע אידן מוזן זיך שרעקן פאַר שלעכטע צייטן מער, ווי ער שרעקט זיך... ווייל זיי זיינען גליקלעכער פון אים... ער איז שוין דאָס ערגסטע איבערגעקומען, איז געבליבן נישט מער ווי אַ נייגעריקער צו־קוקער צום גרויזאַמען שפּיל מיט מענטשלעכע לעבנס... כאָטש נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר ווילט זיך אַזוי שלעפן... עס ווילט זיך דערלעבן עפּעס בעסערס, שענערס... אַ קלוגע אידענע, די שווינגער, אַ מענטש מיט שכל, זאָגט זי, טאָר זיך נישט פאַרלירן... די גליקלעכע — זיי מוזן אוודאי זיין שטאַרק — יעדער טאָג פון לעבן ברענגט זיי דאָך עפּעס נייעס און בעסערס...

ער האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו די צעטריבענע אידן, באַם אַנדערן ראָג.

— וואָס איז דאָס פאַר א מרה־שחורה?... זיי האָבן פאַרשפּעטיקט די באַן?... מיר האָבן שוין איבערגעלעבט ערגערס... אידן וועלן בלייבן אידן... דער מענטש — דער באַלעבאָס איבער דער חיה.

— עס איז גרינג צו שלאָגן א געבונדענעם, האַ?... — צעפירט א איד מיטביידע הענט פאַר יאָסלס נאָז און קוקט דערביי אַף דער צעבוואַליעטער ווייסקייט פון זיין קאָפּ.

יאָסל פילט ארויס דעם טרויער פון יענעמס קול, און דאָס שטיקל אָרעם אין ארבל פון דער פּידזשאַמע טוט א צאַפּל... עלנט, תרעומות, שלאָגט אַף אים פון יעדן ווינקל. פון די הויכע שטיבער האָט געווייעט מיט קאַלטער שטומקייט, מיט רציחה, מיטן ריח פון פּאָגראָם.

— נאַט און לייענט! — האָט א איד א צענעם געטאָן א שפּאַני־שע צייטונג. — די ניו יאָרקער „טיימס" שווייגט נישט...

— נאַט אייך א פּיטאַק, רב איד, פאַר די אלע „באַשיצער"... אלץ איז צעפוילט ביזן מאַרך פון די ביינער! — רופט אוים פאַרעקשנט א צווייטער — סיידן דאָרטן...

— הונדערט פּראָצענטיקער יושר איז פאַראַן נאָר אין די קברים...

— שוואַרצמאַהניקעס מיט הויכע צילינדערס, מיט פראַקן און מיט ווייסע הענטשקעס — זיי זיינען קאַלט־אויסגערעכנטע מערדער... פּונקט ווי היטלער מיט זיינע קנעכט... — רעדט מיט באַדרויערן א יונגער בחור — אומזיסט האָבן מיר אונדזער בלוט פאַרגאָסן. אזוי איז דאָס... זיי אַליין האָבן געהאָלפן אָנצינדן דעם שייטערהויפן און איצט שרייט מען, ראַטאַוועט...

— זייערע זין גייען נישט אין דער מלחמה... — שמייכלט אַן אויסגעדאַרט אידל מיט א שמאָל אומרואיק פּנים — א סך געפינען זיך אין אַרגענטינע... לעבן א גוטן טאָג... נאָך דער מלחמה וועלן זיי צוריק־פאָרן, וועלן באַקומען גאָלדענע מעדאַלן פאַר זייער העלדישקייט קעגן שונא... איך אַליין האָב אויפגענייט עטלעכע טייערע אָנצוגן פאַר אזעל־כע נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטישע העלדן...

אויך רחל, יאָסלס טאָכטער, איז אין דער זעלבער צייט געווען אוי־סער זיך. זי איז געשטאַנען לעבן בעטיס שרייב־טיש און געקוקט מיט פּיבערדיקע בליקן, אָנגענומענע מיט צעמישונג, מיט אומגלויבלעכקייט געקוקט אין א בויגן פּאַפּיר, א דעקרעט, וואָס האָט געציטערט צווישן אירע פינגער. רחל האָט דערשטיקט אין זיך די פּיין, פון צופיל אָנ־שטרענגונג געפילט, אז די שטים־בענדער אירע ווערן צעריסן... פייכטע כמאַרעס האָבן זיך געטוקט אין בעטיס בליקן, פאַרלוירנקייט. זי האָט אריינגערעדט אין פּאַפּיר:

— דריי טעג און דריי נעכט, רחל, האָב איך זיך געפּייניקט, גע־האַלטן באַ זיך דעם באַפעל און קיין כוח נישט געהאַט דיר אויסצוזאָגן...

זי איז אָנטשוויגן געוואָרן. ווידער אויפגעהויבן די אויגן און גע־זיפצט. רחל האָט קיין וואָרט נישט געקענט ארויסברענגען. געוואוסט,

אַז אַ סך אידישע לערער און לערערנס זיינען די טעג אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע לאַנגיאַריקע פּאָסטנס, אַמערסטנס אין די גרויסע פּראָווינץ שטעט. בעטי האָט ווידער די שטילקייט איבערגעריסן:

— גלויב מיר, אַז דיין בעטי איז אומגליקלעך... געזוכט עצות בּאַ דיינע פּאַך־קאָלעגנס און קיינער פון זיי איז מיר נישט אַנטקעגן געקומען. מיין האַרץ ווערט צעריסן פון רחמנות...

געבראָכנקייט איז געווען אין איר קול.

רחל האָט צונויפגעצויגן די שווערע ברעמען און איר דורכזיכטיק ווייס פּנים איז געבליבן שטום ווי אַ מצבה, אָן שום סימן פון לעבן... זי האָט שוואַך געמורמלט:

— האָסט מיר נאָך עפּעס צו זאָגן, בעטי? — מידקייט איז געווען אין איר קול און יענע בענקשאַפט נאָך מנוחה פון אירע געפּייניקטע דורות.

אַ וואָרעם שמייכעלע, אַ גליקזעליקס, האָט זיך צעוויִעט אַרום בעטיס ליפּן, איר בוזים האָט זיך געהויבן אַראָפּ און אַרויף. די פרייד האָט אויפגעלעבט. גאָט צו דאַנקען. זי האָט אויסגעהאַלטן, די אָרעמע... נעמיינט, זי וועט פאַלן פון יסורים, פון באַליידיקונג...

רחל האָט ווידער אַ זייפץ געטון צווישן די בלייכע, אויסגעצויגענע ליפּן:

— און דו, בעטי, וועסט בלייבן? מיך קען מען דאָך אין קאָמוניזם נישט באַשולדיקן, ווי יענע חברים אונדזערע זיינען באַשולדיקט געוואָרן...

מאַנונג איז געווען אין איר קול.

צערודערונג איז אויפגעגאַנגען אין בעטיס בליקן. זי האָט שטיל אָפּגעענטפערט:

— יעדער איינער, רחלע, מוז דאָך פאַר זיין אייגענער עקזיסטענץ זאָרגן....

רוגזע און שפּיציקע פייערלעך האָבן אַ ברען געטאָן אין רחלס אויגן. דער באָבעס חוזק. זי האָט אַרויפגעלייגט די הענט אָפן פּנים, געקרעכצט ווי אַ געבונדענע:

— גאָט מיינער!... וואָס פאַר אַ בושה, אַ דערנידערונג, האָסטו אָנגעשיקט אויף מיין פּאָטערלאַנד!...

פון די טיפע ווינקלען, אָנגענומענע מיט שמעקענדיקע ריחות און מיט רויטע שטיקער שיין, פון די געבעטע שטולן בּאַ די ווענט, פון דער גרויסער ביבליאָטעק, פון די הויכע וואַזאָנעס בּאַ דער טיר און בּאַ די פענצטער, האָט פּלוצים אַ שלאָג געטאָן אויף איר מיט באַנג און בענקשאַפט. רחל האָט אַרויפגעלייגט די הענט צו זיך אָפן האַמערדיקן האַרץ און אַ געלאָסענע אַרויס פון זאַל.

דער ברייטער הויף האָט זיך געבאָדן אין אַ זילבערדיק צעכוואַליעטער שיין — גרינע און פייערדיק־רויטע זון־טעלער האָבן געציטערט

צווישן די צעווינטע גראָזן און אַף דער גרויסער פּאַטערלענדישער פּאַן, וואָס האָט מעכטיק און פריי, ווי דאָס וואָרקען פון טויבן, איבער אַ בראָנזענעם ביוסט פון סאַרמיענטאָ, געפּלאַטערט. די שילער, אויסגעפּוצטע אין ווייסע שול־פאַרטוכער, מיט קליינע פּאַטערלענדישע פענדלעך אין די אויפגעהויבענע הענט, באַגאָסענע מיט פרייע ווינטלעך און מיט אַ גרינעם אָפּשיין פון די צעכוואַליעטע בוימער אַרום זיי, מיט ערנסט אין די לויטערע, גלויביקע בליקן, האָבן געוואַרט, אַז די דירעקטאָרשע זאָל קומען און זינגען מיט זיי דעם נאַציאָנאַלן הימן און זיי אין די קלאַסן־צימערן אַריינבאַגלייטן.

רחל, אַ צעטומלטע, ווי זי וואָלט פאַרגעסן, אַז מען האָט זי אַרויסגעריסן פון איר ווינקל, פון איר לעבן — האָט מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק אַרומגענומען דעם הויף. אירע פאַר־קאָלעגנס האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרלעגנהייט און באַלד די בליקן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט. זי איז צוגעלאָפן צו אירע קינדער און לויט דער אַלטער געוואוינהייט זיי אָנגעהויבן ציילן. די ליפּן האָבן זיך געקרימט און די פּוסטקייט באַם האַרץ איז געוואָרן טיפער. דער אָפּגעזאָגטער לערער איז אַרויסגעקומען פון קלאַס־צימער, אַ געשטרעקטער, חזק, פאַראַכטונג האָט גענעסטיקט צווישן די מעסערדיקע פאַלדן אַרום זיין ברייט צעגאָוועט מויל און אַרום דער באָרד. רחל האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטאָן און איז געוואָרן געל ווי וואַקס. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט: רחלס קלאָרע, אומשולדיקע און ווייכע, זיינע — שפּיציק צעלאַכטע און נקמה־נעמענדיק ביטערע. אַ קעלט האָט דורכגעשאָכן רחלס אבֿרים. זי האָט אַ צעווייטיקטן שמייכל געטאָן און אַ שטילע, אַן אַראָפּגעזעצטע, אַריין צוריק אין קלאַס. זי האָט געפילט אַף זיך די קלאָרע בליקן פון אירע שילער, געפילט דעם ביטערן טעם פון אַ גרויזאַמער צייט. מעכאַניש, ווי די כּוחות וואָלטן זי אינגאַנצן פאַרלאָזט, האָט זי אויפגעשלאָסן די טיר פון שאַפע און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ טאָרבע מיט וואָל און שפּיזלעך און אויך אַ בוך. אַלץ פאַרבאַהאַלטן אין איר שול־טאַש, אויפגעהויבן די אויגן צו די ווענט, און דאָס האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט פון יסורים, ווי בײַ אַ מאַמע, וואָס לאָזט איבער איר קראַנק קינד אין שפּיטאָל אָן האָפענונג אַף אַ רפואה. רחלס לעבן, די פרייד, די מענטשלעכע דערהויבנקייט, איז געלעגן אַף דער ערד אַ געקוילעטע, אַ קלאָגעדיקע — אין טייכן פון איר אייגן בלוט מיט די טרערן. דעם לערערס שפּיזיקע בליקן האָבן געשטאָכן איר געבויגענעם קאָפּ, געבריט און שטיקער געריסן פון יעדן אבֿר. אַ ווילד געשריי האָט זיך אַ ריס געטאָן אין בלוט, יענע אַלטע תּרעומות, די מאָנונג פון אירע געפּייניקטע דורות, וועלכע זי האָט יאָרן־לאַנג געזוכט צו דערשטיקן אין זיך, זיי אויסדרייסן פון האַרץ, פון די חושים, ווי עפּעס אַ מיאוסע קראַנקייט... אַט דער געשריי האָט געהאַמערט איבער איר געבויגענעם, פאַרשעמטן קאָפּ, איר געהייסן לויפן צום טאַטן, זוכן בײַ אים טרייסט... אַ בענקשאַפט נאָך מנוחה איז אויפגעגאַנגען אין איר,

דער כוח פון אירע געפּייניקטע דורות, די אייביקע טרוימער און וואָגלער, וואָס גייען דורך טייכן פון אייגענעם בלוט און טרערן און זוכן אַ ווינקל אַף גאָטס פאַרשאָלטענער ערד, וואו קיינער וועט זיי מער נישט פּייניקן און דערנידעריקן...

אַרונטערגעלייגט אונטערן רעכטן אָרעם דעם שול־טאַש און איז אַרויס פון קלאַס, צוואוואַרפנדיק אַ טרויעריקן שמייכל צו אירע שילער, וועלכע האָבן מיט ברייט דערשטוינטע בליקן זי באַגלייט ביז צום אַרויס־גאַנגס טויער... יעדעס בלעטל פון די ביימער, יעדעס צעשוימט גרעזל, איז פּלוצים געוואָרן אַ שפּיציקער בליק, אָנגענומען מיט חוזק און אי־בערמענטשלעכער פאַראַכטונג און געשטאָכן אירע געבויגענע פּלייצעס, די שווער באַלאָדענע מיט דער אומרחמנותדיקער לאַסט פון מענטשלע־כער רשעות.

זי איז אַפן אַנדערן ראָג שטיין געבליבן. די בענקשאַפט נאָך די שי־לער, נאָכן קלאַס, וואו זי האָט די שענסטע פאַנטאַזיעס פון אירע מענטש־לעכע חלומות איבערגעלאָזט, האָבן זי געצויגן אַהין, ווי מיט אַ מאַג־נעטישן כוח... אַ מאַכטלאָזע, האָט זי צוגעשפּאַרט די פּלייצע צו אַ וואַנט, זיך אַ שטעל געטאָן אַף די שפּיצן פון די פינגער און פאַריסן דאָס פּנים, די צעפּייניקטע בליקן, געהייליקטע אין וואַרעמע שטראָמען טרערן — האָבן געציטערט אַף דער צעווייעטער פּאַטערלענדישער פאָן איבערן ביוסט פון גרויסן פּראָפעסער. דאָס ווינטל האָט צעטריבן ווייט און ברייט אַ געזאַנג פון די קינדערלעך מיט די פענדלעך אין די אויפגעהויבענע הענט וואָס האָבן זיך געוויגט פאַר אירע אויגן, ווי בינטלעך מיט ווייס־בלויען פּרילינגס־צוויט — צווישן די אָפענע פליגל פון טויזנטער ווייסע טויבן... זי האָט שווער און דורך שטיקנדיקע טרערן מיט געשעפּטשעט:

— הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף: פרייהייט, פריי־הייט, פרייהייט!...

אַפּדערנאָכט האָט אַ טויטע גרויע שטילקייט אַרום שטיבל געגלי־ווערט. אַ דין נאָרלדיק רעגנדל האָט זיך מאָנאָטאָן געזיפּט אימהדיק און איינגעגעסן איבער די פאַרוויינטע שייבלעך פון אָפענעם פענצטער געקלאַפּט. גרוי און אומעטיק איז דער הימל, ווי אַ פאַרוויינט פּנים פון אַן אבל. די דינע, אויפגעשווידערטע ביימלעך אַרום וואַרשטאַטל, באַ־זעצט מיט בליציקע וואַסער־טראָפּנס, ווי געהייליקטע טרערן פון געפּיי־ניקטע אידישע טעכטער... יאָסל איז געזעסן אין אַ ווינקל פון זיין וואַר־שטאַטל און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. זאָרג און הייליקע ווייסקייט איז געלעגן אַף זיין פּנים און אַפן געבויגענעם קאָפּ. בלויע נאָרלדיקע שטראָמען ליכט האָבן זיך מיט שאַרפקייט פון עלעקטרישן לאָמפּ געריסן, באַלויכטן די ווינקלען מיט דער אויסגעפּאַרטיקטער אַרבעט. דבורה אין אַ שניי־ווייס קאָפּ־טיכל, מיט אַ ריין געפּרעסטן פאַרטוך, האָט אויפגע־הויבן דאָס פּנים פון אָפענעם ספר איוב; דאָס עקשנותדיקע בערדעלע

יום־טובדיק פרום האָט זי אויסגעזען, ארומגענומען מיט ריחות פון שבתדיקע פרישע געבעקס.

— געהערט, יאָסל, מ'האָט נישט געלאָזט די אידן דאַווענען אין דער גרויסער שיל... עשו מיינט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן נאָר אונדז צו פּייניקן...

אָנגערוקט די ברילן אויף דער נאָז און מיט א גוטמוטיקן געבייזער ווידער צוגעגעבן:

— איך האָב זיי אַלע אין דער לינקער פּאה... גאָט איז שטאַרקער פון קינם מעסער... און גיי, יאָסל, רוף אהער דאָס קינד... אירע שיפן זיינען נישט אונטערגעגאַנגען... א נייעס באַ מיר, פעטלורע זאָל זיך א שפּיל טאָן מיט אידיש בלוט... טפוי, צו מיינע שונאים!...

יאָסל האָט אויפגעהויבן צו איר די בליקן און ווידער באַוואונדערט דעם כוח און דעם בטחון אין איר.

— ניין, די שוויגער ווייסט נאָך אַלץ נישט, אַז די שענדער, די קוילער פון א וועלט, איז די רויבערישע וועלט־מאַכט פון די איידעלע, באַטיטלטע, „פּריווילעגירטע", מיט שוואַרצע גיהנמדיקע נשמות... און די פעלקער ווערן פאַרשרהפעט פון דעם דאָזיקן גיהנום, דעם בראַנדיקן תהום פון האַס און פאַרדאָרבנקייט... — ער האָט א זיפץ געטאָן. דאָס שטיקל אָרעם אין ארבל פון דער פּידזשאַמע האָט אַלע מאָל אויפגעצאַפּלט. דבורה האָט דערפילט דעם איידעמס אומרו, דערפילט אַז עפּעס נישט דערזאָגטס איז שטעקן געבליבן צווישן די פאַרשטומטע ליפּן.

— א מענטש, מיין קינד, קען זיך נישט דערגרונטעווען צום אַל־מעכטיקנס וועגן... זאָלן זיי קאָמאַנדעווען, די גרויסע פּלאָקנשיסער.... העלדן, וואָס שלאָגן נאָר געבונדענע... סע שטייט נישט געשריבן, אַז מען מוז דווקא זיין אַן איינגעבעטענע לערערקע...

ער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט, זיך אויפגעהויבן און אוועק צום שטיבל. דער טיפער טרויער אין רחלס ברייטע בליקן האָט דורכגע־בראָכן די שטוביקע טונקלקייט. מיטביידע הענט אונטערן קאָפּ איז זי געלעגן אפן בעטל און זיך געפּייניקט; דער באָבעס גוטסקייט, איר רוי־מען און שאַפן א געמיטלעכע שטימונג פאַלט איר צו לאַסט... באַליידיקט... און האַראַסיאַ ווייסט פון גאָרנישט. ער איז נישטאָ, אפשר האָט מען אים פאַרשיקט אפן אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ? — האָט דער ווייטיק גע־פיבערט די אָנגעשטרענגטע נערוון — נאָר ער וואָלט זי איצט געקענט אָפּראַטעווען פון אומקום... — האַראַסיאַ, ליבסטער מיינער, ווי עלנט, ווי אומגליקלעך איך בין!... אַלע האָבן מיך פאַרשטויסן, פאַרוואָס?

לויטערקייט האָט זיך צעכוואַליעט אין איר געפּייניקט האַרץ, אויס־געקושט דאָס וויינענדיקע בלוט פון די אָפענע וואונדן. זי איז געוואָרן לייכט און דורכזיכטיק, ווי א פאַרלוירן וואַלקנדל. זי האָט אויסגע־שטרעקט די שמאָלע צוויי הענט, פאַרשעמטע און בלייכע — צו א בלויען שטראַל, וואָס איז דורכן אָפענעם פענצטער אריינגעפאַלן און

נעוואָלט איניינעם מיט אים זיך אויפהויבן צו דער הימלישער טיפקייט, וויינען דאָרטן, ווי די טעכטער פון ציון אַפן חורבן ירושלים...

יאָסל איז געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער און קיין מוט נישט געהאט צו פאַרשווערכן דער טאָכטערס שווייגן. די באָבע האָט זיך אַריינ־געשטעלט אין טירל און אַריינגערעדט אין אייניקלס גלייכגילטיקן פּנים, דעם דורכלויכטיק בלייכן.

— שעם זיך, קינד מיינס, מיט דיין שוואַכער נאַטור... און אַז מיר האָט יענע וואָך אַ הונט אַ ביס געטאָן... נו, בין איך נתפּעל געוואָרן?... הינט בייסן. — דבורה האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיצן פון די פינגער, און אַ לויטער ווינטעלע האָט זיך צעווייעט אין דער פרומער בלויקייט פון די אויגן: — דו, קינד מיינס, דאַרפסט זיין גליקלעך, האָסט מיט וואָס אַנטקעגנצוקומען דער וועלט און די מענטשן. אַ ריין האַרץ איז ווערט מער ווי אַלע אַנגעראַבעוועטע אוצרות... פּעטרושיק איז גע־פּגרט פון אַ ביס פון אַ קליין פּליגעלע...

— וואו, באָבע, האָסטו אַנגענומען אַזוי פיל כוח איבערצוטראָגן די אומגליקן? — האָט רחל שטיל געפרעגט און אירע אויגן האָבן געקוקט מיט טיפן מיטגעפיל — זאָג מיר, פון וואַנען שעפּסטו דיין מערקווירדיקן גלויבן?

דבורה האָט ברייט און צופרידן געשמייכלט:

— דער כוח פון גערעכטיקייט, מיין קינד, איז דער איינציקער און דער שטאַרקסטער. פּעטליורע האָט אונדז געקוילעט, געבראָטן לעבעדי־קערהייט און ער איז צעשטויבט געוואָרן, זיין נאָמען וועט קיינמאָל נישט דערמאָנט ווערן צום גוטן, און אויך נישט זיינע לייט... שקר און גזלה וועלן אונטערגיין...

רחל האָט איר די רייד איבערגעשלאָגן:

— גלויבסטו, באָבעניו, אַז אויך מיינע יסורים וועלן נישט פאַר־שווינגן ווערן?...

די באָבע איז צו איר צוגעגאַנגען און געטריי די צעפלויגענע לאָקן געגלעט:

— אַזוי פיל זאָל נאָך דויערן אונדזער גלות, וויפל המנס ממשלה וועט געדויערן... מיר וועלן זיי אַלע איבערלעבן.

זיכערקייט איז געווען אין איר קול און גרעניצלאָזע גוטסקייט. זי האָט ווייטער גערעדט:

— גיי טאָכטער, טו אָן אַ ריין קליידל, וואַש אָפּ און פאַרקעם די האָר... זאָלן שונאי ישראל נישט זען דיין געבראָכנקייט... אויך איך האָב היינט מיין שבתדיקן פאַרטוך אָנגעטאָן... די געשמאַקע אייער־קיכלעך שמעקן איבערן גאַנצן הויף.

— גיי, באָבעניו, מאַך מיר עפּעס עסן. דאָס האַרץ איז מיר אויס־געליידיקט...

זון איז אויפגעגאַנגען אין דער אַלטערס בליקן און אַ איבערמענטש־

לעבער כוח, נצחון... זי האָט שטום געפּאַלגט. רחל האָט אויפגעהויבן אירע בליקן צו דער מאַמעס בילד:

— דיר איז בעסער... קיינער פּייניקט דיך נישט. מען טרעט נישט מיט די פּיס דיין נשמה... פאַרוואָס מאַמע, קומט דאָס אונדז? פאַר וואָס?

אין דעם איז האַראַסיאַ אַריינגעקומען. רחל האָט מיט די חושים זיין אָטעם דערפילט. זיך ראַפּטום אויפגעזעצט און געקוקט אף אים מיט אויפגעריסענע בליקן, אומגלויבלעכע, — ער איז צוגעגאַנגען צום בעטל, פאַרלוירן געשמייכלט און צווישן די ציין געזייעט:

— ווי שיין רחל דו ביזט איצט.. וואָס איז דיר?

דער צאַפּל פון אירע בליקן האָט אויגנבליקלעך פאַרברענט דאָס פרעגבע שמייכעלע אַרום זיינע וואָנצעס. ער האָט זיך דערפילט פרייער, רואיקער. פרייד האָט אַ שאָל געטאָן אין די אברים. אַלץ איז אַריבער. רחל האָט אים ווידער געראַטעוועט... ביזט אַ מאַן, האַראַסיאַ... האָסט אַ לעב געטאָן, אויסגעטרונקען פון בעכער ביזן דנאָ. און רחל ווייסט פון גאָרנישט. זי איז ריין ווי אַ טויב... איז דיינע, איינגאַנצן דיינע. ער האָט זי אַריינגענומען אין זיינע הענט און איידל, מיט הייליקן ציטער, געקושט אירע אויגן, דעם שטערן, זיך געפרייט מיט איר..

— קום מלאך מיינער אין גאָרטן, זאָל אונדז דאָס רעגנדל וואַשן און וואַשן... און ער האָט ברייט און פאַרשעמט אין אירע מאָנענדיקע בליקן אַריינגעקוקט.

— האַראַסיאַ, אַלע האָבן מיך פאַרשטויסן... אויך פון שולע פאַרטריבן...

טרערן האָבן געציטערט אין איר שטים. האַראַסיאָס ליפּן האָבן זיך צעקרימט. געטוליעט איר קאָפּ צו זיך און טרייסטנדיק געשעפּטשעט:

— זאָרג נישט, קינד.. די וואַקכאַנאַליע וועט קיין סך נישט געדויערן.

— פאַר וואָס קומט עס מיר?

— זיי וועלן דיך רופן צוריק. איך בין מיט דיר... לעב נאָר צוליב אונדזער ליבע... דיינע טרערן זיינען הייליק ווי די טרערן פון דער אידישער מאַמע, ווען זי האָט פון איר קבר געוויינט און גערופן נאָך גערעכטיקייט פאַר אירע קינדער... דיין אָטעם לייטערט מיך... ליב מיך, רחל, אויך ווען איך בין שלעכט...

זיינע ווערטער זיינען געווען טיף און ערלעך, האָבן געהיילט רחלס וואונדן. פון די טיפע, ליכטיקע ווינקלען, פון די רויטע און ווייסע רויזןקעפּ, אונטערן אָפענעם פענצטער, באַשפּריצטע מיט טראָפּנדלעך רעגן ווי בריליאַנטענע פליטערלעך אף אַ חתונה־שלייער; פון דער מאַמעס בילד; פון רחלס טיפע אויגן־ווינקלען; פון זיין צעברויזטער אינערלעכקייט — האָט פלוצים אַ ווייע געטאָן מיט וואָרענונג. ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן. אין דעם איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן:

וואוינט אַ איד אין דיין געגנט, זיי אַ פּאַטריאָט און הרגע אים...

חתן־כּלה האָבן זיך דורכגעבויערט מיט די בליקן. זיי האָבן דער־קענט ניקאָלאַסעס קווּטשענדיק קולעכל.

— פאַרוואָס, ליבסטער, קומט דאָס אונדז?.. פאַרוואָס פאַרטרייבסטו זיי נישט פון שענקל?..

שרעק האָט געציטערט אין איר קול — זאָרג און איבערמענטשלעך געבעט.

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. פון צווישן די פלאַכטעס פון ווערבע־בוים האָבן זיך פלוצים אויסגעשיילט גרעטאַס צוויי ווייס־אַנטבלויזטע הענט און די ברוסטן... שרעק האָט אַ האַמער געטאָן אין זיין האַרץ. דאָס פּנים, די פאַרנאַשטע ליפּן האָבן זיך צעקרימט. דאָס פרעכע שמייכעלע אַרום די וואַנצעלעך איז געוואָרן ברייט. ער האָט זיך אָנגע־הויבן רוקן צוריק צום בעטל. נאָר גרעטאַס צוויי הענט, די רויטע לאָקן איבער די ברוסטן, האָבן זיך אים נאָכגערוקט און ווי אַ בלוטיקער צייכן צווישן אים מיט רחלען געבליבן שטיין..

רחל איז אַראָפּ פון בעטל, אַרויפגעלייגט די הענט צו אים אויף די אַקסלען און אַרויפגעקוקט אין זיינע צעשטרייטע בליקן:

— ועמען, ליבסטער, האָסטו דאָרט דערזען?... זיי פאַרפאָלגן אונדז!

אָנגעקומען איז בעט און אויך דיאַנאַ, רחלס חברטעס, אָנגעטאָן אין בלויע רעגנמאַנטלען, מיט בלויע צעראַטענע היטעלעך אויף די קעפּ. רחל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי אַ פאַרשעמטע, געשמייכלט און ביידן די הענט אָנטקעגן געשטרעקט. דיאַנאַ האָט איר דערלאַנגט אַ בוקעט ווייסע נאַרציסן און זי נייגעריק באַטראַכט מיט די גרויסע שוואַרצע, אומ־רואיקע אויגן.

אַן אַרגענטינערן איז דיאַנאַ. פון קינדוייז אָן געלערנט צוזאַמען מיט רחלען. געווען אייפערזיכטיק אויף בעטים ליבשאַפט צו רחלען און אַ סך מאָל גענומען נקמה פון איר. דיאַנאַ איז צוויי מאָל געווען צו גאַסט אין הייליקן לאַנד מיט איר רייכן טאַטן, דעם אַראַבער. ווען זי איז צוריקגעקו־מען, פלעגט זי מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן דערציילן רחלען וועגן דער שיינקייט פון הייליקן לאַנד. און ווען רחלס בליקן האָבן זיך צעברענט מיט פאַנטאַזיע און מיט כישופדיקע טענער פון אַ דבורה הנביאהס האַרפע, ווען זי האָט אירע נצחון־לידער געזונגען — האָט זיך דיאַנאַ צעשמייכלט.

— אונדז געהער דאָס הייליקע לאַנד און ווייטער קיינעם נישט!..

רחל פלעגט ענטפערן פאַרוואונדערט:

— מיר זיינען אַרגענטינער... מיר האָבן אַ פאַטערלאַנד... די פאַר־פאָלגטע, די געפּייניקטע — זיי נייטיקן זיך אין אַן אייגענער היים. פאַר־וואָס ווילסטו נישט, אַז נאָך מענטשן זאָלן זיין גליקלעך פונקט ווי מיר דאָ...

דערביי האָט רחל קיינמאָל נישט דערמאָנט דעם נאָמען איד, כּדי די חברטע זאָל זי נישט באַשולדיקן אין אידישן נאַציאָנאַליזם..

רחל האָט געקוקט אויף דיאַנאַן, געפילט די ריחות פון שולע און אַ נייע האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אין איר. יאָסל מיט דער שווינער זיי־

נען אריינגעקומען, מיטגעבראכט א ריח פון אבליוקעס און פון גרינעם רעגן. די אלטע האט אויסגעשפרייט א ווייסן טישטוך אפן טיש און יאסל האט אוועקגעשטעלט א פלעשל מיט היימישן ווישניק און פיר גלעזלעך. זיי אנגעפולט. בעטי האט אויפגעהויבן איר גלעזל:

— פאר רחלס געזונט!... פאר איר צוריק באקומען די שטעלע, אז גאט און די הייליקע וועלן וועלן..

האראסיא האט כמורנע די ברעמען צונויפגעצויגן און אומנחהדיק א ברום געטאן:

— מוחל... מיין רחל איז נישט קיינעמס שפילעכל..

בעטי האט געגלעט רחלס פלייצע און דערשלאגן אפגעענטפערט:

— זאל נאר דער דעקרעט אפגערופן ווערן, וועלן מיר זי צוריקנעמען אף כוח... איר ווייסט ווי שטארק די שילער ליבן זי?

רחל איז ווידער געווארן אומרואיק, האט אנגעהויבן שפאנען איבערן שטיבל. בעטי האט איר נאכגערעדט:

— איך וויל דו זאלסט מיך פארשטיין... פארשאף מיר נישט קיין ווייטיק... גענוג האב איך געהאט צוליב דיר, גענוג...

רחל איז שטיין געבליבן, זי אנגעקוקט מיט א טיפן בליק, אנגענומען מיט באדויערן.

דיאנא איז צו איר צוגעגאנגען און מיט א פארצווייגעלער פרומקייט צווישן די אנגערוקטע שווערע ברעמען און ארום מויל, אויסגערופן:

— גלויב מיר אונדזערע הערצער ווערן צעריסן פון רחמנות.

רחל האט אויפגעהויבן צו איר א צעשמייכלטן בליק פון ווייטיק:

— אף מיר רחמנות?... בין איך דען א פארעטערן? איך, דיאנא, האב מיין נשמה נישט פארקויפט... און די גרויסקייט פון אונדזערע פראסערס — נישט פארשוועכט... נישט קיין בלומען האב איך באדארפט פון אייך!...

זי האט א נעם געטאן די בלומען פון טיש, זיי איר דערלאנגט. בעטי איז געווארן בלייך, דיאנא האט פארלוירן געשטאמלט:

— יעדער ווייסט דאס זייניקע...

די באבע האט דאס בייזע, מאנענדיקע בערדעלע פארריסן.

— די פריילן דירעקטארשע זאגט, אז רחלע איז איר ווי אן אייגן קינד. נו, אדרבה, דער שניידנדיקער חוזק האט זיך געשניטן ארום די צעשמייכל־טע אויגן: — ס'איז א ליגן, ס'איז נאר ביז צום הארצן, נאר ביז צום בייטעלע...

— שווייג, באבע, דו מיש דיך נישט!... — האט רחל באהארצט גע־בעטן. — אומעטום זיינען פאראן פארעטער און פחדנים!...

בעטים ליפן האבן זיך צעקרימט אין א קראנקער גרימאסע. רחל האט ווייטער גערעדט: — מוטיקע און ריינע נשמות ווערן נישט קיין פארעטער... זיי לעבן איבער די גרעסטע יסורים און קומען פון זיי ארויס געלייטערטע, געשטארקטע... אדער מען קומט אום אפן מזבח פון אמת, פון גערעכטיקייט...

בעטי האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט און אַ קרעכץ געטאָן ווי אַ געבונדענע. זי האָט רחלען נישט דערקענט.

— ביזט צו עגאָאיסטיש, רחל... פאַרשטייסט מיך נישט!...

געבראָכנקייט איז געווען אין איר קול, טרערן. יאָסלס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון דער פידזשאַמע האָט אַלעמאָל אַ צאַפּל געטאָן, ווי עס וואָלט געזאָגט: איך ווייס, בעטי, ווי שוואַך דו ביזט צו האַנדלען ערלעך...

דבורה האָט זי געוואָרנט מיטן ווייז־פינגער:

— פאַר גאָט, פריילין דירעקטאָרשע, פאַרענטפערט זיך... ער איז נישט קיין פּאָליטיקאַנט...

בעטי האָט זיך אויפגעהויבן, אַ נעם געטאָן דיאַנאַן אונטערן אָרעם און איז אַן אַרונטערגעזעצטע, אַן אַנטוישטע אַרויס פון שטיבל. דיאַנאַ האָט דורך בייזער ציין־קריצעניש אַריינגערעדט אין דער טיפער גרויקייט:

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט גיין צו איר... וואָס ווילן זיי, די אידן, אַז מיר זאָלן זיי אָפּהיטן?... מער וואָלט שוין נישט געפעלט...

בעטי האָט צוגענומען באַ איר די נאַרציסן, זיי געטוליעט צו זיך און גרויסע וואַרעמע טרערן האָבן זיך פון אירע קלאָרע אויגן געקייקלט, די אָנגענומענע מיט טיפער אומפאַרשטענדלעכקייט...

רחל האָט געקוקט אָפן טאַטן און געפילט, אַז ער איז איר אַזוי טייער און נאָענט...

קאַפּיטל 23

ראָסאַ שרעקט זיך ווידער

פּילאַר, אַן אויסגעשעפּטע פון שווערער האָרעוואַנע און פון ערגערן זיך דעם גאַנצן טאָג, איז געזעסן באַם טיש אין איר ברייטער וויג־שטול און זיך געהוידעט. שטיקער צעריסענע רויטע שיין האָבן זיך געוויגט צווישן די נאַסע, באַפּערלטע קלעטער־פּלאַנצן, דורכגעוועבט מיט קילע רוגזדיקע זומער ווינטעלעך. אַנדרעס מיט דאָן טשיטשען האָבן געשיפּלט אַ טרוקאָ. זינט דער קריגעריי מיט רחלען האָט זיך אָפּגעזעצט אַ פּוסטקייט אין דער אַלטער אָפּגעלאָזטער שטוב. די אַלטע לייט האָבן זיך צוגעבונדן צו די יונגע שכנים, זיי ממש נישט געלאָזט צורו. אַנדרעס איז געווען פאַרביסן, דעם ווייבס היסטעריש געוויין איז ווי אַ שפּין שטעקן געבליבן אין זיין געמיט און אים פאַראומערט דאָס לעבן. מורא געהאַט אַז מיטן ווייב וועט ווידער עפּעס געשען שלעכטס, איז ער אין די אָפּדערנאַכטן מער נישט אַוועק צו זיין גאַסן־אַרבעט און ליבערשט געבליבן מיט איר באַ די אַלטע לייט.

אָרום ראָסאַס געשוואָלענע ליפּן, באַזעצטע מיט ווייסע, האַרטע בלאָ־טערן, האָט געפינצטערט אַ קראַנק פרעך שמייכעלע, אָנגענומען מיט באַ־

האַלטענער שרעק. פון די גרויסע שוואַרצאַפּלען האָבן אַרויסגעקוקט צוויי אויסגעלאָשענע גרויע פּינטלען, ווי אין די טויטע אויגן פון אַ פיש. צע־רודערונג איז אומגעלאָפן אין בלוט, געפּייניקט דאָס שווערע לייב אַ באַ־דעקטס מיט שפּיציקע פּרישטשעס... גאַנצע נעכט זיך געקראַצט און אַ סך מאָל געוויינט און געשריגן פון שלאָף: — אוועק פון דאַנען... אָ, העלפט מיר, הייליקע...

די אַלטע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו ראָסאַן, זי אָפּגעגאָסן מיט אַ ביטערע פלעמל און זייער שטיל אָנגעהויבן ריידן:

— טרינקסט די וואַסער פון די געבענטשטע גראָזן?

— יאָ, מאַמעלע... — האָבן זיך אירע אויגן געצונדן מיט קרענקלעכע גרויע פלעמעלעך.

— דו זעסט אויס שלעכט... די ווייבער, ראָסאַ, וואָס גיבן זיך אָפּ דעם זכר מיטן גאַנצן ברען פון בלוט, שטייען אויס אַ סך צרות אין די טראָגע־דיקע חדשים... אויך איך בין אין מיינע יונגע יאָרן קיין הייליקע נישט געווען — רויט ווערנדיק ביז צו די האָר־וואָרצלען, אין פּעקל מיט די הייליקע בילדער אַריינגעמורמלט: — אויך מיין לייב איז געווען באַדעקט מיט רויטע פלעקן... דער שווערער בויך האָט צו דער ערד געצויגן... זכרים זיינען אָף דער וועלט געקומען, גרויסע ווי די קעלבער — גוואַלדיקע פרעסער און שרייער...

ראָסאַ האָט געפּרוּווט שמייכלען. מורא געהאַט צו דערציילן, אַז אין בלוט שווימט אום אַן אומרו, ווי אַ איבערגעשטאַנענער קוואַס... אַז אויך דאָס קניען פאַר דער איקאָנע יעדן טאָג, דאָס בעטן רחמים, העלפט נישט... שרעק האָט ווידער געפּייניקט דאָס האַרץ. זי איז אַריין אין קיך, גענומען דעם אַלטן האַקמעסער און אָף די שפּיצן פון די פינגער, ווי אַ שוואַרצער שטן, זיך אַרויסגערוקט פון שטוב. זיך צוגעשאַרט צום פענצטער פון פריץ שטיבל און אַרויפגעקוקט אַהין מיט געדעמפטע פייערלעך אין די האַלב־משוגענע אויגן. די רעגן־שפּריצלעך זיינען שווער געפאַלן אָף איר צעקרימטן פּנים, זיך געגאָסן ווי פּערלדיקע טרערן. דאָס קינד אין איר האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, געהייסן נקמה נעמען... איבערמענטשלעכער האַס האָט געשרפהט די אברים.

אין דעם האָט ניקאָלאַס אַריינגעשטעלט דאָס פּנים אין פענצטערל. די קליינע שפּילקע אויגעלעך זיינע אָנגענומענע מיט חוזק, זיינען ווי ווע־רים אַריינגעפאַלן אין אירע שוואַרצאַפּלען!

— קום אַריין... ס׳געפעלט דיר דאָס מאכל, אַ?

ראָסאַ האָט זיך איינגעקאָרטשעט, געקוקט אָף אים מיטן שוואַרצן פייער פון די בליקן און פון שרעק קיין האַנט אויפהויבן נישט געקענט. זי האָט זיך אָנגעהויבן רוקן אָף צוריק ווי אַ צעטרעטענע זשאַבע, אונטער־געשפּרונגען אָף די פיס און דאָס קינד האָט זיך ווידער געוואָרפן, געצונדן דעם געפיל פון פיין און פון נקמה. זי האָט אַ וואָרף געטאָן אין גראָז דאָס האַקמעסער, זיך אויפגעהויבן און אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. די ליפּן

האָבן זיך ווייטיקלעך געקרימט. מיט אַן אַרויסגעצויגן צעקרימט שמייכעלע זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב און זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן בענ־קעלע לעבן דער אַלטער:

— וואוהין, ראָסאַ, קריכסטו אַרום אין אַזאַ דרויסן?... — האָט דער־מאָן אויפגעהויבן די אויגן — אין די נעכט לאָזט זי מיך נישט רוען... אומדערטרעגלעכע!...

זי האָט אַ ציטער געטאָן און קיין וואָרט נישט געענטפערט. זיך צו־געבויגן צו דער אַלטער און סודותדיק געמורמלט:

— האָב מיך אַריינגעכאַפּט צו אַ שכנה. זיי דערציילן, אַז מען האָט ראַקעלן פון שול פאַרטריבן.

אומגלויבלעכקייט און פרייד האָט אַ שיין געטאָן אין דער אַלטערס אויגן, זי האָט גיכער אַ מיש געטאָן די פאַפּירענע הייליקע בילדער און שטיל צווישן די ציין געזיימט:

— שטראָף זי גאָט... זי רייסט בא מיר אָוועק מיין איינציק אויג פון קאָפּ... ווי אַ פרעמדער דרייט ער זיך אַרום בא מיר אין שטוב. — אויפ־געהויבן די בליקן צום מאַן. — די מויד, אַלטינקער, איז שוין אויס לערערן... אַלע האָבן זי פיינט... אַט, זעסטו שוין, ווי גאָט שווייגט נישט...

אַנדרעס האָט אַ יחסנישן שמייכל געטאָן און אַריינגערעדט אין אַלטנס ברייטע פאַרוואונדערטע בליקן:

— איך האָב וועגן דעם געוואוסט אַ סך פריער... סע וועט נאָך קומען אַ סך ערגערס... אָרעמע... — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און די ברייטע טיפע קנייטשן אַפן שטערן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט רוגזע און סודות. דער אַלטער האָט אַ פאַרכלינעטן ברום געטאָן און די בליקן האָבן זיך גע־צונדן קעגנאיבער די קלעטער־פּלאַנצן.

— דעם איד, דעם קאַליקע, מוז איך פאַרטיק מאַכן... מיט מיינע ציין דעם גנבישן גאָרגל איבערבייסן...

אַנדרעס האָט אַ סאָפּע געטאָן דורך די צעשפּרייטע נאָזלעכער און אַריינגעמורמלט אין די קאָרטן:

— אָרעמע מענטשן!

אין דעם איז האָראַסיאָ אַריינגעקומען, מיטגעבראַכט מיט זיך ריחות פון גרינעם רעגן מיט זומערדיקן ווינט און דעם אימפּעט פון זיין צע־שפּרודלט געזונט לעבן. ער האָט די שטוביקע צוגעוואָרפן אַ גוטן אָוונט און מיט ברייטע שפּאַן זיך אַ לאָז געטאָן צו זיין צימערל. די אַלטע האָט ברייטער די אויגן צעעפנט און אים מיטן קאָפּ נאָכגעשאָקלט. דאָן טשיטשע האָט אַ פיר געטאָן מיט די צוויי בייזע וואָנצעס אַף אַהין און צוריק, זיך געבייזערט:

— גיי נאָר אַהער, שיינער זכר מיינער! דאָקטאָרל!... וואָס האַלסטו זיך אַזוי גרויס? פאַר וועמענס געלט לערנט מען?... פונוואַנען נעמט מען אַף מתנות דער מויד?...

און ווענדנדיק זיך צום ווייב, אַ דראָע געטאָן מיטן פינגער:

— דיין זון, פּילאר, איז אַ געמיינער יונג... טאָג ווי נאַכט — נאָר באַ אונדזערע שונאים!

הּאַראַסיאַ איז אַריין אין שטיבל, אומנחהדיקייט האָט זיך געשניטן אַרום זיין מויל. די קאַלטע גרויקייט, די נאַסע ווענט, דעם טאַטנס חוזק, דער אַלטער דבורהס תרעומות, גרעטאַס רויטע לאַקן, רחלס צערודערונג — האָט זיך ווי אַ שווערע לאַסט געלייגט אויף זיין געמיט. ער האָט געמאַכט ליכטיק, אויסגעטאָן דאָס נאַסע רעקל, פאַרגלעט די צעפלויגענע נאַסע קרויזן און זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. רחלס בילד אויפן טישל האָט צו אים געקוקט שטיל און צוטרוילעך. וואָס אַמאָל איז אָבער דאָס בילד געוואָרן קלענער אַנן גרעטאַס פּנים, אַ קאַלטס, האָט אַ פירגעלויכטן פון צווישן די קלעטער־פלאַנצן. די לאַקן, די ווייסע הענט — האָבן זיך געוויקלט אַרום אים ווי רויטע שרויפן פייער, דעם אָטעם געשטיקט, פאַרשרפהט דאָס בלוט... דאָס ווינטל צווישן די קלעטער־פלאַנצן האָט פאַרשיים אַ רודער געטאָן:

— ביסט יונג, הּאַראַסיאַ, לעב, געניס... אַנטלויף פון דעם דאָזיקן קבר.

ער איז אויפגעשפּרונגען, דער אימפּעט האָט אים געטריבן אַרויף און אַראָפּ איבערן צימערל, צעבראַסטעט דעם קאַלנער פון העמד און די תאווה האָט אַרויסגעשפּאַרט פון יעדן אבר. רויטע פלעקן זיינען אַרויס אויפן פּנים, דעם רויט, אומפאַרשעמטן, אין די אויגן האָט זיך געטיקט אַן אומהיימ־לעך פייערל, אַ פאַרצוקנדיקע ווילדקייט.

ראָסאַ האָט לייכט אַ צעעפן געטאָן דאָס טירל און אַריינגעשטעלט אַהין די האַנט מיט אַ פרישער מאַטע. הּאַראַסיאַ איז שטיין געבליבן און די בליקן זיינען צוגעפאַלן צו די ווייסע, הארטע בלאָטערן צווישן אירע פינגער. אינסטינקטיוו געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק, אָפּגעשטופּט פון זיך איר האַנט און צעפראַל געטאָן דאָס טירל. געפירט מיט זיינע ברייטע בליקן איבער אַנדרעס צווי אומרואיקע הענט באַם קאַרטן־שפּיל. צוגעגאַנגען צו אים פּאַרזיכטיק, אַנגענומען די שפּיצן פון די פינגער און זיי לאַנג באַקוקט...

דאָן טשיטשאַ האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע צאַרנדיקע אויגן:

— וואָס איז מיט דיר געוואָרן, ראַציאַ?... אַהין גייסטו אַוועק אַ געזונ־טער, אַ פריילעכער, צוריק קומסטו אַ צעדרייטער... אויף דער גאַנצער וועלט ריידן זיי דאָרטן...

הּאַראַסיאַ האָט זיך צו אַנדרעסן געווענדעט:

— פאַרן חתונה האָבן ביזטו געווען באַ אַ דאָקטאָר?

— פאַרשטייט זיך.

אַ ברייטער גאָוהדיקער שמייכל האָט זיך צעשיינט אַרום זיין מויל. הּאַראַסיאַ איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָד, אַרויסגענומען אַ פלעשל אַלקאָ־האָל און זיך לאַנג די הענט געוואַשן... אומגעשפּאַנט איבערן צימער און אַריינגעבורטשעט אין די וואָנצעס:

— גענוג מיט דער מאַטע... אַלטע לייט מוזן זיין פּאַרזיכטיק... עס שאַדט צום האַרצן....

זיך ווידער אַפּגעשטעלט לעבן טיש:

— אַנדרעס, קום אַריין אין מיין שפּיטאָל סאַלע... איך וועל אַף דיר וואַרטן...

ראָסאַ איז געוואָרן בלויִ. זיך געהויקערט אונטערן מאַנס צעשמייכלטע בליקן, אַנגענומענע מיט גאוה, מיט פאַרזיכערונג: האָב נישט מורא, ווייבעלע מיינס... דיין מאַן איז אַ זכר... דעם אַלטן דאָן פינטשעס אָן אוראייניקל ווייסט ווי מען דאַרף לעבן אַף דער וועלט...

האַראַסיאָ האָט געפּילט אַף זיך די בליקן פון טאַטע־מאַמע און אַלץ איז אים געוואָרן פרעמד און דערווידער. ער איז אַריין אין שטיבל, אַנגעטאָן דעם רעגנמאַנטל און מיט ברייטע שפּאַן זיך אַ טראָג געטאָן צו דער אַרויסגאַנגס־טיר. דער אַלטער האָט אים נאָכגעשריגן:

— אהער גיי, האַראַסיאָ!... שוין ווידער צו זיי?...

— נישט דיין דאגה — האָט דער זון אַריינגעברומט אין די צענערמענע קלעטער־פּלאַנצן — כ׳בין שוין אַ פּוליאַריקער...

אַנדרעס מיט ראָסאַן האָבן זיך שטום אין די אויגן געקוקט און נישט געהאַט וואָס צו זאָגן... נאָר די שרעק אין ראָסאַן האָט געשריגן און ווידער געוואָרנט.

קאַפּיטל 24

די העכערע ראַסע

גרעטאַ איז געזעסן אין דער ווינג־שטול, די שווערע לאָקן אויסגעלייגט אַפן מיטן פון קאָפּ מיט אַ גאָלדן האָקן־קרייצל פון אויבן. דורכן אָפענעם פענצטערל זיינען אַריינגעפאַלן שפּיציקע שפּריצלעך רעגן, געפּיקט איבער די שייבלעך. פריץ איז געזעסן אַף אַ בענקל קעגן איר און געלייענט די „קריטיקאַ". גרעטאַ האָט אויסגעצויגן אַ האַנט און צוגענומען בײַ אים די ציַיטונג. זי אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן, אַנגעשטעלט אַף אים די בליקן, קאַלטע און זיכערע:

— נאָך וואָס, פריץ, לייענסטו דאָס דאָזיקע מיסט?... די געמיינע פּראָפּאַגאַנדע פון די אידן מיט די ענגלענדער!... גאוהדיק דעם קאָפּ פאַריסן — קיינער וועט אונדזער רומרייך פאָטערלאַנד נישט באַזיגן... קיינער!...

האַס און שטאָלץ איז אויפגעגאַנגען אין די בליקן. פריץ האָט זיך איינגעהערט און די שרעק וואָס איז אומגעלאָפן אין זיין בלוט, אין יעדן אָבער, געוואָרנט און אַנגעזאָגט טויזנטער שוואַרצע בשורות. האָט ווידער אַ רעווע געטאָן: נעם בײַ איר דיין געהאַלט און אַנטלויף קיין פּאַטאַגאָניע. אויך דאָרט וועסטו געפינען אייגענע מענטשן...

ער האָט צענומען ביידע גראָבע אייזערנע הענט און מיט אַ נעבעכדיקער מינע אַפן קאַלטן מאַסקע־פּנים אַנגעהויבן ריידן:

— גוט, דו דאַרפסט נישט זיין בייז... וועל איך לייענען נאָר

אונדזערע צייטונגען. דו גיב נאָר אהער מיין געהאלט... מיין געלט, גנעדיקע גרעטכען...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט שפּיציקע בליקן און באַוואויגן מיטן האַקנקרייץ אַפן קאָפּ, פאַרצויגן די ליפּן, קאַלטע, פון אַ בייזער הערשערן. ער האָט אָפּגעזיפצט, זיך געדרייט אפן בענקל און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. געוואוסט, אַז גרעטאַ צאָלט אירע אונטערטאַנען ווען זי וויל, און ווען זי האַלט פאַר נויטיק צו צאָלן. זי האָט גרינטלעך געקענט יעדנס כאַראַקטער, געוואוסט צו ווען זי דאַרף זיין מילד, אָדער שטרענג. די שוואַכערע, אַמערסטן די קליינע קריאָזשע נאַצילעך, געצאָלט איינמאָל אין צוויי חדשים. זי פלעגט יעדן חודש באַקומען אַ געוויסע סומע געלט פון דייטשע דיפּלאָמאַטן און דאָס געלט צוגענומען פאַר זיך.

פריץ האָט געוואוסט, אַז דאָס קליינוואַרג האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט גרעטאַס „ערנוואָרט”, מיט די שבועות און אַ סך מאָל, ווען עס איז נויטיק געווען — אויך מיט גנבישע טרערן, אָנגענומענע מיט צוזאָג — מיט הינטישער ליבשאַפט... זיי זיינען געווען גליקלעך מיט איינעם פון אירע שמייכלען און ווידער גרייט געווען צו לויפן אין פייער און וואַסער פאַר אירעטוועגן. פריץ ווידער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן. ער האָט געקענט גרעטאַן און ווי יעדער גזלן, וואָס ווייסט ניט פון גרענעצן אין זיין בלוטיקן וועג — זיך נישט געלאָזט באַגזלען. מורא געהאַט פאַר איר מאַכט און דאָך ניט געקענט שווייגן; דער טעם פון קריגן דעם געהאַלט האָט אים געמאַכט ווילד.

גרעטאַ האָט אַף אים אַ זייטיקן קוק געטאָן און איז גרייט געווען צו בעטן ער זאָל זי היינט צורו לאָזן: דער דאָקטאָר וועט זיכער קומען... זי האָט מיט אים זייער וויכטיקס צו שמועסן... ווי געזונט, דער דאָזיקער קערל איז... צופרידן מיטן שפּיל, באַלעקט די ליפּן — קיין שום בחור איז איר נישט אַנטגעקנגעקומען אַזוי פיל... זי מוז אים אָפּרייסן פון דער יודען־מויד... פאַרוואָס קומט איר אַזאַ פּרעכטיקער מאַן!... אַ מויד פון אַ בידעריקער ראַסע איז אים נישט ווערט... אַזאַ קליין נישטיק ווייבכען...

זי האָט אָנגעשטעלט אַ נעבעכדיקן בליק אַף פריצן:

— דו מוזט, ליבינקער מיינער, זיין געדולדיק... אונדזערע ליבנסווירדיקע קאַמעראַדן האָבן נאָך נישט צוגעשטעלט דעם געהאַלט... אויך מיר פעלט אוים געלט, גלויב דאָס מיר... נו, זאָרג זיך נישט, מיין שיינער בוב, — אים אַ קנעכטישן שמייכל אַנטקעגנגעטראָגן — אַ גרויסע צוקונפט דערוואַרט דיך!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, גענומען פון טעצל אַ שטיקל לעבערוואורשט, מיט אַ פריש אידיש קאָרן ברויט און געקייקט אַףביידע באַקן, ווי נאָך אַ לאַנגן תענית. פריץ האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, אָנגעזעצט די גראָבע הענט אַף די היפטן און זיך אַ צעוויג געטאָן. דער רויטער בליץ פון זיינע אָנגעצונדענע אויגן, איז ווי הייסע פיילן אַריינגעפאַלן אין דער שטאָלענער קאַלטקייט פון אירע וואַכזאַמע,

שאַרפֿע בליקן פֿון אַ חיה, וואָס לויערט אין דער ווילדעניש פֿון וואַלד... זי האָט אַ זייַע געטאָן צווישן די ליפּן, נעבעכדיק צעקרומטע:

— זיי דאָך ליבנסווירדיק... קום ליבערשט מאָרגן... גרעטכען, ווייסטו דאָך, איז גרויסמוטיק... איך וועל קריגן ערגעץ אַ הונדערטער פֿאַר דייַנעט־וועגן... — זי האָט אַריבערגעטראָגן די בליקן צו אירע לאַנגע געפּיילטע נעגל און ווידער צוגעגעבן נאָך מיט מער געבעט און מיט זיכערקייט:

— באַלד וועט זיך ענדיקן דער קריג... מיר וועלן ווערן די הערשער איבער דער וועלט... גרעטכען וועט דיר שענקען אַ מתנה עטלעכע קאַסטנס מיט מענטשן־הויט. אין אונדזער רומרייכן פֿאַטערלאַנד, פּריץ האַרציקער, מאַכט מען מיט דעם דאָזיקן אַרטיקל גלענצנדע געשעפֿטן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אויפֿגעהויבן צו אים דאָס פּנים, אַ באַהויכטס מיט קאַלטער זיכערקייט, מיט גאווה:

— אויך דו, פּריץ, וועסט גלענצנדע געשעפֿטן מאַכן!...

פּריץ האָט געסאָפּעט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. די אָנגעצונדענע רציחה אין אים האָט ווי גרינע שטיקער גאַל געבליצט אין די אויגן, זיך אויסצוגיסן אַף גרעטען. זי האָט אויסגעצויגן אַ האַנט און געגלעט זייַנע פֿינגער:

— גרעטכען וועט דיך באַשטימען אַלס דעם ערשטן אויפֿזעער איבער די גרויסע פֿאַבריקן פֿון מענטשן־זייף... אין אונדזער רומרייכן פֿאַטערלאַנד מאַכט מען מיט דעם גאַנצבאַרן פּראָדוקט גלענצנדע געשעפֿטן.

— דו ליגסט!... דו הור!...

די רציחה האָט פֿון אים אַ דונער געטאָן און די פֿויסטן, ווי צוויי אייַזערנע געוויכטן, האָבן זיך געדרייט קעגן איר פּנים:

— אין דייַנע הענט, גרעטכען, וועלן אַלע גלענצנדיקע געשעפֿטן איינשטיין... איך קען דיך! צי מייַנסטו, אז אויך אין אַרגענטינע וועלן מיר פֿיל אידן־מאַטעריאַל האָבן?...

זי האָט אים אָפּגעגאָסן מיט איינעם פֿון אירע קאַלטע שמייכלען, אָנגענומען מיט וואָרנונג און פֿאַרשפּרעכן:

- קיין מענטשנמיסט, ליבינקער, וועט נישט אויספֿעלן! צווישן דיזן שוואַרצן דרעקע גיבטס דאָס פֿיל מער, ווי צווישן די אידן. איך פֿאַרזיכער דיר דערין... אונדזערע צייַטונגען וועלן שרייבן, אַז די דאָזיקע לייז זייַנען פֿון אידישן אָפּשטאַם...

און מיט סוחרישער זאַכלעכקייט צוגעגעבן:

— און וויר זייַנען געראַטעט... דיזע שוואַרצע דרעקע וועלן אונדז אַלץ גלויבן, אַלץ נאָכגעבן...

די גראָבע ליפּן זייַנע, ווי צוויי איבערגעפּרעסענע פּיאַווקעס, האָבן זיך באַוואויגן:

— איך וועל דיך טויט שלאָגן, דו בלאָנדע הור...

זי האָט קאָקעטיש אַרייַנגערעדט אין פּאָלירטן נאָגל פֿון קלענסטן פֿינגער:

—דו ביזט דום, פּריץ... באַנעמסט נישט, אַז אין אונדזער רומרייכן

פֿאָטערלאַנד איז די אינדוסטריע זייער געשטיגן. אין איר וועלן די לייט פֿון די נידעריקע ראַסן, אונדזערע קנעכט, אַרבעטן אויסגעצייכנט. מיר האָבן זיי אויסגעלערנט מאַכן מאַטראַצן און בערשט פֿון ווייבערשע האָר און זייער עלעגאַנטע האַנט־בײַטלען פֿון זייער הויט. דער דאָזיקער מאַטעריאַל ליבינקער ווערט אונדז צוגעשיקט פֿון די פּוילע גאַזקאַמערן... די טויט־לאַגערן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ צופֿרידן זיפֿצל געטאָן און אים אָפּגעמאָסטן מיט איינעם פֿון אירע צוזאָגנדיקע שמייכלען, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף ניקאָלאַסן מיט די חברים זײַנע — דו וועסט מיט דעם גאַנגבאַרן אַרטיקל גלענצנדע געשעפֿטן מאַכן. אונדזערע לייט וועלן דיך שעצן...

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פֿויסט אין טיש:

— מײַן געלט!.. פֿריץ איז נישט קיין שוואַרצער דרעקע... פֿריץ איזט אַן ערנהאַפֿטער דויטשע!.. אַ ריינער אַריער!.. אַ מאַן מיט ווירדע! פֿריץ האָט געבראַכט רום דעם פֿאָטערלאַנד!..

ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול און אַלץ אין אים האָט געציטערט פֿון צאָרן, פֿון באַליידיקונג, וואָס די גרויסקייט זײַנע איז פֿאַרטונקלט געוואָרן. פֿון קינדווייז אָן האָט ער ליב געהאַט צו הערשן. זײַנע חברים — קלענערע און שוואַכערע פֿון אים — זײַנען געווען סאָלדאַטן און ער — זייער גענעראַל. ער האָט זיי געממיתט, אַרויסגעגעבן שווערע אורטיילן. פֿאַר זײַן יונגער שטיפֿמאַמע האָט ער מורא געהאַט און איז געווען נאָכגיביק און שטיל. ער האָט אָפּגעגעבן גענוג כּבֿוד יעדן איינעם, וואָס איז געווען שטאַרקער פֿון אים און געמאָנט הונדערט פּראָצענטיקן כּבֿוד בײַ די שוואַכערע פֿון זיך...

די שטיפֿמאַמע האָט זיך באַקלאָגט צווישן שכנות. דער מאַן אירער, קורט, איז צו אינטים מיטן זון... פֿאַרמאַכן זיך אויף שעהן אין דער גרויסער חזיר־שטאַל... זי האָט אים געצוואונגען אוועקצוגיין צו זײַן מאַמעס דײַכע פֿריינט. דאָרט האָט זיך פֿריץ געהאַלטן נידעריקער פֿון גראָז; געווען אַרבעטזאַם, גערייניקט די שטאַלן און געהאָדעוועט די חזירים, די בהמות. די פֿריינט האָבן אים געגעבן צו עסן צו זאַט, צומאָל געשענקט אַ גוטן מלבוש. איינמאָל האָט ער דעם קרובֿ צוגעפֿירט, אין אַ ניי פֿערד און וועגעלע, צום איד קאָפּערפֿיעלד אין ביר־הויז. פֿריץ האָט אַרויפֿגענומען קאָפּערפֿיעלדס מעזיניק, דעם צען יאָריקן יוסף, מיט שוואַרצע געקרייזלטע פּאות, מיט קויל־שוואַרצע אידישע אויגן און איז מיט אים פֿאַרשוואונדן.

פֿאַרנאַכט, נאָכן מאַרק־טאָג, האָבן טאַטע־מאַמע זיך געכאַפּט, אַז דער זון איז נישטאָ. האָבן זיי זיך געלאָזט זוכן בײַ אידישע און קריסטלעכע שכנים. ערשט אויפֿן אַנדערן טאָג האָבן אים די פֿישער געפֿונען אַ טויטן בײַם ברעג טײַך, צווישן אַ קופּע שטיינער.

אַ האַלב דאָרף מיט איינוואוינער זײַנען אויסגעפֿרעגט געוואָרן; פֿאַ־

ליציי־אגענטן זיינען אומגעלאָפן מיט שפּיר־הינט, געהאָרעוועט, געזוכט און געניששטערט אין יעדן פאַרדעכטיקטן ווינקל.

אויך פריץ איז אויסגעפרעגט געוואָרן, נאָר זיין טאטע, דער חשובער דייטש מיט די פאַרדרייטע אַף ארויף בלאָנדע וואָנצעס און מיט די שמאָלע גאָליפּע הויזן ארייגעלאָזט אין די הויכע באָליעוועס פון די געלע כראָמענע שטיוול, פאַר וועלכע דאָס גאַנצע דאָרף איינוואוינער האָט גרויס דרך ארץ געהאַט — ער איז ערב געווען פאַר זיין זונס ערלעכקייט. און אין אַ קורצער צייט איז דער טומל אַרום דעם קינדס מיסטעריעזן טויט שטיל געוואָרן. דאָס לעבן איז אין דאָרף אוועק אַף זיין רוטינערן נאַטיר־לעכן וועג און פריץ האָט ווידער געפירט זיין קרוב אינעם זעלבן פערד און וועגעלע צום איד קופּערפיעלד אין שענק.

קופּערפעלד, אַ קליין אומרואיק אידל, מיט אַ שוואַרץ קאַמעץ־בערדל און מיט ברוינע דערשראָקענע אויגן, האָט זייט דער טראַגישער פּאַסירונג נישט גערוט. אויך זיין ווייב שרה מיט די שוואַרצע טרויעריקע אויגן, האָט מיטן חוש פון אַן אומגליקלעכער מאַמען, אָפּגעהיט פריצן ווען ער איז אַהין געקומען.

אין אַ זונטיק האָט פריץ געבראַכט אַהין דעם רייכן קרוב זיינעם און אויסגענוצט דעם טומל פון די קונים, זיך אַראָפּגעכאַפּט אין קעלער. פרוי קופּערפיעלד האָט גערופן פּאָליציי און מען האָט פריצן ארויסגע־שלעפּט פון דאָרטן מיט אַן אַכט יעריק קריסטלעך אינגל... זיין טאַטע האָט ווידער נישט גערוט, אָבער דאָס מאָל האָבן זיך אריינגעמישט פּאָ־ליציי־דאָקטוירים, וועלכע האָבן דעם סוביעקט פריץ דערקלערט פאַר אומ־נאָרמאַל און מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז.

גוט ווי די וועלט איז פריצן געווען אין זיין נייער היים: צוגעהאָלפן אין דער קיך־אַרבעט, גערייניקט דעם גאָרטן און מיט דער בעסטער פּינקט־לעכקייט פון אַ ווירדיקן דייטש אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון די קראַנ־קנשוועסטער. זיי האָבן אים ליב באַקומען, אים צוגעטיילט מער מיט אַ פּאָרציע פלייש. ער איז געוואָרן ברייט און פעסט ווי אַ דעמב. איין באַגער האָט ער געהאַט, וואָס האָט אים געברענט: נקמה אין די קופּער־פעלדס...

ווען היטלער איז געוואָרן הערשער, האָט מען פריצן באַלד באַפרייט, אים אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם לאַנגן שינעל מיט אַ גרויסן העלם אַפן קאָפּ, מיט שווערע שטיוול אַף די פיס און מיט אַ ביקס אַף דער פּלייצע — איז ער אומגעגאַנגען אַף די גאַסן פון בייערן און געהיט „די גערעכטיקייט" פון דער נייער דייטשער אָרדענונג. אַמבעסטן האָט ער זיך אויסגעטויגט צו כאַפּן פון די גאַסן אידישע ווייבער מיט קינדער, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר עכטע דייטשן; זיי געשלאָגן און געפּייניקט. פאַר אַזאַ פעאיקייט האָט ער זיך דערדינט צום טיטל פון געשטאַפּאָ־אָפיציר. ער האָט זיין באַרוף גענומען גאַנץ ערנסט. זיך באַלד פאַרבונדן מיט די דייטשע לערער און לערערנס. זיי האָבן אים אָנגעגעבן אַלע סמנים פון די

געוועזענע אידישע שילער, אים געהאָלפן אויסזוכן די געהיימע אדרעסן זייערע.

איינמאָל האָט פריץ געכאַפּט צוויי אידישע קינדער, א שוועסטער מיט א ברודער מיט געפּארבטע בלאָנדע האָר. לויט די דאַטן פון איינעם, א לערער, האָט ער זיי דערקענט. ער האָט זיי אַפּירגעשלעפּט פון אונטער אַ בריק, וואו זיי האָבן זיך געשפּילט צווישן קינדער פון דער „העכערער ראַסע" און זיי מיט גוואַלד אַוועקגעשלעפּט אין דער געסטאַפּאָ.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט מען שוין קיין אידישע קינדער נישט געזען. די דייטשע „גערעכטיקייט", אויסגעפירט פון פריצן און זיינס גלייכן, האָבן זיי אומגעבראַכט אין די גאַז־קאַמערן. אין שטרייכערס „דענקער", „שטורמער" און אנדערע אויסגאַבן, איז געוועזן אָפּגעדרוקט גאַנצע בערג מיט לויב־געזאַנגען וועגן פריצן און אויך וועגן זיין מארטי־רער־וועג צוליב דעם איד קופּערפעלד, מיט פארשידענע פאָטאָגראַפישע פּאָזעס. איינס אַ גראַפיש בילד ווייזט פריצן אַ הויכן, מיט צוויי העלדיש צענומענע הויכע שטיוול און מיט אַ העלם ביז איבערן שטערן, האַלטנדיק פאר די האָר צוויי דערשטיקטע אידישע קינדער. „אַט אַזוי מוז יעדער געטרייער זון פון אונדזער נאַבעלן פאָלק הערשן איבערן רעשט פון די נידעריקע ראַסן", האָט זיך געשריבן אונטערן בילד.

אין יענע גלאָררייכע טעג האָט פריץ באַקומען אַ סך ליבעס־בריוולעך פון די דייטשע ווייבער, מיידלעך, וועמענס מענער און חתנים זיינען גע־וועזן אף די פראָנטן. יעדעס בריוול האָט זיך געענדיקט מיט א ראָמאַנטישן אויסדרוק:

— איך ליב דיך רומרייכער זון פון גרויסן פאָטערלאַנד...
— איך באַגער דיך טייערער העלד פון בייערן...
— איך קוש דיינע העלדישע פיס, מיין העלדישער הערקולעס...
— קום צו מיר, שטערן פון דער העכערער ראַסע..
— דו שמעקסט ווי אַלע צוויט־ביימער פון בייערן...
— דיין האַרץ איז מעכטיק ווי די וואַסערן פון ריין...
— דיינע געטלעכע אויגן וואַרעמען מיין האַרץ, ווי די ווערטער פון שילער.
— ביזט פיל קליגער פון געטעס פאוסט..
— איך ווינטש מיר צו געבוירן אַ זון אַזאַ העלד ווי דו...

לאַנג האָט זיין רום נישט געדויערט. ער האָט פארגוואַלדיקט אַ צען־יעריקן אינגל פון אַ געשטאַפּאַ־אַגענט און אים דערשטיקט אויס מורא אַנטדעקט צו ווערן. דריי טעג מיט דריי נעכט איז דאָס אינגל געהאַלטן געוואָרן אין ראַטהויז אין אַ שוואַרצער טרונע און אַרומגערינגלט מיט גרויסע בלומען־קרענץ. דורך די הויכריידער האָט מען גערעדט צום פאָלק:

— אַט אַזוי פייניקן זיי און מאָרדן די זין מיט די טעכטער פון אונדזער רומרייך, נאַבעלן פאָלק.

ווייבער האָבן געוויינט, מענער האָבן געהויבן פויסטן, געליאַרעמט און געשאָלטן:

— אויסשלאַכטן, אויסשלאַכטן! אַ טויט די קופּערפעלדס!

פּריץ האָט אַ צעפּראַל געטאָן אַ זייטיקע טיר פון ראָטהויז און מיטן שפּיץ שטיוול אַרויסגעוואָרפן פון דאָרט בירענצוויינגן, אַ געוועזענער פּראָ־פעסאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט. דער צעררייצטער המון האָט זיך געוואָרפן צום איינגעקאָרטשעטן זקן, אַראָפּגעריסן פון אים דעם אַלטן צעפּליקטן, ברייטן ווייבערישן כאַלאַט; געריסן איינציקווייז די ווייסע האָר פון באָרד און פון קאָפּ.

גרעטאַ האָט דורכן פאַטערס בריוו געוואוסט פון פּריצס פּאַרגאַנגענ־הייט. איר געלאַסנקייט האָט געצונדן אין אים די באַליידיקטע ווירדע זיינע. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, זי אויפגעהויבן אינאיינעם מיט דער וויג־שטול און מיטן גאַנצן כוח צוגעוואָרפן צו דער טיר.

— רעטע מיך!... — האָט גרעטאַ געקוויטשעט מיט אַ פאַרגרעבטער מענערישער שטימע.

— רעטע!... און פאַריסן די נאַקעטע פיס מיט די הענט.

דוני מיט מאַרגאַריטאַן זיינען צוגעלאָפן בלייכע און צעשראָקענע:

— הייל היטלער!..

— מיין געלט!... דער הער פּריץ איז אַ מלוכה־מאַן!... איך וועל אייך אַלע טויט־שלאָגן! — איז געקומען אַן ענטפער פון פּריצן.

מאַרגאַריטאַ האָט אים געשלעפּט פאַר די אַקסלען און דוני האָט זיך געבראָכן די פינגער פון די הענט. דער פּאַפּוגיי אין שטייגל האָט זיך געריסן פון די כלים: טויט שלאָגן, טויט שלאָגן.. בין אַן ערן אַריער...

גרעטאַ אַ פאַרפלאַמטע האָט זיך קרעכצנדיק אויפגעהויבן, ווי אַן אָנ־געבלאָזענער אינדיק מיט צעשויבערטע פעדערן, זיך זייטיק געררוקט צו דער טיר. פּריץ האָט אינגאַנצן געציטערט, אַרויפגעלייגט אַ לאַפּע אויף איר אַקסל און באַפוילן:

— וועסט נישט גיין! מיין געלט!... פּריץ איז אַ מלוכה־מאַן... אַ ריינער אַריער!...

ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון טיר־גלעקל און דוני איז אַרויסגעלאָפן. זי האָט זיך באַלד אומגעקערט אַ פאַרסאָפּעטע, אַ צע־רויטלטע, דערלאַנגט גרעטאַן אַ וויזיט־קאַרטל און דורך די צונויפגע־צויגענע ליפּן אַ זאָג געטאָן.

— דער הער דאָקטער וואַרט..

— פיר אים אַריין אין מיין אויפנאַם צימער!

האָראַסיאָס קרויזן, נאַסע און הפקרדיק צעוואָרפן, האָבן זיך אויסגע־טיילט פון זיין בלייך־אויפגערעגט פּנים. יעדע מינוט איז אים אַן איי־ביקייט געווען. גרעטאַ איז אַריינגעקומען אַ גלייכע, אַ געשטרעקטע, ווי אַ וועלט־הערשערן. די פּריש־געקעמטע שמעקעדיקע לאָקן אַרום דעם אַנט־בלויזטן האַלדז און נאַקן. האָראַסיאָ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט

ווילדער לײדנשאַפט, זי אַ כאַפּ געטאָן אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס, געקושט דעם האַלדז, די שטײפע צעפלויגענע בּרוסטן ווי צוויי ווײַסע בולקעס. זי האָט זיך געוווּרט. ער האָט זי צוגעשלעפּט צום דיוואַן... יעדע באַוועגונג אירע האָט געשאַרפט זײַן בלוט. זי האָט אײַנגעפלאָכטן די ווײַסע פינגער צווישן זײַנע קרויזן, אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ דין פאַרצויגן שמייכעלע אַרום די ליפּן געצישעט:

— דעם פירער מוז מען באַגריסן, הער דאָקטער... גרעטכען באַפעלט...

— רייד נישט ליבסטע פון פירער, האָט ער אַרײַנגעסאַפּעט אין דער קאַלטער גרויקייט פון אירע אויגן.

— אומגליק און בושה ברענגט ער אײַך... געפאַלנקייט..

זי האָט זיך ראַפּטום אַרויסגעריסן פון זײַנע אָרעמס און מיט פאַרביסנקייט דורכגעשפּאַנט אַהין און צוריק. דער לאַנגער שלעפּ פון אָפענעם רויט זײַדענעם שלאָפראָק, האָט זיך בּישופדיק געוויקלט אַרום אירע הויכע ווײַסע, נאַקעטע פיס און געלעקט די בלוי זײַדענע שטעקשיכלעך, זי האָט צו דער באַמאָלענער סטעליע אַרויפגערעדט:

— מיר וועלן די וועלט־הערשער ווערן! דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס... דײַטשלאַנד איז אַן ערן־פאָלק... אַ הויכע ראַסע... האָראַסיאַ איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער מיט ברייטע צעגומענע פיס און מיט בוימלדיקע, רויטע שפּיגעלעך אין די בליקן.

ער האָט זי אָפּגעשרפעט, געפרעסן, און אַ צעקרומטן לאַך געטאָן. זי האָט געלאָזן אַרויפגעלייגט די הענט אויף זײַן האַלדז, אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַזוי רואיק און שמייכלענדיק און מיטן גאַנצן כוח אים אָנגעהויבן וואַרגן. פרייד און גרעניצלאָזע הנאה איז אויפגעגאַנגען אַרום אירע געשלאָסענע ליפּן.

האָראַסיאָ האָט געוויקלט די הענט אַרום איר טאַליע, מיטן גאַנצן כוח זי אַ וואָרף געטאָן אַבּן פאָל און ווי אַ ברענענדיקער בוים אַ פאַל געטאָן איבער איר.

קאַפּיטל 25

ווען מען הייבט אָן פאַלן

דעם אַנדערן טאָג איז אַ גרויע פוסטקייט געשטאַנען אין דאָן טשיטשעס שטוב. פון די נאַסע ווענט האָט געווייעט מיט אומעט. האָראַסיאָ האָט אַ צענעם געטאָן די קלעטער־פלאַנצן און מיט צענוּמענע פיס שטיין געבליבן בּאַ דער שוועל, אָפּגעאָטעמט פרייער און ראַפּטום אַרײַן צו זיך אין שטיבל. אַ פרעך שמייכעלע האָט געציטערט אַרום די וואַנצעלעך, אײַנפאַל. דער ריח פון גרעטאַס לאָקן האָט ווידער געלאָקט. דאָס

ליבטע ווינטל צווישן די קלעטער־פלאַנצן, די שטיקער זון ווי גאָלדענע מטבעות, האָבן זיך געשאָטן אין שטוב אַריין, זיך געשפּילט מיט אים:

בלייב מיט אונדז האַראַסיאַ, מיר קושן דיך יעדן טאָג... מיר האָבן פאַר דיר טויזנט ברכות. אָן דיר איז נישטאָ צו וועמען צו קומען אַהער...

פאַרשייטער שמייכל האָט פאַרדעקט זיין פּנים. די פאַרוואָרלאָזטקייט אין שטיבל האָט אים געררייצט. דער שטויב איז געלעגן אויף יעדן שטיקל מעבל, אַ שרייענדיקער דלות. ער האָט אַ נעם געטאָן רחלס בילד פון טישל, איינגעראָבן אין איר די בליקן. אומגיחהדיקייט איז אויפגעגאַנגען אין אים: צוליב איר איז ער אַהיימגעקומען... וואָס וואָלט געווען ווען ער בלייבט דאָרט נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט? ס'איז געווען אָנגענעם... זיי האָבן אים גוט באַהאַנדלט... אַ היפּש ביסל חניפהדיק. נאָר וועמען נייט עס אָן. האַראַסיאָ איז אַ מענטש פון פלייש און פון בלוט. נישט קיין מומיע! האָט ער אַ לעב געטאָן. אַ שאָד, וואָס ער דאַרף מאָרגן צוריקגיין צו דער אַרבעט און אַז נישט... אפשר...

דאָס נישט געזעטיקטע בלוט האָט ווידער אַ רודער געטאָן, אים פון אָרט געטריבן. דאָס פּנים האָט זיך יסורימדיק געקרימט. ער האָט אָפּגעזיפצט און גרויע כמאַרעלעך האָבן זיך צעוויעט צווישן די בייזע אָנגערוקטע ברעמען: זי איז אַ לוסטיקע, אַ זאָרגלאָזע. ווען רחל האָט כאָטש אַ טייל פון יענערס פרייד; די קראַפט — וואָלט ער געווען דער גליק־לעכסטער מאַן... אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט אין קאָרטן גלייך מיט די מע־נער. אַ, יאָ! ווי קומט דאָס, וואָס ער האָט פאַרשפּילט אַ גאַנצן הונדער־טער צום הער גובער? ווי איז דאָס מעגלעך? יאָ, זי איז געזעסן לעבן אים, האַראַסיאָ. האָט אַלע מאָל עפּעס אַ זאָג געטאָן אין דייטש. זאָל זי אים האָבן באַשווינדלט? אפשר? זי האָט דאָך אים דעם הונדערטער געליען. ער האָט צוגעזאָגט היינט אָפּצוברענגען... געגעבן דאָס וואָרט. ניין, ער וועט מער אַהין נישט גיין!

זי האָט אים באַאַרבעט, די בלאָנדע אינדיטשקע און ער לאַכט פון איר... ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק און די מענערישע איינ־ליבע האָט געוואָיעט אין אים, ווי אין אַ צערייצטער חיה. ער וועט איר דעם הונדערטער אומקערן... אויך צוריק אָפּגעווינען דאָס פאַרשפּילטע... ווער האָט אים באַזינגט, אַן אָפּגעריבענער ציינלאָזער פוקס? צום טייוול!.. פון ווען אָן, האַראַסיאָ, ביסטו געוואָרן אַ נאָכגיביקער יונגערמאַנטשיק, האַ? — גיי נישט אַהין! — האָט אַ טיפער געפיל געוואָרנט... זאָל זי טראַכטן וואָס זי וויל. וויל איר נישט געפעלן. זי האָט דיך באַשווינדלט, דאָס איז אַלץ! האָסט אַ לעב געטאָן — זיי צופרידן. באַגניגן דיך...

פון צווישן די קלעטער־פלאַנצן האָט זיך ווידער אויסגעשיילט גרע־טאָס גוף, אַ לאָקנדיקער און אים אַ ציי געטאָן צו זיך מיט אַ מאַגנעטישן כוח. ער האָט געקוקט אַהין מיט שטייענדיקע בליקן. אין מוח האָט דאָס בלוט אַ כייש געטאָן. ווילנלאָז האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַם טישל און מיט אַ בלייפעדער אָנגעשריבן אַ צעטעלע:

— רחל, היינט און מאָרגן בין איך זייער פאַרנומען.. איך גרייט צו די לעצטע מאַטעריע ווענן אַנאַטאָמיע און פּסיכאָלאָגיע, וואַרט נישט אַף מיר! דיין האָראַסיאָ.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אומרואיקע פינגער פון אַן אויסגעהונגערטן, וואָס טראַכט נאָר פון עסן, אַריינגעלייגט דאָס בלעטל אין אַ קאָנווערט, אים פאַרקלעפּט און באַהאַלטן אין קעשענע פון רעקל. מיט אימפּעט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום טירל. פּלוצים דערהערט דער מאַמעס זיפצן און אירע שלעפּנדיקע שפּאַן פון די האַלב־געליימטע פיס, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַפּן בעטל און פאַרמאַכט די אויגן. די מאַמע האָט אַרויסגעצויגן אַ שופלאָד פון דער אַלטער קאָמאָדע און אַרויסגענומען אַ טישטוך מיט עטלעכע ריינע סערוועטקעס, זיי אויסגעלייגט באַ זיך אַף דער רעכטער האַנט, פאַרזיכטיק פאַרמאַכט דעם שופלאָד און זיך צוגעשאַרט צום פאַרמאַכטן טירל פון זונס צימערל. זי האָט צוגעבויגן אַ אויער און שווער אָפּגעזיפצט. אַ פּרואוו געטאָן די קלאַמקע און שטיל גערופן:

— זונעניו, אינגעלע, ס׳איז שוין מיטיקצייט... ביזט דאָ?...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און פון צאָרן איז דאָס פּנים געוואָרן גרוי, פינצטער, זיך אָנגעהויבן שלעפּן צוריק און געבורטשעט מיט אַ וויינענדיק קול:

— ערשט אַהיימגעקומען פון איר, און שוין ווידער אוועק... פאַרוואָס הייליקער פאָטערל, שווייגסטו?..

האָראַסיאָ האָט זיך אויפגעהויבן און די פאַרביסנקייט אַרום דעם געשלאָסענעם מויל, איז געווען גרייט אַף אַלץ. רחלס בילד האָט געקוקט אַף אים מיט שטומען צער, מיט געבעט: גיי האָראַסיאָ אין שפּיטאָל... גיי נישט צו איר.

— וועל איך גיין אין שפּיטאָל שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער צוויי... וועל איך ווערן אַ דאָקטער שפּעטער מיט אַ יאָר... אַזוי וויל איך!

— וואו איז באָרים מיט אַלפּרעדאָן! — האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן אין אים — צוים אין דיר דעם טאַטנס בלוט, זיין ווילדקייט...

אין מידן מוח, דעם פאַרטשאַדעטן פון שטאַרקן רוסישן בראָנפן צו וועלכן ער איז נישט געווען געוואוינט, האָט די איבערגעטריבענע איינגליבע אַ האַמער געטאָן: האָראַסיאָ איז נישט קיין פּחדן. צוגעזאָגט קומען, וועט ער זיין וואָרט נישט ברעכן... האָראַסיאָ איז אַ שפּילער! ער האָט אַ נעם געטאָן דעם גאָלדענעם חתן־רינג פון טישל, אים געוואויגן אַף דער אויסגעשפּרייטער דלאָניע, ווי ער וואָלט אים געווען פאַרזעצן אין באַנק... ער מוז האָבן צוויי הונדערטער. האָט אַריינגעלייגט דעם רינג אין אַ קעשענע, אַ צעפּראַל געטאָן דאָס טירל און איז אַריין אין גרויסן צימער. ער האָט פאָרזיכטיק פאַרמאַכט דאָס טירל הינטער זיך און די בליקן זיינען צוגעפאַלן צום ברייטן בעט. אומהיימלעכע פייערלעך האָבן זיך אַ צינד געטאָן אין זיי. די פיס האָבן אים אַ טראָג געטאָן אַהין. ער האָט ראַפּטום אויפ־

געהויבן דעם מאטראַץ און אַ כאַפּ געטאָן דאָס אלטע טייסטערל מיטן טאַטנס אָפּשפּאָרעכץ. פּאָרזיכטיק אַרויסגעצויגן פון דאָרט צוויי פּאַפּירענע הונדערטער, זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע און גיך צוריקגעלייגט דאָס טייסטערל. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם מאטראַץ און איילנדיק, ווי עמיצער וואָלט אים פארפאָלגט, ארויס פון שטוב. עס איז גאָרנישט... עס וועט דורכגיין שטיל, פונקט ווי אמאָל: דער טאַטע האָט זיך געגעבן רעכענונג, אַז אים פעלט אַ פּאָר פעזעס פון טייסטערל, האָט שוין די מאמע געזאָרגט פאר אים... זיי אומגעקערט דעם טאַטן..

דאָן טשיטשע, אַ געבויגענער, אַ פארהאָרעוועטער איז אריין אין שטוב אָפּגעווישט די הענט אין זוים פון ווייסן פארטוך און אָפּגעשלעפּט פון אונטערן מאטראַץ דאָס פולע טייסטערל. נחתדיק אַ פיר געטאָן מיט די קאָטערישע וואָנצעס אַף אהין און צוריק, געסמאָטשקעט מיט די ליפּן און געוואָרפן אומצוטרוילעכע בליקן צו די קלעטער פלאַנצן און צום פענצטער. געזען, אַז קיין פרעמד אויג פאָלגט נישט נאָך, האָט ער ארויסגענומען פון טייסטערל אַ פּעקל פון צען צענערפּעזעדיקע, זיי עטלעכע מאָל איבערגעציילט, און אריינגענומען צווישן די ליפּן; ארויסגענומען נאָך אַ פּעקעלע פון סאמע נייע קנאַקעדיקע הונדערטער — אַ פיר געטאָן מיט די צעשיינטע בליקן איבערן פארמעגן — געציילט איין מאָל און נאָך אמאָל. די פינגער האָבן געאַרבעט גיך און נערוועז; די אויגן, די וואָנצעס, די געזיכט־מוסקולן אַלץ אין אים האָט געציילט און מיטגעאַרבעט:

די פּיס האָבן אים אַ טראָג געטאָן צום טיש. ער האָט אויסגעשיט דאָס גאַנצע געלט פון טייסטערל, און מיט שווינדלדיקער גיכקייט אויסגעלייגט יעדעס פּעקעלע באַזונדער, זיי גערוקט פון איין אָרט אַפּן אנדערן. די אויגן ווי צוויי רויט־געפארבטע אייער, דאָס פינצטערע פּנים — האָט געהאַמערט איבערן געלט, גענישטערט, דורכגעבויערט יעדעס פּאַפּירל באַזונדער. דער אימפּעט האָט אים אַ ריס געטאָן צו דער טיר. ער האָט אריינגעדונערט צווישן די קלעטער־פלאַנצן:

— פּילאַר! פּילאַר!...

שרעק האָט געציטערט אין זיין קול, רציחה. זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פארן קאָפּ און אָנגעהויבן צו לויפן איבערן צימער, שרייענדיק מיט אַ דערשטיקטער הייזעריקייט:

— גנבים! גנבים!

אַ שווערע, אַ צערודערטע, האָט זיך די אלטע אריינגעשטעלט צווישן די קלעטער פלאַנצן. די מיט האָר באַוואַקסענע בראָדעווקע אַף איר באָרד האָט אָן אויפהער געציטערט:

— טשיטשע, צייל איבער נאָכאמאָל.. שריי נישט, שריי נישט..

כעס איז געווען אין איר קול, פּאָרוואורף. ער איז שטיין געבליבן, אַ דראָע געטאָן מיט אַ פויסט, אָן אָפּגעהאַקטן, אומהיימלעכן לאַך געטאָן, זיך ווידער געוואָרפן צום טיש, געציילט גיריק די פּעקלעך, געסאָפּעט, געפּייפט דורך די ווילד צעשפּארטע נאָז־לעכער און פון אומרו צוגעטופּעט

מיט א פוס, באלד זיך ווידער אויסגעגלייכט, א בלייכער, א ציטערדיקער מיטן גאנצן לייב און לעבן:

— מיין געלט פילאר, זאל מיר זיין! מיין געעלט!..

א קרענקלעכע רויטקייט האט א שרפע געטאן אף דער אלטערס פנים, איז געווארן אראפגעזעצטער, קלענער, זיך צום טיש געשארט. געהאלטן אפן מאן א דערשראקענעם בליק:

— דערמאן דיך, ליבינקער מיינער, אפשר האסטו געצאלט דעם שענקער, דעם קצב?

זי איז אנטשוויגן געווארן און די צוויי נאכהענגענדיקע באקן, ווי די בייכער פון אלטע מאגערע גענדז, האבן געציטערט ווי כאלאדיעץ. דער מאן האט זיך א טראג געטאן צו די קלעטער־פלאנצן און מיט די עלנבויגנס זיי צעפאכעט, ווי א שטיק פייער געפלויגן צום פלויטל און ארומבערגעשריגן איבער די דרימלענדיקע מיט שטיקער בליאסק באדעקטעביימלעך.

— ראציא!.. דו לידיקגייער!... ווייבערניק!.. אהער גיי זאגט מען דיר! מיין געעלט! מיין געעלט!..

רחל איז ארויס פון ווארשטאטל. צעברויזטע בלייכקייט האט זיך געשניטן ארום די ליפן. זארג. זי האט א קוק געטאן אין אפענעם פענצטער פון צימער און כדי איינצושטילן דעם צעיושעטן מחותן, צוגעגאנגען צום פלויטל און דורך דערשטיקטן ווייטיק אויסגערופן:

— שרייט נישט אזוי! ער איז נישטא בא מיר!

דער אלטער האט זיך געווארפן מיט דער צעפלאמטער רציחה, געדראעט מיט די אויפגעהויבענע פויסטן:

— א, א, א,!... מער ווערסטו מיך נישט נארן... מיין זון... מיין געעלט

רחל איז טויטלעך בלייך געווארן. די שווארצקייט פון אירע אויגן האט א ברען געטאן איבערן גארטן. זיך ראפטאם אויסגעדרייט און אנגעהויבן לויפן צום שטיבל. דער אלטער איז איר נאכגעלאפן. רחל האט א געשריי געטאן:

— האראסיא!... האראסיא!...

יאסל איז ארויסגעלאפן פון ווארשטאטל. מיטן זוים פון ארבעטספארטוך זיך אפגעווישט די הילצערנע האנט, זי ארונטערגעלייגט אונטערן ארעם און זיך אויסגעגלייכט קעגן „מחותן”, אים דעם וועג פארשטעלט:

— שרייט נישט אזוי... גייט אריין אין שטוב און זוכט...

ווייטיק איז געווען אין זיין קול, פארוואורף. זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום אלטן און זיך א לאז געטאן צום ווארשטאטל. דאן טשיטשע, א נעקרענקטער פון יאסלס גלייכגילטיקייט, איז אים מיט געביילטע פויסטן דעם וועג פארלאפן, זיך א צעוויג געטאן און אויגנבליקלעך מיטן גאנצן איכפעט און צארן אים א פאך געטאן צווישן די אויגן. יאסל האט זיך א

וואַקל געטאָן צום אומפאַלן, זיך ראַפּטאָם אויסגעגלייכט, געמאַכט אַ ברייטן שפּאַן אַף צוריק, אַפּגעכאַפּט די הילצערנע האַנט פון אונטערן אָרעם און זי עטלעכע מאָל אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט. איבערן אַלטנס קאָפּ. דער אַלטער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און געהעוועט ווי אַ נישט־דערקוילטער אָקס. רחל מיט דער באָבען, ווי צוויי בלייכע וואָלקנדלעך, זיינען אָנגעלאָפן און אויך פּילאַר. דבורה האָט אָנגעהויבן שלעפּן דעם איידעם פאַרן זוים פון דער פּידזשאַמע און בייז געמורמלט:

— מיט וועמען יאָסל האָסטו דיך פאַרנומען? אַ? קיין וועט געשלאָגן ווערן פון גאָט... קיין וועט איבערקומען אַף אונדזער שטאַנד.

רחל איז אַנטלאָפן אין גאָרטן און אַריינגעוויינט אין די הענט איר בערן פּנים:

— האַראַסיאַ...

שכנים זיינען געשטאַנען אַרום פּלויטל און גערעדט:

— דער איד מיטן איטאַליענער קענען נישט אויסקומען...

— וואָס וועלן איצט זאָגן די חתן־כלה?

— זיי וועלן זיך רייסן פאַר די קעפּ.

דער איד האָט אים באַגנבט, אָרעמער דאָן טשיטשע...

ס'וועט זיך אָפּטאָן געווג... עס וועט אים נישט געשווינגן ווערן, רעם קאַליקע...

די אַלטע פּילאַר האָט מיט די צוויי האַלב געליימטע הענט געשלעפּט צו זיך דעם צעיושעטן און מיט בלוט באַגאָסענעם מאַן און ביטער געוויינט:

— גיי נישט אהין... גאָט וועט אים באַצאָלן דעם איד...

באַטאָג האָט אַ טויטע שטילקייט גערוט אַרום הויף ווי אַף אַ בית־עולם. צעכוואַליעטע שטיקער זון האָבן געשרפהט די געבויגענע קעפּ פון די ביימער און די פאַרחלשטע גראָזן. מיט שוואַכע, פאַרחלשטע אברים, מיט אַ האַרטער שטומקייט אַפן דורכזיכטיקן ווייסן פּנים — האָט זיך רחל אַרויסגערוקט פון צווישן די פּלאַכטעס פון ווערבע־בוים און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. אימה האָט געציטערט אין בלוט. בושה. געזען אַז קיינער פון די שכנים איז נישט דאָ — האָט זי זיך אַ טראָג געטאָן איבערן גאָרטן און איז אַריין אין שטיבל. פרומע פאַרטראַכטקייט האָט גערוט אין די ווינקלען. עלנט. רחל האָט אָפּגעזיפצט און אַרויפגערעדט צו דער מאַמעס בילד:

— דיר מאַמע, איז בעסער... די מערדער האָבן דיך אומגעבראַכט מיט איינמאָל... מיך פּייניקט מען אָן רחמנות... זיי ברענגען מיך אום ביסלעכווייז... פאַרוואָס שטאַרב איך נישט?...

זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן זוים פון בעטל, און די בושה פאַרן טאַטן האָט געשניטן שטיקער פון די געפּייניקטע אברים. נאָך וואָס איז ער זיך

געגאַנגען פאַרהערן מיטן אַלטן? ווייסט ער דען נישט, אַז יענער איז אַ בעסן?

זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ענגשאַפט האָט געשטיקט איר אָטעם. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע אַריינגעגאַנגען צום טאַטן. יאָסל איז געלעגן אויפן בעטל און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. אויפן שטערן און אַף דער נאָז איז געלעגן אַ קאַלטער קאָמפּרעס — דורכן אָפענעם פענצטער איז אַריינגעפאַלן אַ ברייטע ראָזע שיין דורכגעוועבט מיט קילע באַשמעקטע ווינטלעך. דבורה איז געזעסן צופוסנס אויפן בעטל און געשטריקט אַ סוועטער פאַרן אייניקל. לויטערקייט האָט גערוט אַף איר פּנים. אַ דין חוזק שמייכעלע. זי האָט אַריינגערעדט אין די שפּינלעך.

— דאָס קינד, יאָסל, איז פון בושה אַנטלאָפן... אַ נייעס באַ איר עשׂום רציחה... אָ! וואָס זאָגסטו נישט צו איר? דער וואָס אייביק לעבט וועט איר עפענען די בלינדע אויגן...

רחל איז געשטאַנען אַף דער שוועל און אויסגעהערט די טענות. צאָרן האָט אַ ריס געטאָן באַם האַרצן, ווייטיק. זי דערלעבט זיך אַ נקמה, די אַלטע. יאָסל האָט אַריינגערעדט אין דער צייטונג:

— שווײַגער, קיין איין וואָרט זאָל וועגן דעם נישט דערמאָנט ווערן...

רחל האָט שוין אַף זיך געצווונג...

— אַלץ, מיין קינד, וועל איך אָנעמען פאַר ליב... אַבי רחלע זאָל פילן דעם אָטעם פון פעטליורעס רציחות.

רחל האָט זיך אויסגעגלייכט, נישט געוואָלט, אַז די באָבע זאָל באַמערקן איר געבראָכנקייט. צוגעגאַנגען צום בעטל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן קליינעם בענקעלע. יאָסל האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג, געקוקט אַף דער טאָכטער מיט ווייכע באַנגיקע בליקן. די ווייסקייט פון קאָפּ האָט זיך מאָדנע צונויפגעגאָסן מיטן ליכטיק בלייכן פּנים. די באָבע האָט אָנגעשטעלט איר רוגזדיק בערדעלע אויפן אייניקל און איז גרייט געווען עפּעס צו זאָגן. יאָסל האָט אַף איר אַ קוק געטאָן, די אַלטע האָט פאַרביסן די ליפּן און ווידער אָנגעהויבן שטריקן. רחל האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, איינגעפלאָכטן אירע בלייכע פינגער אין טאַטנס האָר און זיי געטריי געגלעט... יאָסל האָט זי באַטראַכט מיט אַ טיפן פאַרגעבלעכן בליק...

קאַפּיטל 26

דער סוף פֿון אַ חלום

פֿאַרנאַכט איז די בלוטיק אונטערגייענדיקע זון געווען ברוגז און צעחושט. אַ פֿאַרשייט ווינטל האָט זיך פֿון די צעווייעטע גראָזן צו די שפּיצן פֿון די ביימער אויפֿגעהויבן, געוועקט פֿון באַטאַגיקן טשאַד וואָס די שרפֿהדיקע היץ האָט אַריינגעשלאָגן אין זיי.

אַנדרעס איז געשטאַנען באַם פֿאַרמאַכטן טירל פֿון פּריצס שטיבל. הייסער גלי האָט געשרפֿהט אין די אויגן־ווינקלען, ביטערקייט, אומצוטרוי: פֿאַרוואָס האָבן זיי אים היינט אָנגעקוקט מיט באַהאַלטענעם סוד? עפּעס באַהאַלטן זיי פֿון אים... פּחדנים... האָבן נישט קיין כּוח צו זאָגן דעם אמת... די מויד האָט ווידער נישט אויסגעצאָלט דעם חודשלעכן געהאַלט, אַ בושה פֿאַר ראָסאַן... זי וועט מיינען, אַז דער מאַן איז אַ פּחדן, האָט נישט קיין כּוח צו מאָנען דאָס וואָס מען קומט אים... זי ווייסט נישט. ער איגנאָרירט זיי... אַ שאָד, נישט באַדאַרפֿט אַריינקריכן אין דעם דאָזיקן זומפּ.

דאָס ווינטל האָט אַ גלעט געטאָן זיינע האָר, געוועקט אין אים די בענקשאַפֿט נאָך היימישע פֿאַרנאַכטן. די בליקן האָבן אַ בלאָנדזשעט געטאָן אין דער פֿאַרנאַכטיקער שטילקייט און די אַנטוישונג האָט געציפּט אין האַרצן, געוועקט טרויער: דער זיידע זיצט איצט הינטער דער ראַנטשאָ און טרינקט מאַטע מיט די שכנים. זיי דערציילן זיך אויס די שענסטע מעשׂות. די אייזלען מרוקען, ריידן זיך צונויף אויף זייער אייזלשן לשון. דער סאַינאָ שטייט אונטערן ברייטן פֿייגנבוים און דרימלט: ווי שיין! אַ גאָט, ברענג מיך צוריק אַהיים!...

ער האָט אָנגעשטעלט אַ אויער צו דער ברייטער שפּאַרע אין טרוקענעם טירל. ס'האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט ווייבערשע זאַלב צום פּנים און מיט ביליקן פּערפֿום. הפקרות און חוצפּה האָבן גערודערט אין אים: ראָסאַ זאָגט, אַז זיי שפּילן זיך אין מאַן און ווייב, עפּעס מוז שטעקן אין דעם... דער אומצוטרוי צום גרויסשטאָטישן אויסלענדער האָט אונטערגעזאָגט: ער מוז זיי כאַפּן... צעשלאָגן די פּאַריסענע נאוה.

די הענט אין זייער גאַנצער אומרו האָבן זיך אַליין אַ לאָז געטאָן צום טירל און דאָס צעפּראַלט. די שפּיציקע בליקן האָבן אַ לויער געטאָן איבערן ברייטן בעט און כּדי צו באַרעכטיקן זיין טאַט — אויסגערופֿן מיט פּאַטאָס:

— חברים, קומט אַרויס!... אין דרויסן איז פֿריילעך. דער איד מיטן לאַקש שלאָגן זיך.

ניקאָלאַס איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך אַ רויטן, ברייטן שלאָפֿראָק, און מיט מאַלפּישער געשיקטקייט צוגעלאָפֿן

צום טירל. דאָס צוגעהויקערטע קעפּל צום רעכטן אַקסעלע, האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אַנדרעסן:

— הייל היטלער, דו שייסע!

פריץ האָט אַריבערגעצויגן דאָס ווייסע לײַלעך ביז איבערן האַלדז און דאָס ברייטע געלע מאַסקע פּנים איז געבליבן רואיק. אַנדרעס האָט אַרײַנגעשטעלט אַ פוס אין שטיבל אַרײַן און דעם אַנדערן געהאַלטן אין דרויסן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַנטלויפן, אַ שאַרפע רויטקייט האָט זיך געפּלעמלט אַפן פּנים, שמייכל. אַנגעשטעלט די בליקן אויף היטלערס בילד איבערן בעט און ווילדע אייפערזוכט האָט זיך געצונדן אין זײַן באַליידיקט האַרץ. אַט־אָ דער מיט די וואַסערדיקע אויגן וועט זײַן דער גאַנצער דעה זאָגער אין מײַן לאַנד?... פאַרוואָס קומט דאָס אים? ווי שיין, ווי העלדיש קעניגלעך סאַן מאַרטין זעט אויס!... און סאַרמיענטאָ! און ריוואַדאַוויאַ?... ווי שיין עס איז צו זײַן דער לאַנדסמאַן פון די דאָזיקע פּראָפעסערס!... קינדער ווי די ריזן... ניקאָלאַס וויל פון דעם נישט וויסן...

שרעק האָט אויפגעטויכט אין די אויגן. ער האָט זיך צו ניקאָלאַסן געווענדעט:

— איך ווייס נישט פאַרוואָס מען וועט מוזן אַרונטערוואַרפן די מאָנומענטן פון אונדזערע פּראָפעסערס און אויף זייער אָרט — דעם דאָזיקן „הײַלער" אָוועקשטעלן?...

פריץ און ניקאָלאַס האָבן אים געפרעסן מיט די זשעדנע בליקן, ווי די קאַטערס אַ טייער שטיקל פלייש אַפן פייער... אַנדרעס האָט אינסטינקטיוו דערפילט זייער אומרו, און עקל האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז, פאַראַכטונג. פריץ האָט אַ זאָג געטאָן צווישן די צוויי גראָבע ליפּן.

— שייסע איזט אַ שיינער בוב... דער הער פריץ וועט זײַן גנעדיק... שייסע מוזט געהאָרכזאַם ווערן!...

ער איז אַנטשוווּנדן געוואָרן און מיטן שפּיץ פון זײַן צונג אָפּעטיטלעך באַלעקט די ליפּן. גרינע שפּיגעלעך האָבן זיך געווינט אין די בליקן. אַנדרעס האָט געמיינט, אַז דאָס וואָרט שייסע מיינט צו זאָגן, מײַן הער. ער האָט זיך העפלעך אַ נויג געטאָן און ווידער געפרעגט:

— מיינט טאַקע דער הער באַראָן, אַז די אַרגענטינער וועלן לאָזן וואַרפן די מאָנומענטן פון די פּאַרקן?

ציטער איז געווען אין זײַן קול. פריץ האָט ווייטער באַמערקט:

— שייסע מוז געהאָרכזאַם ווערן... מיר וועלן דיר געבן אַ גוטע שטעלע. וועסט ווערן דער ערשטער אויפזעער איבער די פאַבריקן פון מענטשן־מיסט... דײַן ווײַבכען, דער שוואַרצער דרעקע — די קאַמער־מיידל פון דער ליבענסווירדיקער פרײַלײַן גרעטכען...

אַנדרעס נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט ווי בײַ אַ חיה, וואָס דערפילט אַ נאָענטע געפאַר. די פאַרשטומטע ליפּן האָבן געציטערט. ניקאָ־

לאָס האָט אים אָפּגעגאָסן מיט היצע, נישט פאַרגינערישע בליקן. א צעפּיר געטאָן מיט די קורצע טרוקענע הענטלעך, זיך געפרייט:

— דער דאָקטאָר איז שוין אויך מיט אונדז... און דאָס טאַטעלע זיינס, דער אַלטיטשקער אויך. האָסט דאָס גוט געזען היינט, אינדערפרי... א דאַנק מיר מיטן הער באַראָן... — פאַראַכטונג און נצחון האָבן זיך גע־בלעזלט אַרום די קאַרבן פון די צוגעפּאַרבטע בעקלעך. — נאַר דו וואַקלסט זיך... פאַרשטייסט נישט קיין איין וואָרט. וואָס מען האָט דיר נאָר־וואָס געזאָגט.

אַנדרעס האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און א שפּיציקן לאַך געטאָן אין ניקאָלאַס פינצטערן פּנים:

— זיי א זכר!... האָסט עפּעס צום קאַליקע — נעם א מעסער און רוף אים אַרויס, ווי מען רופט א קעגנער!... זיך אויסבאַהאַלטן הינטער עמיצן פּאַסט פאַר ווייבער, פאַר פּחדנים...

ניקאָלאַס האָט באַקומען א סך שמאָלע הינטישע שמייכלעך אַרום די חושבדיקע אויגן־לעכער, קנעכטישע, גאַליק־פרומע, זיך אָפּגערוקט פון אַנדרעסן און אָפּגעענטפערט:

— יעדער פון אונדז האָט זיין אַרבעט... נישט אמת, הער באַראָן? — זיך צום בעט מיטן מאַסקן־פּנים געווענדט — שייסע איז אַן עקשן...

אַנדרעס האָט פאַרביסן געשמייכלט, זיין זיכערקייט האָט ניקאָלאַסן געקרענקט: אויך בא דער אַרבעט, ווען מען מוז שטעלן פיס, איז אַנ־דרעס געוואָגט און זיכער.

ניקאָלאַס האָט א פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך אינדערלופטן און זיך צעטענצלט. געלע ווייבערישע מאַטקעלעך האָבן זיך באַוויזן צווישן די צעפלויגענע פּאָלעס.

— מיין אַרבעט, שייסע, איז מער איינשטעלעריש ווי דיינע!... נעכטן צוויי מאָל געוואָרפן שטינקבאָמבעס אַפן ביוסט פון סאַרמיענטאָ... און ווער האָט געשאָסן אַף די פאַרעטער, די דעמאָקראַטישע סטודענטן — איך, ניקאָלאַס! — זיך געהאַקט מיט די געבײַלטע פויסטלעך אין די צוויי וואָלענע ברוסטלעך אינעם רויטן ווייבערישן סטאַניק.

אַנדרעס האָט אים אָפּגעשרפהט מיט פייער פון די שפּיציקע בליקן און דער רעכטער קין האָט אָן אויפהער געציטערט. ניקאָלאַס האָט זיך אַף הינטערווײַלעכץ געררוקט צום בעט. אַנדרעס האָט מיט צענומענע פיס אים נאָכגעשפּאַנט. פּריץ האָט זיך אויפגעזעצט, ביידע פיס אַראָפּגע־לאָזט, פאַרשטייענדיק, אז עפּעס וועט פאַרקומען צווישן די צוויי לאַנדס־לייט, וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק פיינט. האָט ער זיך גענומען אָנ־טאָן: פון אַנדרעס אברים האָט געשלאָגן אימפּעט, רציחה. אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און מיטן גאַנצן כוח א קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין ניקאָלאַס וואָלענע ברוסטלעך.

— פּחדן!... פאַרשוועכער פון אונדזער ווירדע...

— דו לייזיקער!... דו „באהערנערדיקער” (אפגענארטער מאן)!...
— האט זיך ניקאלאס צום בעט געקלעפט און געפינעט ווי א פארסמטער — אנו, פרואוו שלאגן נאכאמאל...

ער איז אנטשוויגן געווארן. אנדרעס פארשפיצט בלייך געווארן פנים האט אים צעטומלט. א קוק פון א טיגער האט זיך געריסן איבערגעם מיט קולות פארן ווייבס באלייריקטער ווירדע, א כאפ געטאן ניקאלאסן פארן האלדז, אים געטרייסלט אהין און צוריק, ווי א נישטדערקוילעטן האן.

— זאג נאך אמאל, דו מויז, דאס פריערדיקע... — אריינגעברומט אין די איבערגעקערטע ווייסלעכער פון די אויגן — זאג... זאג!... זאג!...

ניקאלאס האט ארויסגעשטעלט א לאנגן לעקער און דאס בלייך געווארענע פנים איז באדעקט געווארן מיט טויטלעכן שוויס, מיט איבערמענטשלעכער שרעק. ער האט זיך אנגעהויבן קרעכן, געווארפן מיט די הענט. אנדרעס האט נישט נאכגעגעבן.

פריץ האט זיך אויפגעשטעלט קעגן שפיגל, געלאסן אויסגעבונדן דעם שניפס באם קאלנער און זיך געגרייט אוועקצוגיין.

אנדרעס האט אויפגעהויבן ניקאלאסן און אים אוועקגעזעצט אפן זוים פון בעט:

— נעם א מעסער, „מאנסביל”, און קום ארויס אין גארטן...

באפעל און רציחה האט געשפריצט פון די אנגעצונדענע געהירן.

— זיץ נישט!...

ניקאלאס האט שווער געאטעמט און זיך געווארפן צו פריצס פלייצע:

— הער באראן, פרינצעלע... ערן־ווארט, איך האב גארנישט געמיינט, גארנישט!

פריץ האט מיט איין האנט אפירגעשלעפט א לאנגן מעסער פון אונטערן מאטראץ און אף הינטערווײלעכץ דאס ניקאלאסן אונטערגערוקט. אנדרעס האט בא אים דאס מעסער א כאפ געטאן און צוגעווארפן צו ניקאלאסן און באלד ארויסגעצויגן זיין אייגן מעסער פון גארטל. פון דער נידריקער סטעליע, פון היטלערס בילד, פון די סלאיעקלעך קאסמעטיק אפן נאכט־טישל, פון פריצס שטומער פלייצע, פון ניקאלאס צום טויט־דערשראקן פנים, חאבן זיך טויזנטער בליקן געריסן, אנגענומענע מיט שפאט און געשטאכן זיין לייב, געשרפהט דאס בלוט, די נערוון: באהערנערטער, באהערנערטער”...

אן איינגעשרומפענע, ווי זי וואלט געהאט געבורט־וויטיקן, האט זיך ראסא אפערגערוקט פון הינטערן טירל און מיט א טויטלעכן פחד אין די אויגן געקוקט ארום זיך. די ווייסע בלאטערן אף די געשוואלענע ליפן, די גרויע פלעקן אין די שווארצאפלען, דאס צעקרומטע חושכדיקע פנים: אליץ

אין איר האָט זיך געצאַפּלט אונטער דער לאַסט פון שטראָף, וואָס דער־געטערט זיך... די שרעק אין איר האָט א רעווע געטאָן.

— גלויב זיי נישט, ליבינקער...

זי איז אנטשוויגן געוואָרן און מעכאַניש אויפגעהויבן א גוייז־פינגער אַף פּריצן. די צעקרומטע ליפּן האָבן מאַכטלאָז געפּליסטערט:

— ער, ליבינקער... אַף כוח מיך גענומען...

און די צוויי גרויסע, ברענענדיקע אויגן, האַלב משוגע, האָבן ווי שוואַרצע בליצן דורכגעבּרענט דעם מאַנס האַרץ... א פאַל געטאָן מיטן פּנים צו זיינע פיס, אויפגעהויבן די געלע ציטערדיקע הענט, ווי פאַרן אַלטאַר. און א דערשטיקטן רעווע געטאָן:

— האָב רחמנות!... פאַרגיב מיר, ליבינקער...

אנדרעס האָט מער אירע ווערטער נישט געהערט. אַלץ אין אים האָט געזאָגט: באַהערגערטער, באַהערגערטער... די ציטערדיקע הענט האָבן זיך האַסטיק אויפגעהויבן, דאָס שאַרפע מעסער האָט א בלאַנק געטאָן אין דער לופטן און באַלד מיטן גאַנצן כוח דאָס אריינגערוקט אין ווייבס געבוינענעם האַלדז און נאַקן...

קאַפּיטל 27

צום הייליקנס גייסט

דעם אנדערן זונטיק איז געווען א גרויסער יום טוב. די גאַס איז ווידער געשטאַנען א צעזונגענע. שפּיציקע שטיקער זון האָבן געבּליש־טשעט איבער די דעכער, איבער די צעשיינטע אויפגעהויבענע קעפּ פון די ביימער, זיי געוויקלט אין רויטע, גרינע האַלדז־בענדער. עס איז גע־טוּיפט געוואָרן א שיף אַף דעם נאָמען פון דער הייליקער בתולה, די מאַ־מע פון דעם קריסטלעכן דערלייזער — דער איד יעזוס... פון אַלע גאַסן און געסלעך האָבן מתנות ווייבער און מיידלעך, אנגעטאָן אין יום־טובדיקע מלבושים, מיט ווייסע און שוואַרצע טולענע טיכלעך אַף די קעפּ, זיך געלאָזט צום קלויסטער אנטקעגן דאָן טשיטשעס שטוב. די ראַדיאָס, די גאַס, די מענטשלעכע הערצער, די בלישטשענדיקע זון, די ביימער, דאָס גראָז פון די געשטרעקטע גרינע גערטנדלעך, די צעפלויגענע טויבן ארום די טויבן־נעסטן — הימל און ערד האָבן זיך געפרייט און געזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן:

„הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף:
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!...“

ארום קלויסטער האָבן זיך געוויגט פיל קאָלירנדיקע ווייבערישע פאַ־טשיילעס און אנטבלויזטע קעפּ, הייליקע בילדער און גאַנצע בונטן מיט

ווייסע און בלויע רויזן, פרישע און אָפּענע. אַלץ האָט געשוימט ווי אין א צעכוואַליעטן ים, קעגן דעם לייכטן זומערדיקן ווינטל. און אַנגעטר־מענס מיטן בלויען שמייכל, מיט אימפּעט, מיט געזאַנג. גאַנצע קנוילן מיט מענטשן זיינען איינגעשלונגען געוואָרן אין די ברייטע צעפּראַלטע קלויסטער טירן, זיך געבאָדן אין דער שטיקנדיקער היץ, א אָנגענומענע מיט רויט־געדעמפּטער שיין פון די הונדערטער אָנגעצונדענע ליכט אַרום אַלטאַר.

א רואיקע, א שטילע איז דבורה אָנגעקומען פון מאַרק, געטראָגן פאַר זיך דעם קויש מיט פּרוכטן, זיך געדרוקט באַ די ווענט, מורא געהאַט אויפצוהויבן די בליקן, טאָמער חלילה וועט זי אומגערן א קוק טאָן אַף די גוישע געטער. אומרו האָט געפינקלט אין די בליקן, חרטה: נישט באַדאַרפט זיין קאַרג אַף נאָך עטלעכע שפּאַן... דאָס שרעקלעכע און קוועלנדיקע לויפן פון המון, דאָס ברומען און אימהדיקע האַמערן פון די שווערע קלויסטער גלאָקן — דרום, דרום... — האָט געוועקט אין איר דעם אומצוטרוי צום הייליקן, מיט זיין זונדל ניקאָלאַס, דערמאָנט אין פּעטרושקין, וואָס האָט אין די זונטיקדיקע טעג גערייצט דעם המון צו מאַכן פּאָגראָמען אַף די אידישע שכנים... זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, דאָס אומרואיק ציטערדיקע בעררעלע:

— זיי זיך מרחם, גאָט... נעם צו באַ עשון דעם כוח פון שלעכטס... גענוג, טאַטע אין הימל, געפּייניקט די פאַרלאָזטע קינדער דיינע...

אָפּגעזיפצט און זיך דערמאָנט אין איידעם. ער איז נעבעך אַן אַנ־דערער געוואָרן... דער לויטערער יאָסל אירער, וואָס האָרעוועט שווער און ביטער און וויל קיינמאָל קיין מענטשן נישט צונעמען, וויל נישט לעבן פון פרעמדן שווייס און בלוט — האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אָזאַ שטיק כמעלניצקי. משיחס צייטן... א בושה און א חרפּה פאַר שכנים, פאַר לייטן... זאָל עשו זיך קאָרמען מיט מענטשלעך בלוט... דער וואָס לעבט אייביק האָט זיי פאַרשאָלטן צו לעבן ווי די חיות... א ליאַרע וואָס, מאַ!... דאָס מעסערל!... די רציחה... זאָל זי זען, דאָס ביטערע איינינקל, איר מחותנס „קריסטלעכע דערהויבנקייט”, זאָל זי...

די אַלטע פּילאַר האָט זיך איר אַנטקעגנגעשאַרט. קוים געשלעפּט די צוויי שווערע. האַלב געליימטע פיס. מיט איין האַנט זיך געהאַלטן פאַר די ווענט, און אין דער אַנדערער א גרויס געבעט בוך געטראָגן. דער־שלאָגנהייט האָט זיך געשטיקט אין אירע אַלטע אויסגעווייגטע אויגן: דער מאַן ווערט אַלע טאָג גערופן צו פּאָליציי אָפּגעבן דערקלערונגען וועגן ראַסאַס טויט. אהיים קומט ער א צעדרייטער, א הונגעריקער און איז גרייט דורם צו זיין וועלטן, אינייינעם מיט איר, דעם עלנטן ווייב.

אַן איינזאַמע, א דערשלאָגענע, מיטן עלנט פון א באַעוולטער פרוי און אומגליקלעכער מאַמע, וועמענס צעקרישעט שטיקל לעבן האָט זיך געקלאַמערט און געוואַרעמט אין שאָטן פון איינציקן גראַטענעם זון — גאַנצע טעג געווײנט, באַדינט דעם צעיושעטן מאַן און אויך די קונים.

ראַסאַס אָפענער בליק ווען מען האָט זי געגומען אין שפּיטאָל איז שטעקן געבליבן אין פּילאָרס בלוט און איר מער קיין רו נישט געגעבן. אויך אין טויטן שטיבל געזען ראַסאַן אַף אַ ווייסן מאַרמאָרענעם טיש. די פינ־גער פון די בלייכע קינדישע הענט אפן הארץ צונויפגעלייגט. פאַרגליווערט געווען האָט געשטעקט ארום ווייטיקלעך צעקרומטן מויל און ארום די בלויע איינגעפאַלענע אויגן־דעקלעך. אַ קליין אינגעלע מיט אַ שוואַר־צער טשופּרינע איז צווישן אירע פיס געלעגן. שוואַרצע שטיקער נאָכט האָבן זיך געריסן פון זיינע אָפענע אויגן. זי האָט לאַנג געהעשעט איבער איר, אויסגעקלאָגט דעם ווייטיק אפן טויט פון אירע יונגע קינדער. שוין צוויי מאָל געווען בא ראַסאַס קבר, באַם פאַנטעאָן מיט די פאַרברענטע ביינער פון די עלנטע, אריינגעוואָרפן אהין קליינע בלויע בלימעלעך און בימער געוויינט:

— פאַרוואָס, ראַסאַ, האָט מען דיך אָפּגעריסן פון מיר? דערציילדאָרטן, פאַר גאָט און פאַר דער הייליקער, ווי ביטער מיר איז... זאָלן זיי מיר כאָטש אומקערן מיין איינציקן זון... די אַלטע האָט אים דאָך פאַרבישופט...

דבורה האָט דערזען די מחותנתטע און זיך געפּרואווט דורכרוקן דורך דעם המון. דער דורות לאַנגער האָס צום איד, דעם מערדער פונעם דערלייזער, האָט זיך אַ צעצינד געטאָן אין פּילאָרן. ער האָט פון איר אַרויסגעשריגן:

— דו כודיאַ, דו כישופמאַכערן, גיב אָפּ מיין קינד!

דבורה האָט זיך אַוועקגערוקט אַלץ ווייטער און געחוזקט פון זיך אַליין: טאַקע אַ ביטערער ווייטיק. דבורה, נעם און צעריים דיר דעם ספאַדיק... דער מחותנעסטע שטייט נישט אָן דער שידוך. הלואי, גאָט, האָלט דאָס שוין אויך מיטן זון אירן נישט בעסער.

אַף די טרעפּ פון קלויסטערל האָט זיך דער „הייליקער" באַוויזן אין אַ נייער רויטער זשופּיצע, אין אַ רויטער מיצל אַפן קאָפּ, פאַריסן דאָס קיילעכדיקע בערדל צום הימל און געפירט מיט אַ לאַנגן גאָלדע־נעם צלם אַהין און אַהער:

— חשובע בירגער, פּאַטריאָטן! אונדזער היינטיקע פייערלעכקייט איז נאָך נישט קיין גאַנצע. מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים: די אידן, די רוזוועלטיסטן, די גאָטסלאָזע מאַרקסיסטן. זיי ווילן ארויס־שטויסן יעדן ערלעכן אַרגענטינער פון זיין באַשיידענער מאַטעריעלער פּאָזיציע און אויך פון דער גייסטיקער שיינקייט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן די בליקן קאַלטע, דראָ־ענדיקע צום געפּלעפּט פאַרשטומט געוואָרענעם המון.

האַנס מיט ניקאָלאַסן זיינען אַנגעלאָפן פון אַ זייטיקן ווינקל און נאָך זיי אַ גרופּע יונגע בחורימלעך. זיינען אַרויף אַף אַ באַנק, וואָס באַ די טרעפּ פון קלויסטער און אָנגעהויבן שרייען:

— די אידן זיינען די שונאים פון לאנד... זיי העלפן די דעמאקראַ־טישע סטודענטן!...

— אַ טויט די אידן! זאָל לעבן ראַסאַס...

— זאָל לעבן היטלער, זאָל לעבן דייטשלאַנד!

— הרגעט אידן און ראַטעוועט דאָס לאַנד!

— אַ טויט די דעמאָקראַטישע סטודענטן!..

— אַ טויט דעם איד רוזוועלט!...

— אַ טויט דעם רויטן גרוזין!...

דבורה איז געווען אומרואיק. פּעטרושיקס שיכורע צורה, האָט זי ווי אַ פינצטער געשפּענסט פאַרפאָלגט. אַ גרופּע יונגע סטודענטן זיינען איר אנטקעגנגעקומען לויפנדיק און ווי אַ כוואַליע פון אַ צעשטורעמטן ים, זיך אַריינגעשניטן אינעם המון, מיטשלעפּנדיק אויך דבורהן. איינער פון זיי האָט אַ צעפלאַטער געטאָן אַ גרויסע פאָטערלענדישע פאָן און פריידיקע קולות האָבן צעקלאַפּט די הייזעריקע היסטערישע קולות פון ניקאָלאַס און האַנסן מיט זייערע אינגלעך:

— אַראָפּ פון דאָרטן, פאַרפירער! פינפטע קאָלומניקעס... היטלערס קנעכט מוזן אומקומען... הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף — פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!

האַנס האָט פון קעשענע אַרויסגעכאַפּט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל.

אייניקע סטודענטן האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן און געבליבן מיט אַ־ראָפּגעלאָזטע הענט צווישן זייערע חברים. עס איז געוואָרן אַ מהומה. דער געפּאַקטער המון האָט זיך, ווי אַן אויפגעריסענער באַרג, אַ וויג גע־טאָן. עמיצער האָט געקווייטשעט. ווי פון אונטער דער ערד זיינען אָנ־געלאָפן עטלעכע פּאָליציילייט, זיך געוואָרפן אויף די סטודענטן. די קולות פון פרויען און קינדער, דער ריח פון ערשט־פאַרגאָסענעם בלוט, האָט דבורהן צעטומלט. זי האָט נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי געפינט זיך. פאַרלוירן דאָס קוישל מיט גרינוואַרג און אויך דאָס טיכל פון קאָפּ. דער מענטשן־שטראָם האָט זי ווי אַ שפּענדל מיטגעריסן ביז צו די טרעפּ פון קלויסטערל. אַנדרעס האָט איר אַ וואָרן געטאָן מיט זיין אייזערנער הענטשקע אויף דער רעכטער האַנט:

— דיך, אַלטע, וועל איך פאַרברענען אין קאַלך־אויוון.

— אומעטום שטערן זיי אונדזער מנוחה — האָט דער הייליקער אַ פיר געטאָן מיטן צלם אַהין און צוריק, און אויפגעהויבן די פרומע אויגן צום הימל, ווי ער וואָלט גרייט געווען איבערצוענטפערן זיין כשרע נשמה אין די הענט פון דעם איד יעזוס, אין וועמענס נאָמען ער האָט זיך ערשט געגרייט ריידן.

פּילאַר, וואָס איז נאָרוואָס אַרויסגעקומען פון קלויסטערל, האָט באַמערקט דבורהס צעשראָקן פּנים, באַגאַסן מיט שוויים. דער צאָרן אין איר האָט ווידער אויפגעפלאַקערט:

— וואָס טוט דאָ די אַלטע, די כישופמאַכערן... ס'איז איר נישט געַנוג דער זון?... ניין, פּילאַר וועט זיך נישט לאָזן פאַרכישופן... ניין!...

זי האָט זיך אָנגעהויבן שאַרן צו די טרעפּ, אַרויסגענומען דעם צלם פון הייליקנס האַנט און מיט באַנייטע כוחות בייצוקומען דעם אידישן טייוול, וואָס פאַרפאָלגט זי, אויפגעהויבן און אַריינגעהאַקט אין דבורהס פאַריסענעם קאָפּ.

אַף דער נאַכט האָט זיך גערודערט אַרום יאָסלס שטיבל. שכנות האָבן געוואַרט, אַז דער געשלעג זאָל זיך באַנייען. האַרטע אָנגעצויגענע שטומקייט איז געשטאַנען הינטער די פענצטער. די אָפענע שטערן אַפן צעפראַלטן ווייס־בלויען הימל האָבן געפלאַקערט מיט הייליקע פייערלעך. אַ רויטע לבנה האָט געשרפהט איבער די שפּיצן פון די ביימער, געוואָרפן איבערן גראָז ברייטע שטיקער שיין, ווי רויט־זיידענע סטענגעס.

ווי אַ דין צווייגל, וואָס ציטערט אונטער די קאַלטע קלעפּ פון אַ שלאַקס־רעגן, איז רחל פאַרשטעקט געוועזן אין אַ ווינקל פון וואָר־שטאַטל און געשטיקט אין זיך דעם ווייטיק, די בושה. אומפאַרשטענד־לעכקייט האָט זיך געריסן פון די ברייטע אויפגעצאַפלטע בליקן, איבער־מענטשלעכער פיין. זי האָט געפילט, אַז דער אומענטשלעכער קראַנקער אימפּעט, וואָס רייסט פון איר שטיקער, טרייבט זי אין דער וועלט אַריין, וועט גיך אויסגעשרפהט ווערן און זי וועט בלייבן מאַכטלאָז, פאַלן צו דער ערד ווי אַ איבערגעברענטע קויל.

פון די טונקעלע ווינקלען האָט געלויערט דער באָבעס שווייגנדיק שמייכעלע, וואָס האָט געגליווערט צווישן די ריטשקעס בלוט איבערן בלייכן, איינגעשרומפּענעם פּנים.

— זעסט, מיין קינד, כמעלניצקים טריפה בלוט איז נאָך אַלץ נישט געשטילט... ווייַ איז צו אונדז, ווען עשון איז אָנגעדראָלעט אַפן האַרצן...

אויך פון די נייגעריקע שכנים, וואָס האָבן די באָבע אהיים גע־בראַכט, האָט זיך רחל אויסבאַהאַלטן... יעדע שעה האָט זיך ווי אַן אייַ־ביקייט געצויגן, דער עלנט האָט אַרויסגעשריגן פון אירע אברים. אַ לויַ־טערקייט, וואָס איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אין איר, צו וועלכער נאָר געפייניקטע אידישע טעכטער קענען זיך דערהויבן. זי האָט אָבער קיין מוט נישט געהאַט אַריינצוגיין צו דער קראַנקער באָבע... זי האָט פאַר־בראַכן די בלייכע פינגער פון די הענט און אַריינגעמורמלט אין דער נאַכ־טיקער בלויקייט:

— גאָט, שיק מיר דעם טויט... שלאָג מיך נישט מער... האָב רחמנות!...

זי האָט איינגעשטאָכן די בליקן אין די קלעטער־פלאַנצן אַרום די פענצטער פון דאָן טשיטשעס שטוב און זייַ אינסטינקטיוו צו אַנדרעס שטיבל איבערגעטראָגן. אימהדיקע שוואַרצקייט ווי פון איבערגעברענטע אַפּגרונטן, האָט זיך געריסן פון אָפענעם פענצטערל. אַ דערשטיקט געוויין;

וואָס האָט געוועקט אין איר דעם עלנט, דעם פּחד פאר עפּעס גרויזאַמס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר..

די פאַרשטיינערטע ווייסקייט פון פּנים איז געוואָרן געל ווי וואַקס. דער רחמנות צו ראַסאַן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט רחמנות צו זיך אַליין, צו דער געפּייניקטער באָבען מיטן טאַטן. פון די טיפסטע האַרץ־געוועבן, פון מאַרך פון די ביינער, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ:

— פאַרוואָס? ווער זיינען זיי, די מערדער? וואָס ווילן זיי פון אונדז?

פּלוצים איז ווידער אויפגעגאַנגען אין איר די רואיקייט. אַ געשטילטער כוח, וואָס אַנטפּלעקט זיך צו איר פונקט ווען די לאַסט פון יסורים וואַרפן זי פון די פיס. אַ באַנגער אָנצוכאַפּן זיך אין עפּעס, וואָס זאָל איר מער נישט לאָזן זינקען אין אָפּגרונט פון מאַכטלאָזיקייט. ניין. רחל טאָר נישט שטאַרבן... רחל האָט אַ חתן! ער וועט זי קיינמאָל נישט אויפהערן ליבן!... נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי. די שוואַרצקייט אַרום איר וועט אויסגעוועבט ווערן... ווידער וועט די זון אַ שיין טאָן.

אומעט האָט זיך געשאָטנט אין דער שיין פון שוואַכן שמייכל אַרום די צונויפגעפּרעסטע ליפּן. אַ טיפע בענקשאַפט נאָך רו. נאָך אַ געמיטלעך ווינקל, וואו קיינער וועט זי מער נישט פּייניקן און דערנידעריקן.

דאָן טשיטשע האָט זיך אין אַ שיכורן צושטאַנד צוגעהוידעט צום פּלויטל. דער קאָפּ צווישן די צענומענע אַקסלען געזונקען. אַ דראַ געטאָן מיט אַ פויסט קעגן וואַרשטאַטל:

— וואַרט צו, איד, דו קאַליקע, אונדזערע אַלטע חשבונות זיינען נאָך נישט דערליידיקט...

רחל האָט דערפילט די רציחה פון זיין קול און פון שרעק איז איר דאָס האַרץ אָפּגעשטאַרבן. יאָסל איז צוגעקומען צום טירל. טויטע שטומקייט האָט גערוט אַפן אומעטיקן פּנים. שמאָלע שטיקער שיין האָבן זיך געבראָכן איבער דער ווייסקייט פונעם קאָפּ. עלנט. ער האָט זיך אָנגערופן.

— גיי אַריין טאָכטער צו דער באָבען, זי וויל דיך זען.

רחל האָט שטיל געפאָלגט. די אַלטע האָט אויף איר אָנגעשטעלט די אָנגעשטרענגטע בליקן:

— שטיי נישט בא דער טיר, טעכטערל מיינס... ווי אַזוי גאָט פירט אַזוי איז גוט...

רויטע בראַנדיקע פלעקן האָבן געברענט אויף דער אַלטערס איינגעפאַלענע באַקן, מידקייט... יאָסל איז שטיין געבליבן צוקאָפּנס דער שוויגער און זי שטום באַטראַכט. אַ טרויעריקער שמייכל איז אויפגעגאַנגען אַרום מויל: מען מוז פאַרט אָפּלערנען עפּעס פון זייער תורה... זאָלן זיי אַליין שניידן די פּרוכטן, פון דעם ווערעמדיקן קערנדל וואָס זיי האָבן פאַרזייט..

ער האָט אויפגעהויבן די בליקן צו רחלען און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דו וועסט בלייבן מיט דער באָבען און איך וועל גיין רופן אַ דאָקטער.

— מען דאַרף נישט — האָט זיך די אַלטע געבעטן — עס וועט מיר מיט גאָטס הילף איבערגיין.

זיכערקייט איז געווען אין איר קול און האָפענונג. רחל איז אַף די שפּיץ פינגער צוגענאַנגען צום בעטל. צורעכט געמאַכט דעם קאַלטן קאָמפּרעס אַף דער באָבעס קאָפּ. שטילקייט האָט זיך געוועבט אַרום זיי און עלנט. פון די ווייסע, אויסגעצויגענע ווינקלען, פונעם אָפענעם ספר איוב אַפן נאַכט־טישל, פון די לויטערע בלומען־קעפּ אונטערן אָפענעם פענצטער, פון דער מאַמעס בילד איבערן בעטל — האָט זיך אַ טיפער טרויער אויפגעהויבן. טויזנט נישט אויסגעשריגענע תרעומות צו דער מערדערישער וועלט.

אַן אַראָפּגעזעצטער, אַ באַלאָדענער מיט זאָרג איז יאָסל אַרויס פון שטיבל. זיך באַלד אומגעקערט און צוויי פּאָליציי־לייט מיט אים — הויכע, שטאַרקע ווי פון גיפּס אויסגעקנאָטענע. רחל האָט אַ ציטער געטאָן און זיי באַטראַכט מיט אומרו אין די ברייטע, דערשטוינטע בליקן. איינער האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צו דער שאַפע, צעפּראַלט דאָס טירל און אַרויסגעוואָרפן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך דאָרט געפונען. יאָסל האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק. נאָר דאָס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון דער פּיזשאַמע האָט אים פאַראַטן, אַלע מאָל אַ צאַפּל געטאָן. דער פּאָליציאַנט האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צו יאָסלען, אים דורכגעבערנט מיט די שאַרפע ביטערע בליקן:

— גיב אַהער מיט גוטן די אַלע „טייערע זאַכן". שטיי נישט אידישער קאַליקע... מיר ווייסן, איר מאַכט מלבושים און שיקט זיי קיין מאָסקווע... פאַרשאָלטענע ראַסע...

דער אַנדערער, וועלכער איז געשטאַנען בא דער טיר מיטן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער קעגנאיבער יאָסלס אויגן, די ריינע ווי אַ טויב, ער האָט זיך אָנגערופן:

— נאָכוואָס האָסטו געהיטן דיין שווינער פאַרשוועכן אונדזער הייליקן טעמפּל, נאָך וואָס?... יעדער מענטש מוז ווייסן זיינע כוחות... און אויך דעם כוח פון קעגנער!..

באַנג איז געווען אין זיין קול. דער ערשטער וואָס איז געשטאַנען צווישן אַ באַרג מיט וועש, מיט אַלטע שמאַטעס, האָט אַ צעקרימטן לאַך געטאָן און כמאַרנע געצישעט:

— מיר וועלן אַהער ברענגען דעם הער הימלער.

אין רחלען האָט אַ געשריי געטאָן דער ווייטיק.

— נאָך וואָס זיינט איר אַהער געקומען? וואָס האָט איר צו אונדז?

— גיב אַהער די ביכער פון דעם סעניאָר סטאַלין!...

— סטאַלין? — האָט זיך רחל פאַרביסן צעשמייכלט — און ווען מיר לייענען היטלערס ביכער — וואָלט איר דען געווען מענטשלעכער?..

ער האט זי אנגעקוקט מיט א טיפן בליקן און די גראבע שווארץ־בלויע ליפן האבן זיך געקרימט:

— א גרויסער כבוד פאר „אייך" צו דערמאנען דעם נאמען פון הער היטלער...

— פארעטער! — האט דאס דורכלויכטיק בלייכע פנים אפגעענט־פערט — פחדנים!..

דבורה האט דערפילט אן אומרו אין בלוט. זי האט זיך צום אייניקל געווענדט:

— אדרבה, זאלן זיי שווערן בא נאט, אז מיר זייגען חלילה באגאנ־גען א זינד קעגן אונדזערע שכנים.. און זאלן זיי טאן גערעכטיקייט, אדרבה...

חוזק האט אויפגעטויכט אין די ווינקלען ארום אומרואיק געווארע־נעם בערדעלע, דעם עקשנותדיק. פאריסענעם.

שטומע און אומצוטרוילעכע האבן זיי ארייגעפירט יאסלען אין ווארשטאטל און אויך אין זיין צימערל. זיי זייגען צוריקגעקומען פון דארט מיט עטלעכע ביכער. איינער האט זיך א לאז געטאן צו דבורהס ספרים־קאסטן. דבורה ווי א אונטערגעצונדענע, א איינגעהילטע אין שווארצן שאל — האט זיך א טראג געטאן פון בעטל, זיך אראפגעלאזט אפן פאל און ארומגעכאפט דעם קאסטן; אויפגעהויבן א שטרענגן בליק צום ארדע־נונגס־היטער, אן אנגענומענעם מיט ווארענונג:

— ריר דיך נישט צו אהער... עשו... שטיק טומאה...

יאסל האט זיך אנגערופן:

— לאזט מיך צו צום קאסטן.. איך וועל אייך ווייזן די ספרים, פאר אייך האבן זיי קיין ווערט נישט. פאר איר איז דאס א לעבן מיט הייליקע דערינערונגען...

אומצוטרוי האט געוויטעט פון זיי. איינער האט אויסגעשטרעקט זיין לאנגע האנט צום קאסטן:

— אוועק דו אלטע!

דבורה האט זיך אויפגעשטעלט קעגן אים, העבער און ברייטער גע־ווארן. עקשנות האט אראפגעשריגן פון בלייכן פארשפיצטן פנימל.

— אוועק דו פעטלורעץ! עמלק!... דבורה האט שוין איבערגעלעבט גרעסערע מאכערס..

— דאס וועלן מיר שוין זען!

דער פאליציאנט האט זי א נעם געטאן פאר א האנט און אוועקגע־ווארפן פון קאסטן. אום איבערגעקערט און ארויסגעווארפן די ספרים. אן איבערמענטשלעכע גבורה האט אויפגעברענט אין דבורהן. דער כוח פון דער הייליקער מוטער חנה.

דבורה האט זיך א שטעל געטאן אף די שפיץ פינגער, אנגעכאפט די אויבערשטע קעשענעס פון זיין רעקל און אים מיטן גאנצן כוח אנגע־הויבן אוועקרייסן פון די ספרים.

רחל איז געווען צעמישט. פון בושה האָבן די אברים געגליווערט, געליימט דעם ווילן. יאָסל האָט אַ געשריי געטאָן.

— שוויגער, שוויגער! זאָל ער זוכן!...

דער פּאָליציאַנט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פּויסט צווישן די אויגן. רחל האָט אַ קוויטש געטאָן מיט אַ פרעמד קול:

— מערדער! מערדער!...

זי איז צוגעלאָפן צום טאַטנס פּייניקער און ווי אַ ווילדע, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה איינגעשטאָכן אירע שאַרפע ווייסע ציינדלעך אין זיין האַנט. זי האָט דערפילט אויף די ליפּן דעם טעם פון בלוט... זיך אויסגעגלייכט און מיט די צעביילטע פויסטלעך אָנגעהויבן קלאַפּן איבער דער האַרטער אַרויסגעשטעלטער ברוסט.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען בליציק און אומגעריכט. די צוויי פּאָליציי־לייט האָבן זיך איבערגעקוקט, נישט באַנומען זייער אייגענעם געדולד. אין די אויגן איז זיי אויפגעגאַנגען שוואַרצע רציחה. איינער האָט אַ באַפּ געטאָן רחלען באַ די לעקלעך, זי אויפגעהויבן אין דער לופטן און זי מיט זיין גאַנצן כוח פון זיין האַס צוריקגעוואָרפן אויפן פּאָל:

— אידישע הור!.. אויך דיין רייע וועט קומען!..

דבורה איז שוין אין אַנדערע געוואָרן, אַ באַהערשטע פון אַ גרויסן אחריות־געפיל, נישט צו לאָזן פאַרשוועכן גאָטס וואָרט — איר אייניציקן אוצר. וואָס איז איר פון פעטליורעס רציחה קוים געלונגען אַרויסצוראַטעווען — אין איילעניש און אין אויפגעשוידערטע — אויסגעשפּרייט אויפן פּאָל אירע תכריכים, געטריי צונויפגעלייגט איין ספר אויפן אַנדערן, צונויפגענומען די עקן און געמאַכט אַ שטייפן קנופּ. אַ נעם געטאָן פאַר זיך דעם שווערן פּאַק, זיך אויסגעגלייכט. לויטערקייט האָט זיך געטויעט אין די בליקן, בטחון, די גבורה פון אירע געפּייניקטע דורות.

— נעם מיך, רציח אינאיינעם מיט די ספרים... אויף פּייניקן די שוואַכע זיינט איר גרויסע העלדן..

פאַראַכטונג איז געווען אין איר קול, שניידנדיקער חוזק.

די אָרדענונג־היטער מיט די געלאַדענע רעוואָלווערן הינטער יאָסלען, האָבן אים נאָכגעטריבן נאָך דער שוויגער..

אין אימהדיקע פּוסטקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום רחלען, ווי מען וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגעטראָגן אַ טויטן. דער ספרים־קאַסטן, ווי אַן אָפּענער קבר פון וואַנען מ'האָט די מענטשלעכעביינער אַרויסגענומען, האָט געוויעט אויף איר מיט שטומען צער. זי האָט ראַפּטום אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ שוואַרצן שאַל מיט רויטע זיידענע בלעטער און געלאָפן צו דער גאַס, דורכן הינטערשטן טירל פון גאָרטן. נאַכטיקע חשכות האָט וויברירט צווישן די בלעטער פון די ביימער און טויזנטער פּאָר נייגעריקע בליקן פון די שכנים אַרום פּלויטל. פון אַנדערע שטיבל איז איר אַנטקעגן געלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ מיט אַ געלן בלישטש אין די אויגן. רחל האָט אַ געשריי געטאָן נישט מיט איר קול:

— האָראסיאַ! האָראסיאַ!..

אַ הילכיק קייכן האָט איבערגעבראָכן די אָנגערוקטע שווארצקייט ארום איר און געהאָגלט איבערן קאָפּ, זי צו דער ערד געוואָרפן. באם טירל פון דאָן טשיטשעס גאָרטן איז איר האָראסיאָ פּלוצים אנטקעגן געקומען. די פיס האָבן זי אַ טראָג געטאָן צו אים. אינסטינקטיוו באגראָבן דאָס פּנים אַף זיין ברוסט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. געפּלאָסן האָבן די טרערן ריטשקעסווייז, ווי פון צעעפנטע הימלישע קוואַלן פון צעריסענע וואָלקנס.

האָראסיאָ האָט מעכאניש די הענט צענומען און זיך צעוויגט ווי צום טאַנצן אַ קאַמאַריסקע. געקוקט אַף איר געבויגענעם קאָפּ, אַף די צוקנדיקע אקסלען און קיין זאך נישט באנומען. רחל איז מיטאמאָל שטיל געבליבן, ווי דאָס לעבן אין איר וואָלט זיך איבערגעבראָכן, אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים, די בליקן געהייליקטע, ווי צוויי שטערן. אַ שאַרפער ריח פון בראָנפן האָט געזועצט פון זיינע האַלב־אָפענע ליפּן. דאָס פּנים פאַר־ענדערט און זייער מיד. ער האָט אַ שלוקעריץ געטאָן און זיך געקרעקט צום ברעכן. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר די לאַצן פון צעפלויגענעם רעקל און אריינגערעדט אין די ציללאָזע, אָנגעצונדענע אויגן:

— האָראסיאָ! האָראסיאָ!

ער האָט אַ צעקרומטן לאַך געטאָן. שטיקער סלינע האָבן זיך געצויגן פון די בלייכע מויל־ווינקלען:

— אַ שלאַנג ביסטו, באָבע... די ערגסטע כודיאַ... גרעטאַ וועט דיך פירן אין גאז־קאמער...

רחל האָט אים אָפּגעלאָזט. געמאכט אַ ברייטן שפּאַן אַף צוריק און שטיקער שווארצע אימה האָבן געשרפּהט אין די צעפּייניקטע בליקן. די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן. ער האָט מעכאניש ארויפגעלייגט בײדע הענט אַף די היפּטן און אונטערגעהאָפּקעט אַף איין פוס:

— וויר איזט גוט... פון מעסער... בלוט! גרעטאַ איז אַ הייסע זי...

רחל איז צעמישט געוואָרן. שנעון האָט זיך געריסן פון געפּייניקטן מוח און געשפּאָלטן דאָס הארץ

— האָראסיאָ, וואָס איז מיט דיר?

ער האָט זיך צוגעהוידעט צו איר, מעכאניש אויסגעצויגן די הענט און זי אַ שטופּ געטאָן פון זיך. רחל איז אומגעפאַלן. האָראסיאָ האָט גע־ציטערט דורך די נאָסע פון בראָנפן בלוי־געוואָרענע ליפּן:

— דו אַלטע שלאַנג... גרעטאַ וועט דיך פּאַרטיק מאכן, כודיאַ!..

דאָס שאַרפע זומער ווינטל איז אומגעלאָפן צווישן זיינע פייכטע צעפלויגענע קרויזן און מיטגעשעפטשעט:

— גרעטאַ וועט דיך פּאַרטיק מאכן...

קאַפּיטל 28

טאַטע און זון

פּילאַר האָט אַרויפגעלייגט די צוויי שווערע האַלב־געליימטע הענט אויפן מאַנס אַקסלען, אויפגעהויבן צו אים אַ מיד־בעטנדיק פּנים, אַ הכנעה־דיקן בליק פון אַ מילד שטוביק אייזל — נאָר נישט מיט בייזן. מאַן מיי־נער! די היינטיקע קינדער האָבן צופיל איינגליבע... וועק אים נישט פון שלאָף... ער וועט באַלד אליין אויפשטיין...

גרעניצלאָזע פּיין איז געווען אין איר קול.

ער האָט זי אָפּגעשטופּט מיט אַ בייזן שטורכע פון עלנבויגן. די רציחה האָט זיך געריסן פון אים, ווי די פּאַרע פון אַ איבערגעהייצטן לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז אַראָפּ פון די שינעס. דאָן טשיטשע האָט גלייכציי־טיק מורא געהאַט צו טראַכטן, אַז עס האָבן אָנגעהויבן אויספּעלן די געמיטלעכע אָפּדערנאַכטן, ווען דער זון מיט דער כלה זיינען באַם טיש געזעסן. אויך יאָסלס צוריקגעבן אים מיט דער הילצערנער האַנט איבערן קאָפּ און רחלס שטילקייט האָט געשטאָכן ביזן מאַרך פון די ביינער: עס אַרט איר גאָרנישט, וואָס ער פרעסט זיך אַ לעבעדיקער און קען פון זיך דעם צאָרן נישט אויסלאָזן — דעם ווייבס מורא, אַז ער וועט עפּעס ווילדס קעגן זיין זון באַגיין, האָט אים דערנידעריקט, גערייצט דעם צאָרן.

ער האָט אַראָפּגעריסן פון זיך אירע באַצווינגערישע הענט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די צוויי שווערע פויסטן ווי צוויי אייזערנע געוויכטן איבערן פאַרשלאָסענעם טירל און דאָס אויפגעבראָכן:

— שטיי נאָר אויף, „הער דאָקטער"! ער האָט זיך אַ צעוויג געטאָן אָף די צענומענע פּיס קעגן בעטל — דרעקישער קריאַזשאַ... ליידיקגייער! פוילער הונט! גנב!...

ער האָט אַ הילכיקן לאַך געטאָן פון אַ צערייצטן היסטעריקער און צוגעפאַלן צום בעטל, דאָס אונטערגעהויבן און מיטן גאַנצן כוח צוריק אַ וואָרף געטאָן. האַראַסיאַ האָט זיך ראַפּטום אויפגעזעצט, ווי אַ געטראָפענער פון אַ דונער. מיטן שפּיץ פון ליילעך מעכאַניש געווישט דעם שוויים פון שטערן און פון דערשראָקענעם פּנים.

דאָן טשיטשע האָט אַ רעווע געטאָן, אים דורכגעבויערט מיט די פון קאָפּ אַרויסגעזעצטע אויגן, דורכגעוועבטע מיט רויטע געשוואָלענע אָדער־לעך:

— מיין געלט! ענדלעך דיך געפּאַקט!.. גנב!... איד! מתנהלעך דער אידישער מויד געקויפט... אַ, אַ! און ווידער געקייכט, אימהדיק קראַנק...

האַראַסיאַ האָט אויפגעהויבן צו אים די בליקן גלייכגילטיקע, אָנ־גענומענע מיט ווידערווילן. די אַלטע האָט זיך אַריינגערוקט צווישן אים און בעטל, פאַרפלאָכטן די פינגער פון די הענט באַ זיך אויפן האַרצן און

אפגעגאסן דעם זון מיט געטריישאפט, מיט געבעט פון אירע אויסגע־קלאגטע אויגן:

— נו, ענטפער אים א וואָרט... גלייב מיר דער טאטע איז נישט קיין גזלן... פארוואס באהאלטסטו דיך אויס, האָ? מיר זיינען אלט און קראנק — האָבן די טרערן געציטערט אין שלונג — ווען מען נאָך, זונעלע טייערס, האָבן מיר אָק דער וועלט?..

דער מאמעס גוטסקייט, די אייביקע הכנעה האָט אים געריזט. ער האָט פארשולדיקט אראָפּגעלאָזט די בליקן, כדי נישט צו זען איר גע־בראָכנקייט און פלוצים דערזען בא זיך אפּן העמד אן אָפּצייבענונג פון רויט־געפארבטע ליפּן... וואונדער האָט א צוק געטאָן ארום די ליפּן, אומ־פארשטענדלעכקייט. ער האָט קיין זאך נישט געדענקט. ער האָט אויפ־געהויבן די בליקן צו רחלס בילד אפּן טישל, ווי ס'וואָלט געווען דער אָפּצייכן פון אירע ליפּן... אומרו האָט א רודער געטאָן אין הארץ. די שווערע ברעמען האָבן זיך געבראָכן אונטער א גרויען וואָלקן. ער איז דאָך געווען זיכער, אז זי וועט נישט גלויבן. אז גאנצע דריי מעת־לעת האָט ער געהוליעט. אויסגעלעבט די ערדישע פרייד. אז דער טייוול אליין איז נישט בכוח אזוינס איבערצוטראָגן. רחלען וועט פון דעם אלעם גאָר־נישט אָפּקומען — האָט דער מענערישער עגאָאיזם, די הפקרות געטענהט, זי וועט קיינמאָל נישט קענען זיין אזא נקבה... אויסגעלאָסן און פרעך, ווי גרעטא...

ער האָט נישט געפילט אָק זיך דעם טאטנס צאָרנדיקן בליק, אָנ־געגומען מיט טויזנט קללות. הארמאָניע האָט געגעניצט. א צערונענער שמייכל איז אויפגעגאנגען ארום זיין מויל: ס'איז גוט צו זיין א געזונ־טער, א פולבלוטיקער יונג... די ווייבער ווערן דיינע קנעכט... ווערן פאר־ברענט אין דיינע אָרעמס... אָך, ווי זיי דערשנאפּן דיך.

דאָן טשיטשע האָט געשריגן נישט מיט זיין קול:

— וואָס שטומסטו?! דו ווייבערניק!.. מיין געלט, מיין הארעוואניע!

אָפּענע פיינטשאפט און ביטול האָט זיך געפלעמלט אין זונס רויטע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. א ווילדער צולהכעיס, די אלטע עקשנות שלעכטס צו טאָן די אלטע טאטע־מאמע. וואָס מישן זיך צופיל אין זיינע בחורישע עסקים; פריילאָזן די צוימען פון לעבן... זיך לאָזן פארשליגגען פון ליידנשאפטן, ווי פון א צעבוואליעטן פייער וואָלקן... אומקומען פון שיכרות, פון הפקרות און פארגעסונג...

ער האָט אויפגעהויבן א פארוואָלקנטן בליק צום טאטן:

— שריי נישט! איך וועל דיר די פּאָר פּעוּעס אָפּגעבן!...

טויטע ווייסקייט האָט געגליווערט ארום אלטנס מויל. דער צאָרן האָט אים משוגע געמאכט. צוגעפאָלן צום זון און געהאקט מיט די שווערע פויסטן איבערן קאָפּ און האלדז־און־נאקן, שרייענדיק ווי א נישט דער־קוילעטער.

— דו אויסוואורף! אידישער קליידלניס! איבער מיין שווערער האָ־

רעוואַניע וועט קיינער נישט באַלעבאַטעווען! גנב! אַ... דו...

טשיטשע האָט נישט געהערט דעם ווייבס העשען און שרייען:

— רחמנות! גוטע מענטשן, ראַטעוועט מיין קינד! דער אַלטער איז משוגע!...

האַראַסיאַ איז אויפגעשפּרונגען. פון די צעקרומטע מויל־ווינקלען, פון דער אויפגעלאָפענער נאָז, האָבן זיך געצויגן ברייטע, הייסע בלוט־סטענגעס. טאַטע און זון, צעשויבערטע מיט די שווערע קעפּ צווישן די אויפגעהויבענע אַקסלען, האָבן זיך ווי צוויי זודיקע קעסלען געוויגט איינס קעגן אַנדערן. זיך דורכגעשטאָכן מיט די צעוויגטע, ברענענדיקע בליקן, ווי רויטע בליצן. האַראַסיאַ האָט מיטביידע פויסטן אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַלטנס ברוסט און אים אומגעוואָרפן. דער טאַטע איז אַרויפגעפאַלן אַפן טישל און דאָס איינגעבראָכן. קרעכצנדיק האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַ כאַפּ געטאָן אַ בענקל און דערלאַנגט דעם זון איבערן קאָפּ. די מאַמע האָט זיך אָנגעהאָנגען מיט די הענט אַפן אַלטנס האַלדז און געזעוועט:

— רחמנות, אַלטינקער!..

האַראַסיאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס רעקל פון בענקל און איז אַרויסגעלאָפן. דער טאַטע איז אים נאָכגעלאָפן. געפאָכעט מיט די פויסטן:

— זאָלסט מער נישט קומען אַהער, דו פּחדן!.. דו לײדיקגייער! דו איד!

האַראַסיאַ אַ פאַרשטעקטער צווישן די פּלאַכטעס פון ווערבע־בוים, האָט געאָטעמט רוגזהדיק שווער און מיטן אַרבל פון העמד געהאַלטן אין איין ווישן די שטראָמען בלוט, וואָס האָבן אַרויסגעזעצט פון דער נאָז, ווי פון אויפגעריסענע אָדערן. אַרום אים האָבן געבלאָזן קילע ווינטעלעך, אָנגענומענע מיט ריחות פון רויזן־זאַפט, מיט ערד פון ערשט אויסגעגראָבענע יונגע קאַרטאָפליעס. ער האָט אויפגעהויבן צוויי צאַרנדיקע בליקן צום טאַטנס שטוב, דאָס צעקרומטע פאַרענדערטע פּנים:

— פאַר וועמענס וועגן דאַרפסטו דיין געלט, דו אַלטע קאַנאַליע? שיכור! אַ שאָד וואָס איך האָב אַרויסגענומען אַזוי ווינציק.

דעם אַלטנס קול האָט פון וויטנס געהאַמערט, אויסגעמישט מיט אַ וואָיעדיקן געוויין, ווי פון אַ געשלאָגענעם הונט, וואָס אַנטלויפט מיטן אַראָפּגעלאָזטן ווידל צוריק צו זיך אין ביידל. האַראַסיאַ האָט זיך ראַפּטום אַ טראָג געטאָן צו דעם קאַליקעם שטוב. מיטאַמאָל שטיין געבליבן באַם פענצטער צווישן די זאַנפטע צעצווייגטע רויזן־קעפּ און אַריינגעקוקט אינעווייניק. ס'האָט אַף אים אַ שלאָג געטאָן מיט איינזאַמקייט, מיט אומווילן. אַלע מילדע ווערטער, די געטרייקייט, די טויזנטער קינדערישע חנען און פאַרשייטע פרייד — זיין גאַנצע נשמה, דאָס לייב און לעבן מיט יעדן אָטעם־צוג, וואָס האָט פון קינדהייט אָן געהערט צו רחלען — געלעבט מיט איר פרייד און מיט איר טרויער — איז געווען אויסגעלאָשן אין אים, טויט. אַ קיל ווינטל האָט זיך אָפּגעזעצט אונטערן האַריץ־גריבל. אַ שלעכטער נאָכטעם פונעם שטאַרקן רוסישן בראָנפן.

ער האָט שווער געזיפּצט און אומעטיק געשמייכלט. זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען... איבערגעטראָגן די בליקן אַפן אַפּצייכן פון רויטע ליפּן, בא זיך אפן העמד און דער געשריי רחלס. וואָס איז שטעקן געבליבן אין די אויערן, איז ווידער אויפגעגאַנגען אין אים, געעגבערט ווי א וואָרעם, נערופן פון ערגעץ ווייט: האָראַסיאָ, וואָס איז מיט דיר? ער איז געוואָרן צעמישט. די חושים זיינע זיינען געווען טעמפּ און אומפּעיק אף א באַשטי־מונג. טיף אין הארצן האָט געגעסטיקט א בלייכער פונק, אים פאַרזיכערט: נישטאָ אזאַ כוח, וואָס זאָל איצט גוט־מאכן דאָס וואָס דו האָסט אליין מיט דיינע אייגענע הענט איינגעבראָכן... רחל איז נישט געוואוינט צו באַליי־דיקונג... לאָז זי איבער אַליין מיט איר ווייטיק... די בענקשאַפט טוט אַפּ די אייגנליבע, דעם פאַרוואונדעטן שטאָלץ... אירע יסורים וועלן גיך אַפּווישן די גרענעצן צווישן אייך. די אַלטע וועט ווידער נישט רוען. וועט אים קומען זוכן צו רחלען. זי וועט זיך דערוויסן זיין אדרעס. וועט אים לויפן זוכן און אַלץ פאַרגעבן...

אומניחהדיקייט איז אויפגעגאַנגען אין אים. דאָס פאַרשוואָלענע פּנים, די צעפלויגענע קרויזן, די רויטע בלוט־פעדים אפן העמד זיינען באַדעקט געוואָרן מיט כמאַרעס, מיט צאָרן. אים איז ווירקלעך שווער געווען צו שטיין צווישן די דאָזיקע פייערן, צוגעוואוינט צו א לייכט, זאָרגלאָז לעבן, א געשעצטער פון טאַטע־מאמע, פון רחלען, מיטן טאַטן, פון חברים, וואָס האָבן ליב געהאַט זיין חוצפּה און די פאַרשייטקייט, וואָס איז געווען א שטיק פון אים אַליין, האָט אים געפּאַסט. נישט געוואוינט געווען צו קיין אינערלעכע קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן: גיי פון דאַנען!.. — נוץ אוים דעם מאָמענט.. גרעטא האַלט דיך נישט געצוימט, זי גיט זיך דיר אַוועק אינגאַנצן און וויל פון דיר גאָרנישט... זיי וועלן דאָ אי־בערברענגען אין אייגענעם צאָרן און ס'וועט ווידער שטיל ווערן — האָט די קליינלעכע אייגנליבע פון אלטער הפקרות אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל — זיי וועלן דיך לויפן זוכן און טויזנט מאָל גאָט דאַנקען, וואָס מען זעט דיך נאָך א לעבעדיקן...

די גרויסע אָפענע בלומען־קעפּ האָבן זיך צעשאָרכט, אים געגלעט און געבעטן: גיי נישט אוועק... האָסט א לעב געטאָן, באַגניגן דיך...

ער האָט זיך שטום אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָרט עמיצער זאָל אים א נעם טאָן פאַר דער האַנט און אַרויספירן פון זיין ווילנלאָזיקייט. בושה פאַר יאָסלען האָט געגאָגט דאָס האַרץ. ער האָט געסאַפּעט מיט די ברייטע נאָז־לעכער: וואָס פאַר א גרויסער חילוק צווישן די צוויי טאַטעס... ווי גליקלעך רחל וואָלט זיך באַדאַרפט פילן. אַלץ פאַרשטייט ער, דער אומגליקלעכער קאַליקע... נעמט אויף יעדע רשעות מיט געדולד און מיט א שמייכל, א וואונדערלעכער איד, א שטיק גאַנדי... ער וואָלט אים יאָ פאַרשטאַנען... און אויך פאַרגעבן... אָרימער קאַליקע! לעבט א לעבן פון אן אַספּקעט... צי דאַרף א הייסבלוטיקער בחור וויסן צו וואָס פאַר א פאַרטיי, אָדער גלויבן געהערט א הייסבלוטיקע מויד, מיט וועלכער מען

פאַרברענגט? אַ?...

ווידער האָט דאָס בלוט אַ שרפה געטאָן, אים פאַרטונקלט דעם מוח. פון יעדן בלייך כמאַרעלע אויפן רואיקן פאַרטראַכטן הימל, פון די צעוויגטע רויזן־קעפּ, פון יעדן צווייגל און ביימל אַרום אים — האָבן זיך פּלוצים אויפגעהויבן צענדליקער שווערע, רויטע לאָקן, ווי פייערדיקע שרויפן און ווייסע שטאַרקע הענט, אַנטבלויזטע, און זיי האָבן זיך ווי די שלענג געוויקלט אַרום אים, געבריט דאָס לייב און איינגאַנצן פאַרשלונגען. ער האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון אָרט, איז אַ באַנגאָסענער מיט שווייס אַריין אין וואַרשטאַטל. צעמישונג איז אויפגעגאַנגען אין די ברייטע בליקן. שרעק. די אומאָרדענונג, די צעוואָרפענע און צעבראָכענע שטיקלעך אַרבעט. די בערג מיט אָבליוּוקעס אויפן מיטן פּאָל. האָבן געקוקט צו אים מיט פאַר־יתומטער גרויקייט, מיט טיפן עלנט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען מיט שווער אַראָפּגעלאָזטע הענט און באַלד האָט אים דער אימפּעט פון אויפגעוואַכטער תאווה אַרויסגעטראָגן צוריק. ער האָט געטריבן פון זיך אַ מאָנענדיק קול, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן:

— עפּעס שרעקלעכס האָט דאָ פּאַסירט... גיי נישט אַוועק... בלייב, בלייב...

ער איז צוגעלאָפן צום טירל פון רחלס שטיבל, אַ פּרואוו געטאָן די קליאַמקע, ווי גוט... זי איז נישטאָ... ס'איז פאַרשלאָסן, האָט די פרייד אין אים אַ געשריי געטאָן. און די ערד האָט אונטער אים געברענט. יעדער אבר האָט געצאַפּלט, זיך געבראָכן אונטער דער לאַסט פון גרעטאַס שווערן גוף, פון די אָרעמס וואָס האָבן אים אַרומגעהאַלטן... ער האָט צעבראַסטעט דעם קאָלנער פון העמד און מיט רויטע נעדעמפּטע פלעמלעך אין די אויגן, מיט שווערע גלידער, ווי אָנגעגאָסענע מיט הייסן בליי, זיך אַ טראָג געטאָן אין גאָרטן, צו דער הינטערשטער אַרויסגאַנג־טיר.

קאַפּיטל 28

דבורה האָט ווידער בטחון

רחל איז געלעגן אויף דער באָבעס בעטל, אַ גלייכע, אַ אומבאַוועגלעכע און אַ צעבראָכענע. אויפן דורכלויכטיק בלייכן פּנים האָט זיך געגעסטיקט אַ קינדישער עלנט, ווי אויף די פּנימער פון די אייגזאַם קראַנקע אין די שפּיטעלער, וועלכע האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט וואַרטן אויף טרייסט פון עמיצן און אַ ביסל מענטשלעכן מיטגעפיל. פאַרגעסענע פון די מענטשן פון דער דרויסנדיקער וועלט, גיבן זיי זיך איבער אין די קאַלטע אָרעמס

פון פארשטיינערטן שווייגן... לאזן זיך פארוויגן פון אן אויסגעטרוימטן אייביקן שלאף...

וויינענדיקע ווינטלעך זיינען אומגעלאפן אין שטיבל, די צעוואָרפענע מלבושים, די צעריסענע ביכער מיט די שול־העפטן, דער ליידיקער ספרים־קאסטן, די אויסגעצויגענע שאָטנס אין די טיפע ווינקלען, — אלץ האָט געוויינט מיטן שטומען ווייטיק פון נאָך א פ א ג ר א ם... רחל האָט זיך געפרואווט אויפהויבן און נישט געקאָנט; די טעמפּקייט אין דער־שלאָגענעם קאָפּ — האָט זיך אָנגעהויבן אויפלייזן, א לייכטע קלאָרקייט איז אויפגעגאנגען אין איר. א דינער ברילאַנטענער שטראל, ווי די ערשטע זון־פעדים בא די גרויע ראנדן פון אָנקומענדיקן טאָג... מעכאניש ארונ־טערגערוקט די פינגער פוןביידע הענט צו זיך אונטערן קאָפּ און זיי באַלד אפּירגענומען, צוגעטראָגן הארט צו די בליקן, לאנג געקוקט און זיך גע־וואָלט איינשמועסן, אז די רויטע קלעפּיקע פלעקן זיינען נישט פון דער אָפענער און צוגעטריקנטער וואונד אפן קאָפּ...

די מידקייט האָט געצויגן צום אָפּגרונט. זי האָט נישט געדענקט ווי אזוי זי האָט זיך אויפגעהויבן נאָכן פאלן נעבן חתן און ווער עס האָט זי אריינגעוואָרפן אין דער באָבעס בעטל; שוין טויזנט יאָר ליגט זי דאָ — איבערגעלעבט אלע פיינען און גרושים פון אירע דורות. יענע זיינען אפן אומגליקלעכסטן אופן געשטאָרבן און זי איז א האלב טויטע גע־בליבן. — צאנקט און צאנקט און קען זיך נישט אויסלעשן... ווייל זי טראָגט אין זיך די פאַרזעצונג פון די אונטערגעשניטענע דורות אירע... און אפשר איז דאָס אלץ נישט מער ווי א שווערער חלום... א קאָשמאר... — האָט זי געטראכט.

„גרעטא איז א ווארעם ווייב... וויר איז גוט... בלוט..״ און א ריח פון שטארקן בראָנפן האָט א שלאָג געטאָן אף איר.

שארפער, איבערמענטשלעכער ווייטיק האָט זיך געשניטן ארום גע־שלאָסענעם מויל, אומגליבן... איר לעבן איז געווען פארשעמט און צע־טראָטן, איניינעם מיטן צעשמעטערטן ווילן אָנצוהויבן פון דאסניי. בעטי איז צוגעקומען צום פענצטער, אריינגעשטעלט אהין דאָס פנים און גע־רופן:

— רחל... רחלעלע!...

רחל האָט ברייטער די אויגן געעפנט. גלייכגילטיקייט האָט זיך גע־טוקט אין זיי. בעטי איז אוועק אין ווארשטאטל און די שרעק אין איר האָט אויפגעפלאמט. זי איז צוריק צוגעגאנגען צום טירל פון שטיבל און אָנגעהויבן קלאפּן. רחל האָט זיך, קרעכצנדיק ווי א זקנה, אויפגעהויבן און צוגעגאנגען צום טירל און דאָס אויפגעשלאָסן. בעטי האָט זי באטראכט מיט צערודערטע בליקן, אריינגעמורמלט אין בינטל בלומען, וואָס זי האָט רחלען געבראכט:

— וואָס האָט דיר געטראָפן, קינד?

רחל האָט אַף איר אַ צעשטרייטן בליק געטאָן און שטומערהייט צוריק געגאַנגען צום בעט, זיך אויסגעצויגן מיט די הענט אונטערן קאָפּ און שווער געזיפצט. בעטי האָט זיך אוועקגעזעצט אַפן זוים פון בעטל, אוועקגעלייגט די בלומען אַפן נאַכט־טישל און אַרייַנגענומען רחלס אַפּגעהלשטע הענט אין אירע, זיי צוגעטראָגן צום מויל און געוואַרעמט מיטן אָטעם. גרויסע טרערן זיינען געראָנען פון בעטים אויגן, די מילדע און ערלעכע. אין דעם האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אַף די פּלעקן בלוט אַפן קאָפּקישן און זי האָט אַ זיי־געטאָן צווישן די ציטערדיקע ליפּן:

— זיי זיינען דאָ געווען און דיך געשלאָגן, קינד מיינס? דערצייל.

ווייטיק און מוטערלעכער רחמנות האָט געציטערט אין איר קול. אַ ווײַלע געשוויגן און באַלד אַ שוואַכן שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז צופיל פרייד וועט פאַרשווערכן איר פרייַנטנס טיפן צער, און טריומפירנדיק צוגעגעבן:

— רחלע, דו האָסט צוריק דיין פּאָסטן... זיי האָבן געמאַכט אַ טעות... נישט דיך האָט מען געמיינט...

אומניחהדיקייט האָט זיך צעווינטלט אַרום רחלס מויל, ווי בײַ אַ שטאַרבנדן, וועמען מען שטעכט מיט נאָדלען, כדי אים צוריקצוברענגען צום לעבן. בעטי האָט צוגעלייגט איר פּנים צו רחלס ברוסט און שווער געסאָפּעט: גאָט מיינער וויפל אומגערעכטיקייט!... פאַרוואָס?...

פאַרלוירנקייט האָט געווייעט פון זיי. אין דעם איז די באָבע אָנגעקומען. זי האָט אויסגעזען העכער און טרוקענער. לויטערקייט האָט געשיינט אַפן פּנים און אין די בלויע קינדישע אויגן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פון סליחות... אין רחלען האָט דאָס לעבן אַ צאַפּל געטאָן. פון שוואַרצן שאַל אַף דער באָבעס טרוקן גופל, האָט געווייעט מיט געוויין. ווי זי וואָלט נאָר וואָס פון הייליקן אָרט געקומען און איבערגעלאָזט דאָרט דעם טאַטן, די ספרים, איינײַנעם מיט איר, ר׳חלם הארץ, די פרייד און דעם צוטרוי צו מענטשן...

דבורה האָט זיך אָנגערופן:

— אַזוי שפּעט, רחלע, ליגט מען נאָך אין בעט, דו פוילעניצע... דער בעטלער איז שוין אַפן דריטן דאָרף...

גוטמוטיקייט איז געווען אין איר קול און פאַרשטענדעניש. באַלד האָט זי ווידער צוגעגעבן:

— מרה שחורה, טאַטעלע, איז זייער נישט אידישלעך... שונא ישראל טאָר אונדז נישט זען געבראָכן... אוי, וואָס טוט דאָ אַזוי פרי די פרייַלן דירעקטאָרשע?

בעטי האָט זיך אויסגעגלייכט און זי שווייַגנדיק אָנגעקוקט. דבורה האָט אויפגעהויבן אַ לאַנג כאַלאַטל פון פּאַל, זיך פאַרשטעקט אין ווינקל לעבן דער שאַפע, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שאַל און זיך אָנגעטאָן. צורעכט געמאַכט דעם טשיפּיק אַפן קאָפּ און אַ ריִרעוודיקע צוגעאַנגען צום בעטל.

— ווען עד, פריילין דירעקטארשע, — האט זי א ווייז געטאן מיט חוזק בליקן אפן גאלדענעם צלמל, וואס אף בעטים ברוסט — וואלט אויפגעשטאנען פון קבר, וואלטן אים די אייעריקע פארפאלגט אינײנעם מיט זיינע אידישע ברידער, אים צעריסן ווי א הערינג, דעם דערלייזער אייערן...

רוגזה האט זיך געשניטן ארום אונטערגעטאנצטן בערדעלע, מאנונג:

— זיי זיינען אדער משוגע פון צופיל וואוילטיק, אדער פארשאלטן פון גאט צו טראגן אין זיך די אייביקע רשעות...

די אלטע האט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו בעטין און אנגעהויבן אויפראמען די שטוב, געארבעט גיך און אומרואיק. בעטי, א בלייכע, מיט א באליידיקטן שמייכל ארום מויל, האט די שטילקייט איבערגעריסן:

— צוליב א פאר קאנאליעס, באבעניו, טאר מען נישט באשולדיקן די גאנצע וועלט מיט קריסטן...

— א פאר! — האט די אלטע אויסגערופן און ביטער מיטן קאפ צוגעשאקלט — דער אלמעכטיקער קען זיך אף בוכהאלטעריע בעסער ווי מיר, פריילין דירעקטארשע. אוי, קען ער! — זי האט זיך אפגעשטעלט לעבן ליידיקן ספרים־קאסטן און אים מיט געטריישאפט אויפגעהויבן און דער ווייטיק האט איינגעבראכן דאס אלטע, אויסגעפרואווטע הארץ, ווי דאס הארץ פון א מאמע באם ליידיקן בעטל, פון וועלכן מען האט נאר־וואס דאס איינציקע געשטארבענע קינד ארויסגעטראגן... דער ריח פון אלטע שימות, פון אידישער אמונה, וועלכן זי האט פון קינדרווייז אן געלערנט אין די הייליקע כתבים, האט ווידער, און מיט נאך מער כוח א שלאג געטאן פון קאסטן, איר ווידער דערציילט פון רבי עקבה, וועמענס לייב די רוימער האבן מיט אייזערנע קאמען געריסן, ווייל ער האט נישט געוואלט אויפהערן לערנען גאטס תורה מיט זיין פאלק. געהערט דאס קלוגע ווארט פון אידישן מלך שלומה: א דור גייט אוועק און א דור קומט, די וועלט איז אייביק... אייביק איז גאטס כוח — האט דבורה ארײנגעשעפטשעט אין ליידיקן קאסטן, — אייביק וועט זיין מיין פאלק. „עם ישראל חי”... „זיי”, די רוצחים וועלן פארברענען זיינע ספרים, נאר נישט זיין נשמה, נישט דעם כוח פון אמת...

בעטי איז א גערירטע צו איר צוגעגאנגען, ארויפגעלייגט די שפיצן פון די פינגער אף די קינדישע אקסלען און זייער שטיל געזאגט:

— איך וועל צוריקברענגען דער באבעס ספרים, וואס די פאליציי האט אוועקגעפירט. איך שווער דאס איר. אויך די ווייסע „מלבושים” די הייליקע וועלן זיין מיט אייך!..

זי האט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר, צוגעגאנגען צו רחלען, איר א קוש געטאן אין שטערן און אף די שפיצן פון די פינגער, ווי זי וואלט מורא געהאט אויפצווועקן עמיצן פון שלאף, פארלאזט דאס שטיבל.

רחל האט זיך אנגערופן:

— וואו איז דער טאטע?

— באַ נאָט אין די הענט, רחלע. — האָט די באָבע טרייסטנדיק אַריינגערעדט אין איר יעסורימדיק פאַרשעמט פּנים. — מסתּמא איז אַזוי באַשערט. און וואָס האָט זי ווידער דאָ געוואָלט, די מויד?

רחל האָט גלייכגילטיק געענטפערט:

— זי הייסט מיך גיין צו דער אַרבעט.

דבורה האָט אַ בייסיקן שמייכל געטאָן:

— פּריער רייסט קיין אַרויס דאָס געפּייניקטע האַרץ אונדזערס און ווען ער ווערט שוין זאַט פון אונדזער בלוט ווי אַן איבערגעפרעסענע פּיאַווקע, וואַרפט מען דיר צוריק דאָס געלעכערטע האַרץ, אַ באַשפּיגנס, אַ פאַרשעמטס... העלף בעסער, טאָכטער, דעם טאַטן... ער וועט נישט שפּייען אין דיין האַרץ.

רחל האָט געשוויגן, אַז דאַנקבאַר געווען דער אויסגעפּרואווטער באַבען, וואָס דערמאָנט קיין וואָרט נישט וועגן דאָן טשיטשעס מסירה. איר האַרץ האָט געבלוטיקט: — „אוועק פון מיר, דו אַלטע מכשפה... כּודיאַ, גרעטאַ וועט דיך פירן אין גאַזקאַמער...”

די באָבע האָט זי געבעטן, געגלעט מיט די געטרייע, מיטפילנדיקע בליקן:

— טו דיך אָן, סע איז שוין באַלד צייט צו עסן אָנבייסן... איך וועל דיר עפּעס צוגרייטן...

—דבורה איז אַריין אין קיך. רחל איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעטל, אַראָפּגעצויגן דאָס פאַרבלוטיקטע ציכל, באַהאַלטן אונטערן מאַטראַץ, צוגעפּגעליינט אַלע לעקעלעך אפן הינטערשטן טייל פון קאָפּ, פאַרדעקט די וואונד, אָנגעטאָן דאָס ווייסע שול-פאַרטוך און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו זיין רואיק. די באָבע איז צוריקגעקומען מיט אַ הייסן טשייניק וואַסער און מיט אַ פריש-געמאַכטער מאַטע, אוועקגעשטעלט אף אַ בענקל און אַרויסגענומען פון שאַפע אַ קלאָר שבתדיק טישטוך, פאַרשפּרייט דעם טיש. איז ווידער אַוועק אין קיך און געבראַכט אַ שטרויען קוישעלע, מיט אַ בלוי סטענגעלע דורכגעפלאָכטן — אַ פולס מיט היימישע זיסע אייערקיכלעך, אויסגעשטעלט אַרום טיש די דריי בענקלעך, אָנגעגאָסן אַ הייסע מאַטע און צוגעגאַנגען צום איניקל. וואָס איז ווי אַ מומיע פאַרן שפּיגל געשטאַנען:

— ניי, טאָכטער מיינע, צום טיש. שטאַרק זיך, מיין קינד. מיר האָבן שוין איבערגעלעבט ערגערע רוצחים. וועלן מיר מיט גאָטס הילף אויך די איבערלעבן!... בתחון!...

קאפיטל 29

די שטים פון פאלק

דעם אנדערן אינדערפרי איז ווידער געווען היים און דושנע. א פייכטע גרויקייט האט באדעקט די אפגעהלשטע קעפ פון די ביימער, וועלכע האבן זיך געהויקערט אונטער דער פרעסנדיקער לאסט פון ברוינע שטיקער כמארע, ווי גאנצע בערג מיט זאמד פון נישט איבערגעבערענטע ציגל. דבורה, אנגעטאן אין א ווייסער, פריש געפרעסטער פאטשיילע אפן קאפ, מיט א בלוי סיצן פארטוך מיט ווייסע טיפעלעך, איז געשטאנען באם ארבעטס טיש און צענויפגעקלאפט די צעבראכענע שטיקלעך נייע ארבעט... אלץ אין איר איז געווען אומרואיק. געחשבנט: „שוין אמעת־לעת אז בעטי ווייזט זיך נישט... זי וועט ענדיקן די ארבעט, אנטאן א לייטיש מלבוש און אליין צופארן אהין... א שמועס טאן מיטן קאפ... א הרפה און א ווייטיק — „זיי” האבן אן ארעמען קאליקע געשלאגן... פאר וואס?

רחל איז אריינגעקומען א פארטראכטע. דעם קאפ ארומגעבונדן מיט א בלוי זיידן טיכל, ווי א טורבאן. איינגעטונקען א בערשטל אין א בלעכל מיט הייסער פארב, וואס זי האט געבראכט און אנגעהויבן פארבן א בענקעלע, געמריי און ערלעך געפירט איבערן יעדן לייסטל און פעלדל. אין ווארשטאט איז ווידער געווען זויבער און אין ארדנונג. דעם טאטנס הילצערנע האנט, אן ארומגעהילטע אין א ריינער ציימונג, האט געהאנגען איבערן ארבעטס טיש, צווישן די שרויפן־ציין מיט שמאלע זעגלעך. שטומקייט האט געגליווערט צווישן אירע שווערע צונויפגעצויגענע ברעמען, דערשטיקטער צארן. פון די ברייטע בליקן האבן זיך געריסן שטיקער חושך און אומגלויבלעכקייט. דבורה האט אויפגעהויבן צו איר די בליקן טיפע און דורכדרינגלעכע:

— רחל, פארטיק אויס די ארבעט און איך וועל ארויסגיין אין גאס זי פארקויפן... מיר האבן נישט קיין גראשן בא דער נשמה...

רחל האט אריינגערעדט אין בערשטל:

— וועסט נישט גיין פארקויפן... איך וועל צוגיין אין באנק און ארויסנעמען אביסל פון מיין אפגעשפארט געלט....

נאכגיביקייט איז געווען אין איר קול, טויטלעכע רעזיגנאציע. צום ערשטן מאל באשלאסן א זאך אן דעם התנס צושטימונג. זי האט זיך געפילט פריי און אויפגעבונדן פון יעדער פליכט צו אים.

די אלטע האט ברייטער די אויגן אויפגעעפנט. אפגעזיפצט מיט דערלייכטערונג:

— גאט איז גערעכט... ווי ער פירט — איז גוט...

עס איז אריינגעקומען בעטי. פרייד האט געשיינט אין אירע געטרייע אויגן, נצחון. זי האט ארויפגעלייגט אפן ארבעטס־טיש א קליינע פעקל, אן איינגעבונדנס אין ציימונגען און אפגעאטעמט פריי:

— איצט וועט שוין די באָבע זיין רואיק, האַ? אַט זיינען די היי־ליקע ספרים!...

דבורהס פּנים איז געוואָרן געל און איינגעשרומפּן. זי האָט אויפ־געבונדן דאָס פּעקל און אַרויסגענומען שטיקער צעריסענע שימות, פאַר־פלעקטע מיט פעטס און מיט מאַטע. געטריי און מיט גאָטספאַרכטיקייט אַריינגעלייגט די שימות צו זיך אין אויפגעהויבענעם פאַרטוך און אַהיין אין שטוב. זיי אַריינגעלייגט אין אַלטן ספרים־קאַסטן. זי האָט זיך אויס־געגלייכט און מיט שטומען צאַרן אין די אברים זיך געהויבן אַהין און צוריק, געבראָכן די פינגער פון די הענט: — פאַרשוועכט דאָס געוויין פון מיינע אבות, וואָס איז אין די ספרים שטעקן געבליבן... צוגעראַבע־וועט מיינע תכריכים!... ווי און וויינד איז מיר!...

בעטי מיט רחלען זיינען אַריינגעקומען, געקוקט אויף דער אַלטער מיט מאָדנע רחמנות בליקן, אַנגענומענע מיט באַוואונדערונג. בעטי האָט קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגן, אַז דאָס ביסל שימות האָט זי אַרויסגע־שלעפּט פון מיסטקאַסטן. רחל האָט אויפגעהויבן צו איר אַ פאַרשטויי־נערטן בליק:

— וואו איז מיין טאַטע?

— איך האָב אים נישט געזען.

ערנסט און זאָרג האָט זיך צעוויינט אַרום די אומרואיקע ליפּן. בעטי האָט אַ ווייל געטראַכט און באַלד אויפגעפּנט דעם גרויסן בייטל, אַר־ויסגענומען פון דאָרט עטלעכע באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר, נאַסע און פאַרקלעפּטע און זיי דערלאַנגט רחלען:

— געפונען צווישן די ספרים... אפשר איז דאָס עפּעס וויכטיקס...

„רחל! זיי שיקן דעם טאַטן אין תפיסה פון ווינשאַ דעוואַטאַ... ער מוז שוין זיין דאָרטן."

באַנג איז געווען אין בעטיס קול. יסורים. טיפע אומפאַרשטענדי־לעכקייט...

דבורה איז געוואָרן אומרואיק, די פּיס האָבן זיי אַ טראָג געטאָן צו דער שאַפע. זי האָט אַרויסגענומען דעם שוואַרצן שאַל, אים אַרויפגע־וואָרפן אויף זיך, ענגער געמאַכט דעם שלייף פון דער פאַטשיילע, איז אַריין אין קיך און צוריקגעקומען מיט אַ בינטל היימישע קיכלעך, מיט עטלעכע ניס און זיך צום אייניקל אָנגערופן:

— וואָס שטייסטו ווי אַ נעבעכיקע. נעם עפּעס אויף דיר. וועלן מיר צופאָרן צום אָסטראָג...

קלענער און אַראָפּגעזעצטער איז דאָס אייניקל געוואָרן, אַרויסגע־נומען פון שאַפע אַ ווייסן לייכטן זומער מאַנטל און אים אָנגעטאָן. אַראָפּ־גענומען די אויסגעבונדענע פאַטשיילע פון קאָפּ און אָנגעטאָן אין אויס־געשטריקט ווייס זיידן היטעלע. דער טויטלעכער אומעט פון די אויגן, זוי איבערגעשראָקענע קוילן — איז שטום און גלייכגילטיק אויף בעטין הענגען געבליבן. בעטיס פאַראַכטער בוזים האָט זיך פון אויפרעגונג אַ הויב

געטאָן ארויף און אראָפּ. געבעט האָט זיך געטוקט אין די בליקן.

רחל האָט אַ נעם געטאָן די באָבע אונטערן אָרעם און זייער שטיל געמורמלט צו בעטין:

— גוט, בלייב דאָ... אפשר וועלן מיר דיך דארפן! ביז שפּעטער, בעטי!...

רחל מיט דער באָבען זיינען געגאַנגען צופוס, כאָטש דער וועג איז געווען זייער אַ לאַנגער. אַלע אָמניבוסן זיינען געווען איבערפולט. קיין איינער האָט זיי נישט געקענט ארויפנעמען. די טונקל גרויע בערג כמארע אפן הימל האָבן אָנגעהויבן לויפן גיך, איינער אפן אַנדערן, ווי נאָכצו־יאָגן רחלס מחשבות, גלייכצייטיק אראָפּגעוואָרפן אף זיי גרויסע טראָפּנס רעגן, קיילעכיק שווערע ווי די האָגלען. רחל איז געווען אומבאַהאָלפן און פארשעמט. אומזיסט געלעבט אין כסדרדיקן זאָרג פאַרן חתנס צוקונפט. פאר זיין לעבן... און איצט?...

„ווי־ר אי־ז גוט... מעסער... בל־ט! — האָט אין געשלאָגענעם קאָפּ דער הוזק אַ ברען געטאָן — הרגעט אידן און ראַטעוועט דאָס לאַנד... גרעטאַ איז אַ ווארעם ווייב... אַלטע מכשפה, כודיאַ...”

ביז ווייטיק פארביסן די בלוטלאָזע ליפּן און זיך געלאָזט מיטשלעפּן פון דער אַלטער, וואָס איז מיט צעפלויגענע שפּיצן פונעם שווארצן שאַל און פון דער פאַטשיילע געטראָגן געוואָרן פון אינערלעכן אימפּעט.

הלואי וואָלט אויך האַראַסיאַ געווען צווישן די אַרעסטירטע סטו־דענטן, וואָס האָבן זיך פארבאַריקאַדירט אין אוניווערזיטעט — האָט רחל ביטער געזיפצט. — גאַנצע צוויי וואָכן געקעמפט, נישט געוואָלט איבער־געבן דעם אוניווערזיטעט אין די הענט פון די נאַצישע לערער... דע־מאָלט האָט זי געהאַט דעם חתן לעבן זיך... אים אָפּגעהיט... און איצט?

אַ קליין אידל מיט אַ צעשמייכלט בערל איז זיי אַנטקעגן געקומען. אַ פארסאָפּעטער פון האַסטיקן שפּאַנען. ער האָט ארייגעג־רעדט אין דבורהס פּנים:

— איר גייט צום אַסטראָג?... וועמען האָט איר דאָרטן?

— אַ קאַטאַרזשניק!...

— איך אויך!...

— פון דער היים הערט מען עפּעס?

— פון דער היים?... ווי און ווינד איז אונדז...

דאָס ווייסע בערדל האָט אַ ווייל געשווינגן און באַלד, ארויספלי־ענדיק פון די צעפלויגענע פּאָלעס פון שווארצן זויבערן סורדוט, ווידער אָנגעהויבן, ווארפנדיק די הענט פאָרויס:

— אין די „גאָלדענע” צייטן איז דער פּאַליאַק געווען צעפרעסן ביז דעם מארך פון די ביינער. היטלער האָט געוואוסט אף וואָס פאר אַ פערדל ער האָט זיך ארויפגעכאַפּט...

ביטערניש איז געווען אין זיין קול.

די טראָפּנס רעגן זיינען געוואָרן לויזער. זיך געשיט ווי גרויסע אר־

בעם פון אַ צעריסענער רעשעטע. דבורה איז ווידער געווען מיטן איידעם. אים געזען אַ ווייסן ווי קרייד. און דער פּאָליציי־אַגענט שרייט, טופּעט מיט די פיס:

— לייג אוועק דעם בונט מיט די קאָמוניסטישע ביכער...

— חלילה... וואָס פעלט אייך איין! הייליקע ספרים האָב איך דאָ...

— און זי האָט ארויסגעשלעפּט אַן אַלט חומשל און אים געוויזן:

— טוט אַ קוק מיט אייערע אייגענע אויגן... אי, ניין, רירט נישט אָן!... מען טאָר נישט!..

זיין מויל האָט זיך געקרימט, די אויגן האָבן געשרפעט מיט האַס, מיט פיינטשאַפט.

— פאַרוואָס, אַלטע כישופמאַכערן, לאָזטו נישט אָנרירן דיינע ביבליעס?... אַ?...

— ווייל דו ביזט אומערלעך... דיינע הענט זיינען איינגעטונקען אין אומשולדיק בלוט... — און צום אָפענעם פענצטער, צו די בלויע כמאַרעלעך פון טיפן הימל די בליקן אָנגעשטעלט — גאָט, איך שטיי איצט פאַר דיר, ווי מיין פאָטער אברהם מיט זיין טייערן זון יצחק פאַר דער עקדה... גאָט, מאַך ווייך דאָס הארץ פון מיין שונא... פון דיין שונא...

פון די טיפע, גרינע ווינקלען, אָנגענומענע מיט סודותפולער שטומקייט, פונעם שווערן טיש, פונעם טייערן געבעטן דיוואַן מיט די טיפע שטולן, פון די גרויסע געפּארבטע בילדער פון די פּראָסערם אַף די ווענט קעגן די אָפענע פענצטער, פון דער גרויסער שאפע מיט ארכיוון, פון טונקל רויטן פּאָל מיט ברייטע סטעזשקעס פון גרינער צעראטע, האָט מיטאַמאָל אַ ווייע געטאָן אַף איר מיט וואָרענונג... זי האָט ווידער געזאָגט:

— וואָס האָט איר צו אונדז?... ווינציק בלוט האָבן די אייעריקע אויסגעצאַפּט פון אונדז? אַ?...

— שווייג!... — האָט ער געוואָרנט מיטן פינגער — האָסט גאָר נישט מורא פאַר די אויטאָריטעטן?

— פאַר גאָט האָב איך מורא... — און זי האָט זיך פעסטער געטוליעט צו די ספרים.

— פאַר דעם הער היטלער וועט איר שוין מורא האָבן, פאַרשאָלטן פאָלק!...

דבורה האָט בייסיק געשמייכלט:

— אַ גרויסער „העלד“! זעקס באוואָפנטע רוצחים פייניקן אַ קליין אידיש קינד... — און שוין ווייכער צוגעגעבן — אַ יונגער מאַנצביל זאָל באַליידיקן אַ זקנה וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר... שעמסט דיך נישט?...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַריבערגעלייגט דעם בונט איבערן אַקסל, מיטביידע הענט צוגעהאַלטן די צוויי שפּיצן פון די תכריכים, וועלכע האָבן אַראָפּגעהאַנגען פאָרנט, ביז איבער די קני, און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר:

— קום, יאָסל!...

דאָס שטיקל אָרעם אין ארבל פון דער פּידזשאַמע האָט אַלע מאָל אַ צאַפּל געטאָן און די צעכוואַליעטע ווייסקייט אפן קאָפּ האָט זיך צונויפגענאָסן מיטן אומעט פון דורכזיכטיקן בלייכן פּנים. דבורה האָט אָנגעשטעלט אַף אים די אויגן:

— וואָס האָבן מיר דאָ צו טאָן?... וואָס שטייסטו?...

דער היטער בא דער טיר, אַ לאַנגער פּאַרשוין מיט אַ לאַנגן שראַם פון מויל־ווינקל ביז צום אויג, אפן געל־קרענקלעכן פּנים, האָט אַ פיר געטאָן מיט דער לאַפּע איבער יאָסלס קאָפּ און געשטשירעט מיט די געלשיטערע ציין: — אַך וואָס פאַר אַ שיינע האָר דו האָסט, מאַלכל מיינער!

— ער האָט אים פאַר די האָר אויפגעהויבן און מיטן גאַנצן כוח אַ וואָרף געטאָן אפן פּאָל... געקנאַקט מיט די פויסטן איבערן קאָפּ און איבערן פּנים...

— פּעטליורע!... מערדער!... — האָט דבורה געשריגן מיט אַ פרעמד קול, און די פיס האָבן זי אַ טראָג געטאָן צום טיש. זי האָט געכאַפּט דעם גרויסן טינטער און געוואָרפן דעם פּאַרשוין גלייך אין פּנים. ריטשקעס מיט בלויען טינט, דורכגעוועבט מיט רויטע שטראָמעלעך בלוט האָבן זיך געריזלט איבערן גזלנס פּנים. שוויגער און איידעם האָבן זיך אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעוואַלגערט אין אַ נאַס פינצטער קעמערל.

די לויפנדיקע גרויע כמאַרעס זיינען מיט אַמאָל געוואָרן רוגזדיק, זיך אויפגעמאַכט ווי אויפגעריסענע האַרבן פון גרויסע קעמלען און אַרויסגענאָסן פון זיך גאַנצע קוואַלן וואַסער. די גאַס איז געוואָרן פול. פון די ארומיקע ראָגן האָבן זיך ברויזנדיקע שטראָמען אָנגעטראָגן, זיך צונויפגענאָסן מיטן טייך, צווישן די געלע צעווייגטע בערגלעך שוים, האָבן ווי אין אַ קעסל מיט קאָכיקער וואַסער, אומגעשפּרונגען קינדערשע שפּילעריען, וועגעלעך, שטרויענע ווינשטולן, טירלעך פון הייף און פון גערטנער; שטייגן מיט דערטרונקענע עופות, פּעק מיט גרינוואַרג — אַלץ איז געטראָגן געוואָרן מיטן האַסטיקן שטראָם. דער הימל, אַ געגליווערטער, ווי אַ גרויע מאַסע, האָט אָן אויפהער געשיט פון זיך שווערע, ברייטע וואַסער בייטשן, וואָס האָבן מיט רציחה און מיט פאַרביסענע צייןקריצעניש געקלאַפּט און געהאַמערט איבער געבויגענע קעפּ פון צענדליקער ווייבער און מענער, וועלכע זיינען ביז צו די בייכער געגאַנגען אין וואַסער, זיך געטראָגן אַלץ נענטער צו דער תפיסה

קליינע קינדער, איינגעהילטע אין זעק, זיינען פון זייערע הייסן געלאָפן, געבראַכט שאַלן און רעגנמאַנטלען, שירעמס. דאָס ווייסע בערדל מיט די שרויפנציערס, וואַסער צווישן די נאַסע פּאות, האָט נאָכגעשריגן דבורהן:

— זעט ווי מען לאָזט אונדז נישט פאַלן... דאָס פאָלק איז מיט אונדז!...

זי האָט געטוליעט צו זיך דאָס דורכגעווייקטע איניקל און אריינ־

געערדט אין קאַלטן ווינטל:

— אסור מיין קינד, צי איך האָב אַמאָל געזען אַזוי פיל מענטשן גיין צו אַן אַסטראָג.

אין דעם האָט אַ הילכיקן קלאַפּ געטאָן אַ רעוואָלווער קויל און אויפגעריסן צווישן די איבערגעקאָכטע, צעשוימטע וואסער בעכערס, לעבן רחלען. דבורה האָט אַ געשריי געטאָן און מיט כוח, ווי זי וואָלט געשטאַנען באַם זוים פון שוואַרצן אָפּגרונט, אַ ריס געטאָן מיט זיך דאָס אייניקל. רחל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. נישט געפילט קיין שרעק פאַרן טויט. די מענטשן הינטער זיי האָבן מיט די קני איבערגעריסן די ברייטע שטיקער וואסער און געלאָפן אין פּאַניק צו די אָפענע קאָרידאָר־טירן, זיך אויסבאַהאַלטן. ווידער האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע רעוואָלווער־קוילן, געשפּרונגען איינע נאָך די אַנדערע. אַ יונג מיידל איז אַ פאַל געטאָן אין וואסער, ס'האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קוויטש. אַ בחור האָט זי ראַפּטום אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און געלאָפן מיט איר אין אַ נאָענטער אַפּטייק.

רחל האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים. זי האָט צווישן די קאַלטע וואסער־בייטשן, ווי גראָבע, פּערלמוטערנע קייטן, האַנגען מיט ניקאַלאַסן דערקענט. אָנגעטאָן מיט שוואַרצע רעגנמאַנטלען, מיט אויפגעשטעלטע קאַפּטשאַנעס, זיינען זיי צווישן אַ גרופּע נאַצים פון אַ זייטיקן ראָג אַנגעלאָפן און זיי אַנטקעגנגעשאָסן. עמיצער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ רעוואָלווער קויל און מען איז ווייטער געלאָפן.

אַרום דער תפיסה האָט זיך שטאַרק געראַשט. הונדערטער מענטשן, שווערלייביקע ווייבער אין שוואַרצע, שווערע מלבושים, אַרבעטער אין זייערע בלויע אַרבעטס־מלבושים, יונגע רירעוודיקע אַריסטאָקראַטישע טעכטערלעך מיט פילאַנטראָפּישע שמייכלען אַרום די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געריייצט מיט עמיצן. — מיר זיינען נישט פאַרבליבן „נייטראַל"... עס האָט געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק — מיט פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן... אויך מיטגלידער פון פאַרשידענע גרויסע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען זיינען דאָרט געווען. טאָרטן און באָמבאָנעס, טייערע ציגאַרן און פּרוכטן, טויזנטער גרויסע, פּולקאָלירנדיקע בלומען־קעפּ, באַזעצט מיט גרויסע טראָפּנס רעגן, ווי מיט גאָלדענע טרערן, — אַלץ האָט זיך אַריינגעוויגט אין ברייטן, צעפּראַלטן תפיסה־טויער.

רחל איז געווען אויסגעהוילט. אין יעדן ווינקל, אין יעדן שוואַרצאַפּל האָט זי ווידער געזען האַראַסיאַס צעוויגטן גוף: „גרעטאַ איז אַ וואַרעם ווייב..."

פון הינטער די גראַטעס האָט באַרים אַ געשריי געטאָן:

— באַבעניו!...

דבורה האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיץ פינגער און אַרויפגעשריגן: — אוי קינד מיינס, געלויבט איז דער וואָס לעבט אייביק, וואָס

מען זעט זיך... רחל האָט געפּראוווט שמייכלען און נישט געקאָנט. בענקשאַפט האָט אַ נאָך געטאָן דאָס האַרץ, ס'איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אַרום איר דער בראַנפנדיקער ריח פון חתנס מויל און דער ריח פון רויזן־זאַפּט פון זיינע קרויזן. באַרים האָט געפּאַכעט צו איר מיטן ווייסן טאַשן־טיכל:

— וואו איז האָראַסיאָ?

צעטומלונג האָט אַרויסגעשריגן פון אירע אויגן. די ליפּן האָבן זיך געקרומט אין אַ קראַנקער גרימאַסע. אַלפרעדאָ אַ לעבהאַפטער, האָט איבער באַריסעס קאָפּ אַריבערגעשריגן:

— פריילין ראַקעל, וואו איז אייער חתן?...

די נאָענטקייט פון זיינע חברים האָבן געצונדן אין איר אַ ווילדן פאַרלאַנג צו זען דעם חתן... אַ קוק צו טאָן צום פענצטער פון זיין שטיבל. גיין אַף דער סטעזשקע אַף וועלכער ער איז יעדן טאָג געקומען צו איר. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם שטראָם פון געפילן און קיין כוח נישט געהאַט זיי צו דערשטיקן. יאָסל האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן די צוויי יונגע פריינט — אַ בלייכער מיט אַ ווייסן פאַרבאַנדזשטיקטן באַנדאַזש אַרום קאָפּ:

— פאָרט אַהיים. איר וועט זיך פאַרקילן. נישט באַדאַרפט קומען אין אַזאַ שרעקלעכן גאָס־רעגן.

דבורה, אַ טיף־גערירטע, האָט אַריינגעשריגן אין די וואַסער־בייטשן:

— קינד מיינס, זיי נישט געפאַלן בא דיר. מיר האָבן שוין איבערגעלעבט גרעסערע שונאים... אָט זעסטו שוין ווי דאָס גאַנצע פאָלק שווייגט נישט..

קאַפּיטל 30

אין גרעטאַס קעניגרייך

באַנאַכט איז דער הימל געווען מערקווירדיק בלייך, געהייליקט, שטיל, ווי דאָס אויסגעקלאָגטע פרומע פנים פון אַ אידישער צדקות נאָכן קלאָגן אָפן חורבן פון בית המקדש. די שטערן ווי פינקלענדיקע דימענטן, אָנגענומענע מיט גבורה, מיט חכמה האָבן גערוט אַרום אַ קיילעכדיק־רויטער לבנה ווי אַ פייערדיקער באַלעם.

גרעטאַ אָנגעטאָן אין אַ בלויז קלייד פון טייערן שטאָף, מיט גאָלדענע האָקנקרייצלעך אַרום דעם טיפן אויסשניט פון דער דעקאָלטע און אַרום די קורצע אַרבל, איז געשטאַנען אויבן־אָן נעבן אייגענעם גרויסן קינאָ־אַפּאַראַט אין גרויסן זאַל און זיך צוגעקוקט צו די קינאָ־בילדער. אַ שטאָלענע קאַלטקייט האָט זיך געשניטן אַרום אירע ליפּן. די גאווה פון

טיטום בא די צעבראָכענע טויערן פון אידישן לאַנד... דער זאַל איז געווען פול מיט באַזוכער, אמערסטן סטודענטן פון דייטשער אָפּשטאַמונג, וועלכע זיינען געקומען אָפּלערנען עפּעס פון די רומרייכע לאַנדסלייט... מיט זייער באַזוך געבראַכט גרעטאַן טרייסט און אונטער אירע שטאָלענע פליגל געזוכט געטרייסט צו ווערן...

האַנס איז געזעסן נעבן ניקאָלאַסן, די קורצע בלאָנדע וואָנצעלעך זיינע, די האַרטע אונטערגעשוויר־ענע גריוועס, ווי פון אַ גוט־דערצויגענעם לאָשעק, די פליטעוואַטע קליינע אייגעלעך, אַלץ אין אים האָט געשריגן מיט גיריקייט, ווי אַ ים־חזיר, וואָס וויל מיט איין מאָל איינשלינגען די צעברויזטע ים־כוואַליעס...

— פּראָפעסאָר קורט! — ווערט פּלוצים די שטילקייט איבערגעריסן — ווען אַ ניי בילד צעוויגט זיך אפן לייוונט. און דאָס קלאַפּן פון צענדליקער פּאָר שווערע הענט, ווי פּראַניקעס, רייסן אויף די ווענט פון זאַל: דויטשלאַנד איבער אַלעס...

אַ לאַנגער איז פּראָפעסאָר אָסקאַר קורט, מיט אַ קיילעכדיקער פּלייצע ווי אַ שיסל, מיט לאַנגע געקאַרבטע באַקן און מיט צוויי שמאָלע, קאַרגע שפּעלטעלעך איבער די קליינע, גנבישע אייגעלעך, ווי בא אַ מויז. דער ברייטער פּיסק, די לאַנגע פאַרשפּיצטע נאָז הענגט אף זיינע שילער. אַרום אַ ווייסן מאַרמאָרענעם טיש, אין די ווייסע דאָקטערשע כאַלאַטן, מיט האַקנקרייצלעך אין די לאַצן און פאָרנט, אף די קיילעכדיקע ווייסע היטעלעך.

דאָס איז אַ טייל פון דער נייער דייטשער „וויסנשאַפט”, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון בערלינער אוניווערזיטעט, צו נעמען פּראַקטיק באַם פּראָפעסאָר קורט. זיין באַרימטקייט האָט געשעמט צווישן דער דייטשער סטודענטנשאַפט, ווייל ער האָט באַקומען די נאָבל־פּרעמיע פון פירער, — פאַר זיינע גרויסע דערגרייכונגען באַם קינסטלעכן באַפרוכפּערן די פרויען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן..

פּראָפעסאָר קורט האָט קיינמאָל קיין דערפּאָלג בא פרויען נישט געהאַט. ער איז געבליבן אַ פאַרזעסענער בחור און געהאַסט יעדן שיינעם דערפאָלגרייכן מאַן... געהאַט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן צו סטעריליזירן, אַרויסצורייסן יעדע ליידנשאַפט פון פרויען... איינגאַנצן אומברענגען. שפּעטער אויך געוואָרן דירעקטאָר פון אַ פייניקונגס לאַגער אין אויבערשלעזן. מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט, מיט דער קאַלטער רציחה פון אַ באַליידיקטן קריפּל, אַ סך מאָל נאָכגעפאָלגט זיינע קרבנות און רואיק און באַזאָכט אויסגעפרעגט: גליסטן זיי נישט קיין שאַרפע מאַכלים, ווי ס׳טרעפט געוויינלעך מיט שוואַנגערע... האָסטו געפילט שמערצן באַם פאַרשוואַנגערן? וואָס שענער די פרוי אַלץ מער האָט ער זי געפייניקט. און אַלץ גיכער זי אָפּגעשיקט אין גאַז־קאַמער...

די צעקרומטע שמאָלע ליפּעלעך האָבן זיך באַוואויגן, געשניטן איבער די פּנימער פון זיינע צוהערער:

— אונדזער וויסנשאַפט האָט געהאָלפן דעם פירער דעראָבערן די

וועלט... ווען מיר וועלן דאָס לעצטע ביסל נידעריקע מענטשן פאַרברענען, וועלן מיר עפענען די טויערן פון הימל, אונדזער גייסט וועט אויף אַלע אייביקייטן שיינען איבער דער וועלט...

פּאַבלהאַפּט, פּאַבלהאַפּט, — העט פּראָפעסאָר — האָבן זיך די דאָקטוירים געבויגן אַהין און צוריק — דייטשלאַנד איבער אַלעס.

דוני האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זאַל. איר זיינען שוין נמאס געוואָרן אויסצוהערן די דרשות פון פּראָפעסאָר קורט און די פרייד, די באַוואונדערונג פון גרעטאַן מיט אירע „שילער"... אין דונין איז צעפּלאַמט געוואָרן אַ ווילדע אייפערזוכט. די תאווה האָט געשרפהט אין איר און זי פון זאַל אַרויסגעטריבן: זי מוז אים אַלץ אויסזאָגן. זאָל ער וויסן דעם אמת. זי האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן די פאָרהאַנגען איבער דער טיר פון קליינעם זאַלעכל און געקוקט אויף האָראַסיאָן. ער איז האַלב ליגנדיק אין אַ ווינקל אויפן דיוואַן געזעסן און גערויכערט אַ ציגאַר. די טונקל־רויטע שיין פון עלעקטרישן ליכט האָט זיך כישופדיק געשיט אַרום זיינע צעפלויגענע קרויזן, אַרום ברוינעם אַנטבלויזטן האַלדז־און־נאַקן. בלויע באַשמעקטע שטיקער נאַכט, דורכגעוועבטע מיט גאָלדענע ליסקעס שיין, האָבן געדרוט אונטערן אָפענעם פענצטער, איבער די ווייסע און בלויע צווייט־ביימער. דוני האָט געציטערט, אַרויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און אַ מורמל געטאָן פאַרבענקט, ווי אַ תפילה צו די געטער פון דער ליבע:

— הייליקע מוטערל... מאַך ווייך זיין האַרץ... האָב רחמנות אויף אַן אָרעמער יתומה.. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט צעפּאָכטע נאָזפליגל, מיט אימפּעט אין די אָנגעצונדענע גלידער, זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, צוגעפאַלן מיטן רויטן פאַרפלאַמטן פּנים צו זיין ברוסט און מיט חיהשער גיריקייט, באַשמעקט זיין לייב. וואָס האָט געלאָקט, געצונדן איר בלוט, זי משוגע געמאַכט. האָראַסיאָ האָט ברייט געשמייכלט. די פינגער האָבן באַרירט אירע צעשיטע האָר ווי גאָלדענע פעדים איבער די שמאָלע צאַנקענדיקע אַקסלען. זי האָט אויפגעהויבן צו אים דאָס בעטנדיקע פּנים, די שיינענדיקע אויגן, ווי בלויע שטיקער פייער:

— ווי שיין דער דאָקטער איז!.. קומט פון דאַנען!.. די „מויד" איז משוגע...

ער האָט געשוויגן. שוין געוואוינט געווען צו אירע אויסברוכן פון געבעט און וואָרענונג... זי איז כסדר געווען קינדיש אומבאַהאָלפן, קנעכטיש בייז. האָראַסיאָ האָט געוואוסט, אַז גרעטאַ האַלט אַ וואָך אויג אויף דונין. זיין מענערישע אייגנליבע האָט זיך געפילט געשמייכלט, איבערהויפּט די לעצטע פּאָר טעג, זינט ער האָט אויפגעהערט קומען אַהיים.

זי האָט מיט יערן חוש אויפגעכאַפּט דער אַלטער מאַרגאַריטאַס שווערע טריט. איז אויפגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. די אַלטע האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט. זי אָפּגעבאַסטן מיט אַ צווייטייטיק דין שמייכעלע:

— די פרײַלן גרעטאַ רופט דיך..

און צו האָראַסיאָן זיך געווענדט מיט אַ טיפן נויג:
— אַ גוטן אָוונט, העד דאָקטער!.. שוין לאַנג געקומען פון נאָס?
— נאָר־וואָס... היינט אַ סך פאַרבראַכט באַם טייך...
היימישקייט איז געווען אין זיין קול.
— אַך, דאָס איז פיין!.. זי האָט אַ צענעם געטאָן ביידע הענט און זיך קנעכטיש צעשמייכלט:
— דאָס וואָסער באַרואיקט די נערוון... פילט זיך דער דאָקטער עפּעס נישט מיט אַלעמען? פאַרוואָס אַזוי אומרואיק? אים די צונויפגעצויגענע ליפּן אנטקעגנגעשטעלט — אפשר אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע?
— אָ, ניין!..
— וואָס דען, ליבינקער, אַזאַ צעשטרייטקייט? אַ מענטש מוז זיין זאַכלעך, אין אָרדענונג מיט זיך זעלבסט..
ער האָט אַ פּיפּקע געטאָן דעם ציגאַר, פאַרצויגן ליידנשאַפטלעך דעם רויך, וועלכן ער האָט דורך די צעשפּרייטע נאָז־לעכער אַרויסגעלאָזט. מאַר־גאַריטאַ האָט זיך פאַרנייגט:
— אַף ווידערזען, ליבנסווירדיקער פריינט — און האָט זיך אָפּ־געטראָגן, אים געוואָלט אַרויסווייזן איר געפּילפּול האַרץ. נישט צעשטערן די פרייד פון אַ פאַרליבטן בחור...
ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין און צוריק. אומעט האָט געגרוט אַרום מויל, אומבאַשטימטקייט. ס'איז צייט צו גיין אַהיים... איבערבעטן רחלען... איבערבעטן טאַטע־מאַמע... זיך אַ נעם טאָן צום לער־נען.. שוין, די ליידנשאַפט האָט זיך אויסגעשעפּט. נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי — און אינגאַנצן פריי ווערן פון שיכרות, פון שגעון...

גרעטאַ איז שטיין געבליבן צווישן די פאָרהאַנגען. אַ געשטרעקטע און אַ זיכערע. ער איז שטיין געבליבן און געקוקט מיט ברייטע בליקן. די פיס האָבן אים געטראָגן צו איר, אָנגעהויבן פירן מיטן פּנים איבער אירע שווע־רע לאָקן, ווי גאָלדענע קייטן, און שווער אָפּגעזיפּצט. קינדיש צוטרוילעך אָנגעלייגט דעם קאָפּ אַף איר ברוסט. געוואַרט זי זאָל אים צערטלען און טרייסטן. זי האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן רעכטן אויער, אים געפירט צום דיוואַן און אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך קאָקטייל, וואָס איז אַפן קיילעכ־דיקן טישל נעבן דיוואַן געשטאַנען, אויסגעטרונקען און באַלד דאָס ליידיקע גלעזל ווידער אָנגעפילט. האָראַסיאָ האָט זיך אָנגערופן:
— דו טרינקסט צופיל, ליבסטע... ס'וועט דיר שאַטן צום געזונט... אויך דאָס רייכערן צופיל איז שעדלעך... וואו ווערסטו פאַרלוירן אַף גאַנצע שעהן, מיר איז אומעטיק.
ווייכקייט איז געווען אין זיין קול און בענקשאַפט נאָך ליבע, נאָך טרייסט... זי דורכגעבויערט מיט אַ טיפן בליק, און דערפילט ווי פאַרטאָן גרעטאַ איז אין איר אייגענער „וועלט"... זי איז ברענענדיק — נאָר אין באַשטימטע מינוטן — די אַלטע געוואוינהייט, אַז עמיצער זאָל ציטערן איבער יעדן אומניחהדיקן בליק זיינעם האָט געוועקט אין אים די באַליידיקטע

איינגליבע: זי טרינקט, לעבט א טאָג און זעט נישט, אז ער איז אומגליק־לעך.

רחלס געטרייע אויגן האָבן פּלוצים א לויער געטאָן פון יעדן ווינקל, דאָס פרומע צעשמייכלטע פּנים:

— וואָס איז דיר, אינגל מיינס? לערנען דאַרף מען! רחלע וועט זיין בייז, אז מען וועט זיין א שלעכט קינד! — געוואָרנט מיטן ווייז־פינגער און זי גייט צו, די פינגער לייגן אויס קרויז צו קרויז, זיי טרייסטן און באַרויקן.

גרעטא האָט אים אָפּגעמאָסטן מיטן פאַרצויגענעם רעכטן אויג־ווינקל און צוגעקלאַפּט מיט א פוס אָפּן פּאָל:

— היינט וועלן מיר ווידער שפּילן אין קאָרטן. עס איז נאָך גענוג פּרי. באַלד וועט דער הער גובער קומען און דער הער האַנס...

האָראַסיאָ האָט מיד געשמייכלט, זיך געשעמט אויסצוזאָגן, אז ער פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע פּעזע.

— היינט וועל איך נישט שפּילן... מאָרגן מוז איך אויפשטיין זייער פּרי... עס איז פאַר די עקזאַמענס.

קאַלטע רונזה האָט זיך געשניטן אַרום איר מויל, אויסגעטרונקען נאָך א גלעזל און קאַלט צווישן די ליפּן געזייעט:

— פון וואָס איז דער דאָקטאָר מיד? אים איז אפשר אומבאַקוועם באַ אונדז? אז גרעטכען וועט וועלן, וועט דער דאָקטאָר סיי־ווי־סיי זיין טיטול באַקומען... מען דאַרף נישט צופיל קאָפּ־שמערצן... — און אומצופרידע־נעם מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אונדזערע געטרייע פאַרבינדעטע, זיי וועלן אַלע זייער לייכט באַקומען!

גאווה איז געווען אין איר קול און זיכערקייט. האָראַסיאָ האָט כמורנע די ברעמען צונויפגעצויגן און בייז געבורטשעט:

— ביסט א הייסע „זי", גרעטא, און דאָס איז גענוג, אז א מאַנצביל זאָל דיר נאָכלויפן... דעם שגעון אָבער וועיז נישט אַרויס, דאָס שטויסט אָפּ...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און ווי א פּאַווע, מיט באַהאַלטענע פיס אונטערן ברייטן שלעפּ פון קלייד, אַרויס פון זאַלעבל. האָראַסיאָ האָט איר נאָכגעקוקט מיט באַנגיקע בליקן און פאַרלעגן גע־שמייכלט.

קאַפּיטל 31

די לעצטע תּרעומות

רחל, אָן אויסגעדאַרטע, ווי נאָך א לאַנגן פאַסטן, מיט שטאַרע בליקן, איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון דער באָבעס בעטל און געקוקט פאַר זיך. די

שטוביקע גרויקייט, די שטומע אויסגעצויגענע ווענט האָבן געקוקט אַף איר, ווי אַן אָפענער קבר. אין וועלכן זי שטייט ביז איבערן האַלדז און אַלץ אין איר איז ניט מער ווי אַ שאָטן פון יענעם לעבן, וועלכעס זי האָט מיט אַלע כוחות, מיט ציין און נעגל געקלאַמערט צו זיך. געחלומט פון אים. און עמיצער האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן איבער די הענט און זי האָט פאַרלוירן איר אויסגעחלומטע וועלט... דער קבר שרייט: צוליב דער קראַנקער באָבע מוזטו איצט לעבן... צוליב דעם טאַטן, וואָס פוילט אין תפיסה... רחל האָט געטריבן פון זיך די פּיין, האָט איינגעגעבן דער באָבען אַ לעפל פון דער מעדיצין און ארומגעווישט מיטן זוים פון האַנטוך דאָס נאַסע, פאַריסענע בערדעלע. אונטערגעהויבן דאָס קאָפּנקישן און די שרעק האָט געהאַמערט אין יעדן אבר. שוין דריי מעת לעת אַז די באָבע ברענט פון היץ. די פאַרשריבענע רפואות העלפן נישט. שווער געזיפצט און פאַרזיכטיק אויפגעהויבן דעם פענכער מיט אייז פון דער באָבעס קאָפּ. און שוין צום טויזנטסטן מאָל באַטראַכט די אויפגעריסענע אַלטע וואונדן, שוואַרצע, פאַרברענטע. זיי האָבן געשריגן צו איר:

— דיין שוויגער האָט דערהרגעט דיין באָבען... מיטן צלם אויפגעריסן אַן אַלטע וואונד. מערדערן! מערדערן!...

רחל האָט גיך צוריקגעלייגט דעם פענכער מיט אייז און געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן איר. פון דער לאַנגיאָריקער פיינטשאַפט צו דער „שלעכטער" באָבע איז קיין זכר נישט פאַרבליבן. זי האָט אירע אייגענע ליידן פאַרגעסן, אַלע חושים זיינען באַהעפט מיט דער באָבעס יסורים און מיט דער גרעסטער זאָרג זי אָפּצוראַטעווען... זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און ווי אהין צו לויפן. ווידער איינגעגראָבן די בליקן אין די ברוינע איבערגעשרפעטע פלעקן אַף דער אַלטערס איינגעשרומפן, געל פּנימל און זייער שטיל געטענהט:

—עקשנותדיק באָבעלע מיינס. דו מוזט איבערלעבן דעם קריזיס. טו דאָס פאַר דיין קינד... האָב רחמנות...

דבורה האָט אויפגעמאַכט די אויגן, רויטע און צעטומלטע זיי איינגעשטאָכן אין אייניקלס פּנים און הייזעריק, שוואַך אויסגערופן:

— גיי, קינד מיינס. לייג זיך צו אַביסעלע... מיר איז, גאָט צו דאַנקען, בעסער...

פרייד האָט אַ צאַפּל געטאָן ארום רחלס מויל. זי האָט געטריי אַ גלעט געטאָן דער באָבעס קאַלטע האַנט און דעם מיט שוויים באַגאָסענעם שטערן... יעדעס פינגערל אירס האָט אַף אַ באַזונדערער שפּראַך גערעדט, ווי די צאַרטסטע סטרונעס פון אַ פידל. אויסגעוויינט די חרטה אַף באַגאַנגענע פעלערן.... געבעטן רחמים און פאַרגעבונג... דבורהס בליקן זיינען געוואָרן ריינער, אָנגענומענע מיט מנוחה, ווי זי וואָלט זיך פון אַ שיינעם חלום אויפגעכאַפּט און אַ נייער כוח האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן פון זיי... נצחון און די בליקן באַצווינגערישע האָבן געהאַמערט איבערן אייניקלס דורכליכטיק, בלייכן פּנים, זיך אַריינגעריסן אין בלוט, אין די חושים, אַרויס־

צוריסן פון דאָרט אַ צוזאָג.

רחל איז געוואָרן אומרואיק. קעלט איז אַרומגעלאָפן אין די מידע גלי־דער. שרעק. זי האָט געוואָלט אַוועקגיין פון בעטל, נאָר דער באָבעס בליקן זיינען געוואָרן האַרטער און מאָנענדיקער, זי צוגעהאַלטן ווי מיט אייזערנע צוואַנגען... אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט רחלס פּנים, דער אָטעם איז געוואָרן שווער, ווי פאַרשטיקט מיט שטיקער הייסן בליי. זי האָט אַ שפּאַן געטאָן הינטער זיך. די באָבע האָט מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן רחלס אַ האַנט און זי מיטן לעצטן כּוח אַ צי געטאָן צו זיך... רחל איז גע־וואָרן מאַכטלאָז, פאַרמאַכט די אויגן און דאָס פּנים איז פּלוצים געוואָרן עלטער. זאָרג און שרעק האָט געציטערט אַרום מויל און אַרום די דער־שראָקענע אויגן. זי איז צונעפאַלן מיט די ליפּן צו דער באָבעס ברענענדיק פּנים און מיט אימפּעט אויסגעקושט יעדן קנייטש. יעדער באַריר האָט קענען איר אייגענעם ווילן אויסגעשריגן אַלץ, וואָס די באָבע האָט מיט באַ־צווייפלטע בליקן און מיט די לעצטע צונויפגענומענע כּוחות אַרויסגעריסן פון איר.

דבורה איז געוואָרן רואיקער, אירע הענט שוואַכער, און אַ מידער שמייכל האָט זיך געטיקט ווי אַ צאַנקענדיקער שטראַל אַרום אירע בלויע, טיפע אויגן־לעכער און אַרום פאַרשפּיצטן, אויפגעצאַפּלטן בערדעלע. אַ־רויפגעלייגט אַ האַנט אויף רחלס געבויגענעם קאָפּ און סאָפּענדיק שווער אָנגעהויבן דערציילן:

— פריער האָסטו מיך אויפגעוועקט פון אַ חלום. איך בין אין דאָרף. די ביימער אַרום דער שטוב זיינען באַשיט מיט ווייסן צוויט, דער יונגער גראָז לויפט נאָך חנהלען, דער שוואַרצער... זי שרייט, זי רופט מיך, זי לויפט אין פאָדערהויז צום ארון קודש. פול מיט ספרים איז דאָרט. זי שרייט, וויינט, גאָט, ראַטעווע מיך...

איך לויף איר העלפן — זע איך גאָר אַן אַלטע אידענע... זי זעצט אַריין אין אויוון גרויסע קופּערנע טאָוועס מיט האָניק, און צוקער־לעקעך... געסט קומען צו גיין, אויסגעפּוצטע אין ווייסע קליידער... די מענער אין שוואַרצע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, מיט הויכע צילינדערס. איך דערקען דעם זיידן איליק מיט דער באָבע צייטל, מיינע טאַטע־מאַמע, מיין מאַן מיט די קינדער — דיין מאַמע, רחל! ווי שיין זי איז! דער שלעפּ פון איר ווייסן חופּה־קלייד איז באַזעצט מיט קמעות... די מחותּנים נעמען זיך דרייען אַרום איר... מען טאַנצט אַ חסידישס און מען פּליעסקעט מיט די הענט. זיי שלעפּן מיך אַריין אין קאַראַהאָד. חנהלע, מיין חברטע, טאַנצט מיר אַנטקעגן:

— מזל טוב דיר, דבורה... רחלע האָט חתונה געהאַט!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ שאַרפער גלאַנץ האָט אַ פּלאַם געטאָן אין די בליקן, זי האָט שווער געאָטעמט. רחל האָט זי צוגעהאַלטן פאַר ביידע הענט אָן קיין כּוח נישט געהאַט אַ וואָרט צו ענטפערן. דבורה האָט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן, כריפּענדיק ווי אַ נישט דערקווילעטע גאַנדז: — דער ווייסער קראַנץ רויזן אַרום דיין קאָפּ שיינט. דער אַלטער פּיקעס האָט דיר

נאָכגעטראָגן דעם לאַנגן שלעפּ פון חופּה קלייד... און כלי זמר — אין די צענדליקער... פּלוצים האָבן אָנגעהויבן קלינגען די גלעקער פון פּעטרושעקס קלויסטערל. פּעטרושעק האָט געשרינן, געפּאָכעט מיט צוויי שאַרפע מעסערס אין די לאַנגע הענט;

בי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיי!

— גענוג, באָבעניו!... טאָרסט זיך נישט אויפרעגן — האָט רחל באַהאַרצט אין דער אַלטערס בליקן אַריינגעשעפּטשעט, — וועסט גיך גע־זונט ווערן און מיר אַלץ דערציילן.

דבורה האָט זי דורכגעבויערט מיט די בליקן, זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז גאָט האָט אין איר פאַרגעסן... אַ לאַנג לעבן זי געדריקט און געשטיקט. אַלע מאָל פאַר נייע נסיונות געשטעלט... און זי האָט אים נישט פאַר־לאָזט... נאָר ער, דער אַלמעכטיקער, האָט זי פאַרלאָזט. די ליפּן האָבן זיך געקרימט, דורך די קאַלטע בלעזלעך פון דער פאַרשפּיצטער נאָז, דורך די צעעפנטע מויל־ווינקלען זיינען ווי געציילטע אָרבעס, אַביוס תרעומות אַרויסגעפאַלן: אַרויס פון מוטער־טראַכט — געשטאָרבן; אַרויס פון לייב און פאַרגאַנגען... „צו וואָס האָבן מיך די קני אויפגענומען? צו וואָס גיט ער ליכט צו דעם וואָס מאַטערט זיך און — לעבן די פאַרביטערטע אין געמיט? גאָט ענטפערט מיך איבער צום פאַרברעכער, אין די הענט פון רשעים וואַרפט ער מיך."

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און די אויפגעריסענע בליקן אירע, דער־שראָקענע, האָבן זיך געריסן צו די בלויע כמאַרעלעך אַפן הימל, דעם באַדעקטן מיט ווייסע פאַרטיקע תכריכים... „רואיק בין איך געווען און ער האָט מיך צעבראָקלט, מיך אָנגענומען פאַרן האַרץ און צעפּיצלט... אַז אַלע מיינע וועגן האָט ער פינצטערניש אַרויפגעטאָן..."

„מיין כבוד האָט ער אויסגעמיטן פון מיר און אַראָפּגענומען די קרוין פון מיין קאָפּ. פאַרוואָס, גאָט, לעבן די רשעים, עלטערן זיך און זיינען שטאַרק אין קראַפט? זייערע הייזער זיינען בשלום, אָן אַנגסט און די רוט פון גאָט איז נישט איבער זיי... זיי פאַרברענגען אין גוטס זייערע טעג און רואיק גידערן זיי אונטער דער ערד..."

— גרענעצן פאַרקוקט מען — האָט די אַלטע זיך באַגאַסן מיט ריטשקעס טרערן ווי באַם זאָגן די קינות — סטאָרעס גאַזלט מען און מען פיטערט, דעם אייזל פון יתומים פירט מען אַוועק. מען נעמט אַ משכן דעם אָקס פון דער אַלמנה. מען שטויסט אַראָפּ אָרעמעלייט פונעם וועג. באַהאַלטן מוזן זיך אַלע אָרימע פון לאַנד...

— גענוג, באָבעניו!... — האָט רחל אָן אויפגעברויזטע אַ זאָג גע־טאָן. — וועסט געזונט ווערן וועסטו זאָגן אַ סך תהילים. איצט שאַד דאָס דיר.

דבורה האָט זי נישט געהערט.

די עקשנות אין איר איז אויפגעקומען צו ווייזן דעם שונא, אַז מיטן צונעמען די ספרים האָט ער דעם תהילים ניט אומגעבראַכט. זי אַליין איז ווי

א שטיק אַלטע שימה, וואָס קומט אַרויס לעבעדיק פון אַלע שייטער־הויפנס... איז אַ שטיק תהילים. „נאַקעט נעכטיקן זיי אָן מלבושים און אָן אַ צודעק אין דער קעלט. מען רייסט אַוועק פון דער ברוסט דעם יתום... איך שריי צו דיר און ענטפערסט מיר נישט ביזט, פאַרקערט — שלעכטס צו מיר געוואָרן. מיט דער מאַכט פון דיין האַנט שלאָגסטו מיך... צי האָב איך נישט געוויינט פאַרן אונטערדריקטן? — דאָס קול איז אַלץ שוואַכער און אויסגעלאָשענער געוואָרן. — איך האָב געהאָפט אַף גוטס, און שלעכטס איז געקומען. טעג פון פּיין זיינען געקומען אַף מיר. בין גע־וואָרן אַ ברודער צו שאַקאַלן... מיין האַרץ איז געוואָרן טרויער און מיין פלייש אַ קוואַל פון געוויין. האָסט אונדז אָפּגעגעבן ווי די שאָף צום עסן. צווישן די פעלקער האָסטו אונדז צעשפּרייט. האָסט פאַרקויפט דיין אומה פאַר שפּאָט געלט און האָסט נישט הויך געשטעלט זייער מקח. מאַכסט אונדז צו חרפּה בּאַ אונדזערע שכנים, צו געלעכטער און צו שפּאָט בּאַ אונדזערע אַרומיקע.

„אַ גאַנצן טאָג איז מיין שכן קעגן מיר — האָט דאָס ציטערדיקע מויל קוים געמורמלט — די בושה פון מיין פּנים האָט מיך באַדעקט פון קול פון לעסטערער, פון דעם שענדער, פון דעם פיינט און נקמה־נעמער... מיר האָבן נישט פאַרגעסן אין דיר און נישט געלייקנט אין דיין בונד... איבער דיר ווערן מיר געהרגעט אַ גאַנצן טאָג. מיר ווערן פאַררעכנט ווי שאָף צו דער שחיטה. דערוואַך, גאָט, פאַרוואָס שלאָפסטו?

„גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, געבענטש זאָל זיין דער אמתער ריכטער.”

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס פּנים איז געוואָרן רואיק, געהיי־ליקט, ווי זי וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר גאָט מיט דער גאַנצער ריינקייט פון איר האַרץ און מער נישט אויסבאַהאַלטן פאַר אים די תרעומות, וואָס האָבן אַ לעבן לאַנג געשרפּעט און קיין רו נישט געגעבן. אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אייניקל, איינגעשטאָכן אין איר די צאַנקע־דיקע פלעמלעך פון די אויסגעוויינטע אויגן און אַזוי זיינען זיי שטיין געבליבן אַף אייביק...

רחל האָט אויפגעשוידערט, טויטלעכע שרעק האָט זיך געריסן פון די אויגן:

— האַראַסיאַ! גיכער, גי־כ־ער!...

איר געשריי איז שטעקן געבליבן צווישן די צעווייעטע רויזן־קעפּ אונטערן פענצטער און שטיל געטעמט.

אינדערפרי איז אַ שטיינערנע שטילקייט איבערן שטיבל געהאַנגען. דער הימל איז געווען טריב פאַרגליווערט, ווי אין אויסגעלאָשענע וועלט־טרער. אַ דין נאָדלדיק רעגנדל האָט רגזעדיק געפּיקט די שטייף־געוואָ־רענע בלעטער פון די ביימער, נאָכגעברומט דעם קילן ווינטל, וואָס האָט זיך פון צווישן די גראָזן אויפגעהויבן. געקרעכצט, כליפּענדיק ווי דאָס וויינען פון אַ האַרפע.

אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָף די הענט, איז רחל געזעסן צופוסנס דעם בעטל און מיט אָפּגעטעמפּטע חושים אויפגעכאַפּט דאָס צאַנקען און קנאַקן פון די לעצטע שטיקלעך ליכט אין די שבתדיקע לייכטער צוקאָפּנס דעם מת אונטער דעם שוואַרצן באַפּרעגזלטן שאַל און געוואַרט עס זאָל עמיצער קומען צו גיין זי באַפרייען, זי מקבר זיין איינעם מיט דער באָבען און ביידע וועלן שוין מער נישט פילן דעם אומגליק, איז וועלכן די רשעים האָבן זיי אַריינגעוואָרפן.

אָנגעקומען איז בעטי — שרעק און איבערמענטשלעכער רחמנות האָט אויפגעצאַפּלט אין איר, געוויין האָט געציטערט אַרום די ליפּן. אָף די שפּיצן פון די פינגער צוגעגאַנגען צום בעטל, נישט געוואַגט אַ וואָרט אויסצורײדן און איבעררייסן דאָס הייליקע שווייגן. אַ שטומקייט, וואָס האָט באַשולדיקט, געמאָנט עפּעס פון איר.

אויפגעהויבן דעם זוים פון שוואַרצן שאַל און איינגעשטאָכן די בליקן אין דבורהן. אַרום דעם פּאַריסענעם בערדעלע, אַרום דעם מויל, איז ווי מיט מעסערס איינגעשניטן געוועזן טיפע קאַרבן. אַ דערשטיקטער געשריי, מאָנונג: „די אייעריקע, פריילן דירעקטאָרשע, האָבן מיך אומגעבראַכט"...

טרערן האָבן אַ שימער געטאָן אין בעטיס גוטע אויגן. זי האָט גיך אַריבערגעצויגן דעם שאַל איבער דבורהן און געטריי אַריינגענומען רחלען אין די הענט, זי באַטראַכט מיט חידוש און געפילט: רחל האָט זיך איבערגעבראָכן. די גרויזאַמקייט האָט איר צעריסן די נשמה. אויב זי וועט נישט אויסצאַנקען, ווי די ליכט צוקאָפּנס דער באָבען — איז זי געראַטעוועט און וועט געבוירן ווערן פונדאַסניי, אַ געהייליקטע אין אירע ליידן. זי האָט זייער שטיל און מיט דרך ארץ געפליסטערט:

— שטאַרק דיך, מיין קינד. נעם אין דיר אַריין דיין באָבעס כוח. מיר מוזן רופן אייער גלח. ער וועט ברענגען די באָבעניו צו איר אייביקער רו.

פערטער טייל

קאַפּיטל 32

אַנדרעס און רחל

רחל איז געזעסן אַף דער ערד אין אַ ווינקל, געקוקט פאַר זיך מיט די שטייענדיקע בליקן ווי פון שוואַרצן גראַניט. אַ טויטע שטומקייט האָט זיך געוועבט אַרום איר. דאָס קנייטל אינעם גלאָז מיט אייל אַפן נאַכט־טישל האָט יתומדיק געצאַנקט, געקוקט מיט אַ רויט אויג צום שוואַרצן באַפרענזלטן שאַל איבערן שפּיגל פון שאַפע. רחל איז נישט געווען פרום און אויך נישט אַבערגלויבעריש. איז קיינמאָל צו קיין היימישע לוויות נישט געגאַנגען, האָט נישט געוואָלט ליידן, ווען די באָבע איז געגאַנגען זיצן שבעה נאָך אַן אַלטער לאַנדסמאַנקע, ווייל יענערס קינדער האָבן קיין צייט נישט געהאַט און איר געגעבן אַ פּאָר פּעזעטע, וועלכע דבורה האָט געשענקט אַף יזכור ליכט... דאָס מאָל האָט רחל געוואָלט אויסזיצן אַ שבעה גאַנצע זיבן מעת לעת. אַ קיל ווינטל האָט זיך אַריינגעטראָגן דורכן אָפענעם פענצטער, צעווייעט די לאַנגע ווייכע שפּיצן פון שוואַרצן שאַל, זיי האָבן אַלע מאָל אַ גלעט געטאָן רחלס פּנים, געווייעט אַף איר מיטן ריח פון טויט. דורכזיכטיקע לויטערקייט האָט געציטערט אין האַרץ, פרומע רעזיגנאַציע. דער באָבעס אָטעם האָט פון איר אַרויסגערעדט: נאָך די לעצטע שבעה שעהן — זיך אויפהויבן צו די ווייסע, בלויע וואָלקנדלעך, זיך איינגלידערן אין זיי און זיך מער נישט אָנקערן מיט אַ וועלט פון זינד און פאַרדאַרבנקייט.

זי האָט אפּירגעשלעפּט פון אונטערן קישעלע דער באָבעס צוואה און זי שוין צום טויזנטסטן מאָל אָנגעהויבן לייענען: אויב דיין ערשט קינד, רחלע, וועט זיין אַ זכר, זאָלסטו אים אַ נאָמען געבן נאָך דיין זיידן ראובן. אויב אַ מיידל — נאָך דער באָבע ציטל. זאָלסט זיך אויסלערנען אַלע אידישע דינים... אַ כשרע אידישע טאָכטער זאָלסטו זיין...

דו, יאָסל, זאָלסט אָפּהיטן די שעה פון קדיש נאָך מיר און נאָך אונדזערע קדושים... זאָלסט נישט פאַרגעסן דערציילן רחלס קינדערלעך, וואָס עמלק האָט געטאָן צו אונדז. נאָך דער שבעה נאָך מיר, נעם דיר

אריין א באַלעבאָסטע אין שטוב. ס'איז שווער ווי דער טויט אויף די עלטערע יאָרן צו זיצן בײַ קינדער אויף „קעסט".

רחל האָט מעכאַניש צוריקגעלייגט דאָס פּאַפּיר אונטערן קישן און נישט באַנומען דעם זין פון אייגענעם לעבן. וויינענדיקע ווינטלעך לויפן אום אין לייב, ווי ארום די מצבות נעבן דער באָבעס קבר: א שאָד וואָס די טעג פון שבעה זיינען שוין אוועק... וואוהין וועט זי איצט גיין? נאָך וואָס טויגן איר די אלע ערדישע געראַנגלען? זי האָט אויפגעהויבן דעם שוואַרצן חושך פון די בליקן און עפּעס געזוכט אין די טיפע ווינקלען: האַראַסיאַ!... — האָט דאָס לעבן אין איר א שוואַכן שלאָג געטאָן זי מוז אים ראַטעווען און דורך אים — איר אייגן לעבן ראַטעווען. אין דעם האָט זיך איר דער קאָפּ פאַרדרייט און זי האָט ווידער דערפילט דעם טעמפּן ווייטיק אפן אונטערשטן טייל פון קאָפּ. האַראַסיאַס שווערע פיגור האָט זיך פאַר די אויגן צעוויגט: „דו אַלטע כודיא... גרעטאַ וועט דיך פירן אין גאַז־קאַמער... גרעטאַ איז א וואָרעם ווייב..." — רחל איז געוואָרן נאָך שוואַכער און מוטלאָזער. שטיקער אָטעם האָבן ווי שרפה־דיקע וואָלקנס א זעץ געטאָן פון האַלדז און פון דער נאָז. זי האָט מעכאַניש צוגעדעקט מיט די בלייבע, לעבנסלאָזע הענט דאָס פאַרשעמטע, צעפּייניקטע פּנים און זיך צעהוידעט אהין און צוריק. די לאַנגע, גרויע שאָטנס אין די ווינקלען האָבן זיך נאָכגעהוידעט.

דאַן טשיטשע האָט פאַרזיכטיק אויפגעהויבן דאָס פאַרגעלטע פאַרהענגל איבערן פענצטער און די אָנגעצונדענע בליקן האָבן א לויער געטאָן איבערן צימער. זיך אָפּגעשטעלט אויף רחלען, באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דאָס פאַרהענגל. די צאַנקענדיקע פלעמלעך האָבן א צאַפּל געטאָן. רחל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַמערקט ווי דער אַלטער איז פאַרשטעקט צווישן די רויזן־קעפּ. אן אומרו און שרעק איז אויפגעגאַנגען אין איר: ער קומט זוכן דעם זון!... אַרימער אַלטער, ער ווייסט פון גאַרנישט...

זי האָט נישט געפילט קיין כעס צו אים. אויך דאַן טשיטשע איז אַן אנדערער געוואָרן. יאַסלס ארעסט און דבורהס טויט, רחלס זיצן שבעה — האָבן אים צעטומלט. ער איז געבליבן ווי אַן אָפּגעשמיסענער. דער האַס צו זיי און דער נקמה געפיל האָבן זיך איבערגעטראָגן אפן אייגענעם זון, וואָס ווייזט זיך נישט. ער האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט אים פאַר אלע עולות. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פענצטער און מיט שווערע טריט אוועק טיפער אין גאָרטן. פון אנדרעס שטיבל איז א שוואַרצע קאַץ ארויסגעלאָפן און געבליצט קעגן אים מיט די געלע אויגן ווי פון הייסן קופּער. אומרו האָט א שלאָג געטאָן אין אַלטנס בלוט. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעטאַפּט די אינווייניקסטע קעשענע פון רעקל מיטן צוגענייטן טייסטערל געלט.

— ביזט געקומען נאָך געלט, הינטישער זון... די ציין וועל איך דיר אויסהאַקן.

א לאַנגער שאָטן האָט זיך געוויגט ארום אנדרעס שטיבל און טרו־

קענע ריטלעך האָבן זיך געבראָכן אונטער עמיצנס פיס. דער אַלטער האָט זיך מיט צעפּלויגענע הענט א טראָג געטאָן אהין.. אויפגעהויבן די געבײלטע פויסטן, רציחהדיק א הילכיק משוגענעם לאַך געטאָן:

— גנב!... גנב!...

— ש־ש־ש!... באַ גאָט. דאָן טשיטשע, מאַכט נישט קיין גוואַלד.

דער אַלטער האָט א דערשראָקענער געמאַכט א ברייטן שפּאָן אַף צוריק און דורכגעבראָכן מיט די אָנגעצונדענע אויגן די באַנאַכטיקע אָנגערוקטע בלויקייט, זיך ראַפּטום א וואָרף געטאָן צו אַנדרעסן, אים אויפגעהויבן אין דער לופטן ווי א טרוקענעם שפּאָן און דורך הארטער ציינקריצעניש געציִשעט.

— דו מערדער! די גערעכטיקייט וואַרט אַף דיר!

אַנדרעס האָט ווי א פולפּע געוויקלט ארום דעם אַלטן די טרוקענע הענט מיט די פיס און האסטיק געקלאַפּט מיטן קאָפּ איבער דער ברוסט, סאַפּנדיק ווי א לאָקאָמאָטיוו:

— לאָז אָפּ, אַלטער!... לאָז!...

— אינגלעך! פּאָליציי!... א מערדער!.. ראַטעוועט!...

ניקאָלאַס מיט נאָך צוויי קונים זיינען אָנגעלאָפן פון שענק, אַנדרעס האָט מיט איין האַנט ארויסגעצויגן זיין מעסער פון גאַרטל און א פּאַטש געטאָן איבערן אַלטנס קאָפּ. דאָן טשיטשע האָט אים א וואָרף געטאָן פון זיך ווי א ווילדע מאַלפּע. אַנדרעס איז פלינק, ווי א געיאָגטע קאַץ, אויפגעשפּרונגען און ווי א בליץ, זיך א טראָג געטאָן טיפער אין גאָרטן. ניקאָלאַס איז אים דעם וועג פאַרלאָפן, דערלאַנגט מיט א אייזערנער הענטשקע איבערן קאָפּ און באַלד איבערן פנים. אַנדרעס האָט געפּאָכעט מיטן מעסער קעגן אים און הינטערוויילעכץ אנטרונען געוואָרן צווישן די געהויקערטע בײמעלעך. ניקאָלאַס האָט ארויסגעכאַפּט א רעוואָלווער פון קעשענע און אים עטלעכע מאָל נאָכגעשאָסן.

— לויפט נאָך פּאָליציי — האָט ער געשריגן — כוסטיסיא! כוסטיסיא! גערעכטיקייט!

צוויי פּאָליציילייט זיינען אָנגעלאָפן. געזוכט מיט די אָנגעצונדענע טאַשן־לעמפּלעך אין אַלטנס און אויך אין יאָסלס גאָרטן. דאָן טשיטשע מיטן ווייב, געבויגענע האָבן גענישטערט צווישן די פלאַכטעס פון ווערבע בוים און שטיל גערעדט צו ניקאָלאַסן, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט:

— אפשר איז ער אריין אהין?... צו „זיי".

— צו דער מויד וועט ער לויפן? צו א שונא...

— זי וועט אים קיין שלעכטס נישט טאָן... איז נישט פּעאיק. זי איז אַליין. אָרעמע.

רחל איז געשטאַנען באַם פענצטער, אַן אויסגעצויגענע ווי א בלייכער שטראַל און די אויגן, ווי פלעמלעך פון שוואַרצע ליכט, האָבן געלויערט איבערן גאָרטן, דאָס האַרץ, דאָס בלוט, האָט שטיל געהאַמערט, זיך גע־

שראַקן. טאַטע און זון שלאָגן זיך. גאָט מיינער! וואָס וועט פון דעם אַרויס־קומען.. דער אַלטער וועט אים שטעכן.

זי האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן און אויפגעכאַפּט עמיצנס שווערע טריט הינטערן פענצטער און אַ האַרטע מורמלעריי, אַן אָנגענומענער מיט ביטול:

— זיי פּאַרזיכטיק... ניקאָלאַס זאָגט, אַז דער יונג איז אַ געפערלעכער.

— ער איז אַנטלאָפן, דער פיש... מוז זיך דאָ ערגעץ אויסבאַהאַלטן.

— ס'מאַכט נישט... פריער אָדער שפּעטער, מיר וועלן אים קאַלט מאַכן.

רחל האָט דערפילט אַ קעלט איבערן לייב, זי איז געווען זיכער, אַז דאָס רעדט מען אַזוי וועגן האַראַסיאַן, וועלכער מוז זיך אוודאי געפינען אין ווארשטאַטל אָדער אין קיך. עס איז ווידער שטיל געוואָרן, נאָר פון די קונים אין שענקל האָט זיך געהערט שווערע געלעכטערס און אַ בייז האַמפּעריי. זי האָט זיך אַ טראָג געטאָן צום טירל, דאָס אויפגעמאַכט און אַף די שפּיצן פינגער אומגעגאַנגען אַרום שטיבל, גענישטערט, געשנאָפּט מיט די אויפגערייצטע חושים. רחל האָט זיך אומגעקערט צוריק אַליין, נישט וויסנדיק נאָך וואָס און אַ דערשטיקטן געשריי געטאָן, דערזעענדיק אַנדערפן וואָס איז פאַרשטעקט געווען אין אַ ווינקל אונטערן טירל. ער האָט האַסטיק געסאָפּעט:

— באַ גאָט! גיט מיך נישט אויס... זיי וועלן מיר הרגענען! רחל, רחל!

זייערע בליקן, ווי שווארצע אָפּגרונטן, זיינען זיך צונויפגעפאַלן. זיין פּנים אויסגעצויגן, גרין און אַרומגעזוימט מיט אַ שווארץ געדיכט בערדל ווי אַ קרענצל, באַשפּריצט מיט רויטע טראָפּנס בלוט, האָט אָנגעוואָרפן אַף איר אַ טויט־שרעק. מידקייט האָט פון זיין פּנים אַראָפּגעשריגן, איבער־מענטשלעכער פּיין. רחמנות האָט פאַרפלייצט איר האַרץ. איינגאַנצן אַן אויפגעשווידערטע האָט זי אַ וווּיז געטאָן מיט די בליקן צום אָפענעם טירל. ער האָט שטום געפאָלגט. רחל איז אים נאָכגעגאַנגען זייער גיך און פאַר־זיכטיק פאַרמאַכט דאָס טירל און מיטן ווייז־פינגער אים געוויזן אַפן טעפּיך אין ווינקל. ער האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט און מיט קראַמפּהאַפט־פאַרבלוטיקטע פינגער געהאַלטן אין איין ווישן די שטראָמען בלוט פונעם פּנים און פונעם קאָפּ. די פיס האָבן רחלען אַ טראָג געטאָן צום פענצטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אין דרויסן און זייער פּאַרזיכטיק דאָס פענצטער פאַרמאַכט. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און אַ טיפער רחמנות־געפיל האָט זיך געטראָגן פון איר יעדן אבר. זי האָט געפיבערט מיט אַלע חושים פאַר דעם דאָזיקן צעבראָכענעם לעבן, וואָס איז געקומען זוכן רעטונג אונטער אירע צעבראָכענע פליגל פון מאַמישער צאַרטקייט און רחמנות... זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ ריינעם האַנטוך, אים איינגעטונקען אין סלוי מיט וואַסער אַפן טיש און צוגעגאַנגען צו אים, זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן אַרומווישן די אָפענע וואונד פון מוח. געדאַכט האָט זיך איר, אַז פונקט אַזאַ וואונד האָט פּילאַר

געמאַכט אַף דער באָבעם קאָפּ... געטרייקייט איז געווען אין די הענט. אחריות. טויזנט טרעומות, שטיקער געשריי האָט זיך געטראָגן פון דער וואונד, פון יעדן טראָפּן בלוט, עפּעס געמאָנט בא איר. אנדרעס איז געווען נאָכגיביק, קיין פּיפּס נישט געטאָן. זי האָט צוגעלייגט אַ שטיק גאזע מיט יאָד צו דער וואונד און אַרומגעבונדן מיט אַ ווייסן באנדאזש. די אומרו אין איר האָט אַלץ געברויזט. זי האָט אַריינגעקוקט אין זיינע געצונדענע בליקן, די אָנגענומענע מיט פּיין, מיט שווארצער שרפּהדיקער נקמה:

— פּילסט זיך בעסער, אנדרעס? זיי האָבן דיך געשלאָגן?... ווי איז מיר!.

געוויין האָט געציטערט אין איר קול. טיפע אומפארשטענדלעכקייט. ער האָט יסורימדיק די אויבערשטע ליפּ געביסן און די קינבאקן האָבן שטארק געציטערט. א טרער האָט אַ שטאָך געטאָן אין רעכטן אויגן־ווינקל. דאָרט געבריט ווי אַ הייסע שפּיז. די טרוקענע ליפּן האָבן זיך געקרומט:

— רחל, ווי אומגליקלעך מיר זיינען!... זיי פּאַרפאָלגן אונדז!...

זי האָט שטום מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, פּארבראָכן די פינגער פון די הענט און די שרעק, דער ווידערגעפיל צוצורירן זיך צו א „מערדער", איז אין רחלען שטילער געוואָרן. דער קנויל מיט געדאנקען האָט זיך פּלאָר־צים צעבונדן מיט א נייעם אימפּעט אין איר אָפּגעטעמפּטן מוח. אַנדרעס האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַ טראָג געטאָן צו דער טיר. רחל האָט אים דעם וועג פארשטעלט:

— גיי נישט! זיי מוזן נאָך וואַרטן אין גאָרטן! זיי וועלן דיר שלעכטס טאָן!...

וואָרענונג האָט זיך געריסן פון אירע בליקן און עכט מענטשלעכער מיטגעפיל, זאָרג:

— טו אויס דאָס רעקל מיטן העמד, רו דיך אויס!

ער האָט שטום געפאָלגט. רחל האָט מיטן נאסן האנטוך אַרומגע־ווישט זיין אויבערשטן טייל פון קערפּער, איז צוגעלאָפן צו דער שאפע און אַרויסגענומען דעם טאַטנס א העמד, אים דערלאנגט:

— טו אָן!

אַ ווייכקייט איז געווען אין איר קול. זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט, באקוקט די מיט פרישע בלוט־פלעקן אלטע הויזן און ווידער צוגעלאָפן צו דער שאפע, אַרויסגענומען דעם טאַטנס אַן אלטן שווארצן סורדוט מיט אַ שווארצן קאפּעליוש, וועלכן ער האָט אלס גרינער, צוליב דער שוויגער, געמוזט טראָגן אין די יום טובדיקע טעג. אנדרעס האָט אָנגעטאָן דעם סורדוט, פּארשפּיליעט די קנעפּ ביז אַרויף און רחל האָט אַרומגעבונדן דעם לאנגן שווארצן גארטל אַרום דער שמאָלער טאַליע זיינער. אים אָנגעטאָן דעם קאפּעלוש. בושה און פּארלעגנהייט האָט זיך געקרומט אַרום שווארצן קרענצל־בערדל און אַרום די ברענענדיקע אויגן. א קוק געטאָן אין דער שויב און זיך נישט דערקענט... חידוש האָט אויפגעטויכט אין די בליקן און אומפּארשטענדלעכקייט: אזא איינעם האָט ער נישט לאנג

געוואָרפן אַ שטינק־באָמבע באַם אַרויסגיין פון אַ אידישער „סינאַגאָגע" און אפשר איז דאָס גאָר דער הייליקער דערלייזער?

ווילנלאָז האָט ער אויפגעהויבן אַ פּאָלע פון סורדוט, אַרויסגעצויגן דאָס מעסער פון לעדערנעם גאַרטל, אים אַריינגעשטעקט אינעם זייַדענעם גאַרטל. זיך לאַנג אָנגעקוקט אין שויב. ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די אידישע קאַפּאָטע וועט פאַרשוועכן זיין מעסער, דעם אינדישן יחוס.

אימה האָט געגליווערט אַרום זיי. צערודערונג. דאָס קנייטל אין גלאָז האָט זיך אויסגעצויגן, ווי אַ בלוי שמאָל צינגל זיך געוויגט קעגן אים. רחלס נאָענטקייט האָט דערמאָנט אין ראָסאַן... זי האָט זיך געשראָקן פאַר די צאַנקענדיקע בליקן זיינע, געוואַרט ער זאָל וואָס גיכער אוועק.

ער האָט די שטילקייט איבערגעריסן, געמורמלט דורך ווייטיקלעך צעקרומטע ליפּן:

— מיט וואָס ,פריילן ראַקעל, וועל איך אייך אָפּדאַנקען? איך ווייס זיי האָבן באַ אייך אַלץ צוגענומען, דאָס הייליקסטע פון אייער לעבן פאַרשוועכט...

מיטגעפיל איז געווען אין זיין קול, ווייטיק. רחל איז געוואָרן קלענער, אַראָפּגעזעצטער. אַ ווײַלע געטראַכט און באַלד זייער שוואַך און דערשלאָגן אָפּגעענטפערט:

— אויך איר ווייסט וועגן דעם?..

ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שווערן זיפץ. זיין בלוט האָט אויפגעקאָכט, געשוימט און גערעוועט, זיך געריסן נאָך נקמה:

— אַלץ ווייס איך!... ווען די קליינע בלייבט מיר כאָטש לעבן... אָרימענקע! אָרימענקע...

געבראָכנקייט האָט געציטערט אַרום מויל, הרטה. רחל האָט אָפּגעענטפערט:

— איר זיינט געווען ווילד אין אייער ליבע צום ווייב און אויך אין אייער האַס, דאָס איז שרעקלעך... אָבער זייער גאַנץ...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און טיפע זאָרג האָט זיך גערונצלט אַף איר שטערן, פיין. — אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן איר חתן? אפשר וועט ער באַלד קומען? וועט זי האָבן גענוג כוח אים אַרויסצוטרייבן?... זי האָט אָבער קיין וואָרט וועגן דעם דערמאָנען נישט געקענט.

אַנדרעס האָט זי דורכגעבויערט מיט די טיפע קאַרבן פון זיין שטערן, פינצטער מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט

— כ'האָב געפּאָלגט מיינע שונאים... בין געווען שלעכט צו די אומשולדיקע... צו די אומגליקלעכע... פון ווייטיק אָנגעהויבן קלאַפּן מיט אַ פויסט אין דער ברוסט:

— אָ גאָט, וואו זיינען געווען מיינע געפילן?..

— מען דאַרף נישט אַנדרעס ריידן וועגן דעם. מן הסתם איז אונדז אַזוי באַשערט... געבעט איז געווען אין אירע פיינלעך פאַרטרערטע בליקן, פאַרעגבונג.

— ווי שטארק די אָרימענקע מיינע האָט געמוזט ליידן!.. האָב זי נישט פאַרשטאַנען..

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף זיינע הענט, די מערדער פון ווייב און קינד, און שוואַרצע רציחה האָט אויפגעברענט אין די אויגן און אַפן חושכדיקן פנים. האָט אַ ברום געטאָן ווי אַ האַלב דערשטיקטער וואָלף:

— אַף אירע הענט זיינען אַזוינע בלאָטערס געווען... אָרימענקע מיינע!.. פריער אָדער שפּעטער — איך וועל מיינס דערגרייכן!.. אַ שאָד דער דאָקטער, אַ שאָד!..

פּראַסטיקע ווינטלעך האָבן זיך צעוואָיעט אין אירע ביינער, געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. זי משוגע געמאַכט: — וואָס אייגנטלעך טוט זיך אַרום מיר?.. פאַרוואָס האָט אַנדרעס דאָס ווייב זיינס דערהרגעט?.. וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט איר חתן?..

ער האָט באַנגיק מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, איר פאַרלוירנקייט האָט אים געפּייניקט:

— כ׳האָב אייך נישט געוואָלט ערגערן, רחל, גלויבט דאָס מיר... איך קען אָבער נישט שווייגן. בין זיכער דער דאָקטער וועט צוריקקומען... ער ליבט אייך שטאַרק!..

זי האָט געקוקט אַף אים מיט ברייטע צאַפּלענדיקע בליקן און אָפּגע־האַקט געזיפצט:

— איך ווייס גאָרנישט, אַנדרעס... מיר איז זייער ביטער... איך וויל שטאַרבן...

ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס מעסער פון גאַרטל און ביידע הענט האָבן געציטערט פון אויפרעגונג, פון נקמה־דורשט:

— פאַר מיין קינד.. פאַר אונדז אַלע!.. זיי וועלן באַצאָלן!... אַפילו קיין פּאָדעם איז מיר נישט געבליבן... קיין שום אָנדענק פון איר!..

רחל האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פון שאַפע, דאָס צעבונדן אַפן טיש און מיט די אומעטיקע בליקן אַף די געשטריקטע בלויע וואָלענע לייבע־לעך מיט די שיכעלעך געקוקט. אַנדרעס האָט ראַפּטום אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאָר שיכלעך, זיי אַריינגערוקט אין בוזים און מיט ווייכקייט אין קול גערעדט:

— ווי שיין זיי וואָלטן אים געפּאַסט!... אָרימענקער פּינטשעלע!... וואָס וועט זאָגן דיין אַלטער זיידעניו?.. דיין טאַטע וועט זיי נישט פאַר־שווייגן!..

— פאַרוואָס, אַנדרעס, האָט איר דאָס געטאָן?.. — האָט רחל דער־שראָקן געפרעגט.

— פרעגט מיך נישט!.. זיי וועלן באַצאָלן! גאָט, גאָט! העלף מיר נעמען נקמה!...

ער איז שטיין געבליבן און געשיט האַסטיקע רייד אָן שום צוזאַמענהאַנג, ווי די נערוון וואָלטן געווען צעריסן און פאַרשרפהט דעם געדאַנק:

— די מערדער ווילן אומברענגען די אייעריקע... פאַר וואָס ראַקעל

קומט דאָס אייך?.. די נאַציִשע „זי" האַלט אים אין די לאַפּעס, דעם דאָקטער..

רחל האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אַ דערשלאָגענעם, אַ פאַרשעמטן. די צעטראָטענע אײַנגליבע איז געוואָרן רואיקער... גלײַכגילטיק צום חתן, צו אַלץ וואָס האָט מיט אים אַ שײַכות... אַנדערעס האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— איך האָב זיי קיינמאָל נישט אויסגעפאָלגט... מײַן האַרץ האָט מיך געוואָרנט...

טיף מענטשלעכע גוטסקייט און ווייטיק איז געווען אין זײַן שטים.

ער האָט איבערגעדרייט דעם שליסל פון טירל און ווי אַ שוואַרצער שטן זיך אַ טראָג געטאָן פון שטיבל, טיפער אין גאָרטן פאַרשוואונדן.

רחל איז שטיין געבליבן ווי פאַרשטיינערט, אַרום איר האָט זיך געוועבט אַ קילער ריח, אַן אימהדיק נאַסער, וועלכער איז מיט איר מיטגעגאַנגען פון דער באַבעס קבֿר. דער מוח איז געווען טעמפּ, אויסגעליידיקט, פּוסט. דער ברוסט־קאַסטן מיט די לונגען זײַנען זיך צונויפגעפאַלן, ווי צוויי פּלאַסטערס פון הייסן גיפּס און געשטיקט ביז אומקום, געשרפהט דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ. זי האָט נישט געקענט אָטעמען, נאָר דער כּוח פון ווידערשטאַנד האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויפגיין אין איר, זיך געשפּאַרט פון די ברייטע, אומפאַרשטענדלעכע בליקן, באַפוילן:

— קענגן דײַן אייגענעם ווילן וועסטו לעבן..

זי האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין שבֿעה־ווינקל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די אויפגעשטעלטע קני און געפּרואווט דרימלען. דער שלאָף איז אָבער נישט געקומען. צעמישונג האָט ווי אַ פויל ווינטל אָנגעהויבן בושעווען אין די געהירן. פאַר די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען און לויפן מאָדנע בילדער, שוואַרצע און פײַערדיק־רויטע רעדער און צווישן זיי האָט געברענט האָראַסיאָס קאָפּ. זײַנע אויגן, ווי צוויי שוואַרצע אָפּגרונטן, רײַסן זיך צו איר. ראָסאַלינדאַ, אַ לאַנגע און אַ געלע, מיט אַ קליין קינד אויף די הענט; אַנדערעס מיט צעפלויגענע לאַנגע הענט, ווערט געשלעפּט אין געווירבל פון די האַסטיק־דרייענדיקע רעדער. רחל האָט אַ געשריי געטאָן און זיך דערשראָקן פאַר איר אייגן קול. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט די פויסטן געווישט די אויגן, ווי זי וואָלט פּלוצים אויפגעשטאַנען פון אַ לעטאַרגישן שלאָף...

זי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און אַרויסגענומען דעם ווײַסן זומערדיקן מאַנטל, אים אָנגעטאָן און צורעכט געמאַכט די צעשויבערטע לעקעלעך אויפן הינטערשטן טייל פון קאָפּ, אָנגעטאָן אַ פּאָר שיך אויף די באָרוועסע פיס, זיך געלאָזט אַרויסגיין און איז שטיין געבליבן אין מיטן צימער, נישט באַנומען נאָך וואָס זי האָט זיך אָנגעטאָן... זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו דער מאַמעס בילד און האַרטע קנײַטשן, ווי פון גיפּס אויסגעהאַמערט האָבן זיך געשניטן אַרום אירע פאַרשטומטע ליפּן. זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום בילד און די פיס האָבן זי אַוועקגעפירט אין קיך. אַ קאַלטע אימה איז פון דאָרטן אַנטקעגן געקומען. דאָס געוויין פון

דער באָבעס אָפענעם קבֿרל, א גרענעצלאָזער עלנט. פון קיך־שאַפקעלע איז אראָפּגעשפּרונגען אַ גרויסע מויז און מיט אַ דין קוויטשיק קולעכל זיך אַריינגעפּלאָנטערט צווישן אירע שיך. רחל איז אויפגעשפּרונגען, זיך אָנגעבאַפּט מיט די הענט פארן קאָפּ און שווער געאָטעמט. די גרילן אונטערן אייוועלע האָבן געגרילט. די מייז אין די לעכער האָבן געגריזשעט דארע שישקעס ברויט — זי דערמאָנט אין דער באָבעס נאַסן קבֿרל...

רחל האָט מעכאַניש אויפגעמאַכט דעם שופלאָד פון קיך־שאַפקעלע און ארויסגענומען עטלעכע בלעכענע פורעמלעך מיט דריי שפּיצן און פירקאַנטיקע קארבן, ווי שמאָלע פינגערלעך. מיט די פורעמלעך פלעגט זי אַלע שבת באַטאָג שניידן די האָניק און פּוטער־טייגלעך אף היימיש געבעקס דעם חתן, זיי אַריינגעשארט אין א שטרויענעם קוישעלע, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען און מיט אָפּגעלאָזנקייט ארויס פון קיך. גרויע שטיקער נאַכט, ווי געגליווערטע בערג פון טרערן, האָבן געהאָנגען איבערן גאָרטן. און אַ טויט־שטילקייט. דער הימל — בלייך און הייליק שטום, א באַזעצטער מיט מיליאָנען בלויע פינקלענדיקע שטערן. רחל האָט געאָטעמט שווער. די פיס האָבן זי אוועקגעטראָגן צום פּלויטל פון הינטערשטן גאָרטן, זי האָט אַ וואָרף געטאָן די פורעמלעך אפן מיטן וועג. דאָס לייכטע זומער־ווינטל האָט זיי געטראָגן, צעטריבן אין פארשידענע ווינקעלעך, ביז אין די רינשטאָקן בא די טראָטוארן.

רחלס אויגן, ווי צוויי געגליווערטע טרערן, האָבן זיי נאָכגעלויערט און דער הלל אין הארצן איז געוואָרן טיפער. פון די אויסגעשטרעקטע הענט האָט געיאָמערט דער עלנט, די געבראָכנקייט פון א מאַמע, וואָס וואַרפט אַריין אין טייך דעם לעצטן מלבוש פון איר אָפּגעשטאָרבן קינד. זי האָט געהערט דאָס סקריפּען פון דער שווערער טיר, פון אַלטנס שענקל. דער קלויסטער־זייגער האָט אויסגעקלונגען צוועלף. די בליקן האָבן זיך אויפגעהויבן צו אנדרעסעס שטיבל, אַ ריח פון שימל און פון טויט האָט פון דאָרט געזעצט. אַ פראָסטיקע קעלט האָט געעקבערט אירע ביינער. די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן. זי האָט זיך צוריקגעקערט, שטיין געבליבן אין מיטן פון שטיבל און זיך איינגעהערט אין דער אייגענער טויטקייט... נאָר ערגעץ אין די ביינער האָט אַ דינער שטראַל פון לעבן אויפגעצאַנקט און ווידער געריפן: האָראַסיאַ!...

זי האָט אַ קוק געטאָן צום צאַנקענדיקן קנייטל און זיך דערשראָקן. — דער באָבעס ציטערדיק בערדעלע, דאָס טרוקענע געהייליקטע פּנימל, אַ געבעכדיקס און די באַצוואונגענע בליקן, האָבן פון דאָרט אַ לויער געטאָן. וועסט אויסהאַלטן! קענגן דיין אייגענעם ווילן מוזטו לעבן! שרעק איז אויפגעגאַנגען אין איר. דער שימער אין די אויגן איז געוואָרן גרוי און אימהדיק, ווי זי וואָלט דערפילט ארום האַלדז עמעצנס שווערע, קאַלטע הענט, וואָס שטיקן זי ביז צום אומקום. עס האָט איר מער קיין שום זאַך נישט געאַרט... ווי זי וואָלט מער קיין שום שייכות מיטן לעבן נישט געהאַט... יעדע רגע האָט זיך ווי אייביקייט געצויגן, אָן אייביקייט אָן באַשטימונג,

וואָס איז ערגער ווי דער טויט... ביסלעכווייז האָט זיך פון דער אַרומי־קער גרויקייט דעם טאַטנס קאָפּ אויסגעטיילט, דאָס דורכלויכטיקע פּנים, זיך דערמאָנט אין בריוו, וועלכן בעטי האָט געפונען צווישן די ספרים, איז צוגעגאַנגען צום נאַכט־שענקעלע, מעכאַניש אַרויסגערוקט דעם שופ־לאָד, אַרויסגענומען דעם בריוו און אים אויפגעמאַכט. רחל האָט דערקענט דעם טאַטנס האַנטשריפט.

אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון פאַרשטיינערטן האַרץ. זי האָט זיך מיד און ווילנלאָז אַראָפּגעלאָזט אַפן זוים פון דער באָבעס בעטל און די אויגן האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבער די שורות, אומ־געגאַנגען ווי אַף ווייטע, פרעמדע און אומבאַקאַנטע וועגן: „רחל, ווען איך האָב מיך צוגערירט צו איין בלוט־פּעדימל פון דער אָנגעווייטיקטער וואונד פון אונדזער לעבן — האָט זיך מיטאַמאָל און זייער שאַרף צעשריגן די אַלטע פּיין, דער כראָנישער ווייטיק פון אייבי־קע, נישט אויסגעהיילטע וואונדן, און דער גאַנצער גוף, די נשמה, דאָס בלוט שווידערט, וויינט און ברומט ווי די צאַרטסטע סטרונעס פון אַ פידל... דעריבער בין איך געוואָרן אָנמעכטיק קעגן מיין אייגענער פאַרלוירנקייט... איך מוז דיר איצט אַרויסזאָגן כאָטש אַ פּאָר געדאַנקען, וואָס פּייניקן און הייסן אויסשרייען צום קינד, זי אויפהויבן פון איר געפאַלנקייט...”

„יאָרנלאַנג האָב איך געוועבט אין מיר אַ חלום, אַז דאָ, אין מיין נייעם היימלאַנד, אינעם לאַנד פון זון און בלויע פרייע הימלען, אין אַ היים פון פעלקער־געמיש און פרייהייט, וואו דו, מיין קינד, ביזט בשלום אויסגע־וואַקסן און איינגעזאַפּט אין זיך דעם לויטערן גייסט פון די גרויסע פּאַ־טערלענדישע פּראָסערס און פּאָעטן, צו דער דערהויבנקייט פונעם פּאָעט אַלמאַ פוערטע, וועל איך ווערן אַ נייער מענטש. האָב מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה געוואָלט פאַרגעסן אין די ליידן פון דער אַלטער היים... געוואָלט אָפּווישן די בלוטיקע סמנים פון אונדזער פּיינפולן שווערן וועג פון אונדזערע פּאָרגייער, די אייביקע טרוימער און וואָגלער, די אומדער־מידלעכע קינדער פון אַ פּאָלק, די זוכער פון שיינקייט און מנוחה.

„דיך, מיין קינד, האָב איך ליב מער פון אַלץ אין דער וועלט, ווייל דו ביזט די פּאָרזעצונג פון דיין מאַמען, צוליב וועמענס אָנדענק איך לעב, איך עקזיסטיר אָן דער מינדסטער פרייד אין מיין נשמה. דיך, ווי דיין מאַ־מען, האָב איך געוואָלט זען אַ זאָרגלאָזע און אַ גליקלעכע... האָב כסדר דיין מאַמעס צאַפּל אין דיינע אויגן געזען... יענע שווידערלעכע סמנים, ווען זי האָט צום לעצטן מאָל גערופן צו דער וועלט נאָך הילף און קיינער האָט איר שרייען אויפנעמען נישט געוואָלט.

איך האָב מיך צו דער דאָזיקער וואונד צורירן נישט געוואָלט, האָב מיר איינגעשמועסט, אַז דו, מיין קינד, וועסט אויסוואַקסן פריי און זאָרגלאָז ווי אַ טויב, וועסט כסדר זינגען און וואָרקען, פּאַטשן מיט די לייכטע פליגעלעך אַף די הויכע מעכטיקע אַנדן, אונטער די פלאַמיקע, אומענדלעך טיפע, פרייע אַרגענטינער הימלען...

און דו ביסט ביסלעכווייז אוועק פון מיר מיט דיין באָבען... שפּעטער ביזטו אוועק פון זיך אַליין... פון דיין אינהאַלט.... פון דיין צוקונפט... מיט דיין ערלעכן גלויבן, מיטן עגאָיזם פון אַ יונג, פילבאַר האַרץ, וואָס קען פון קיין גרעניצן נישט וויסן, האָסטו זיך צונויפגעגאָסן מיט די מענטשן פון אַרום, ביזט געוואָרן שיכור פון גליק און צעפּעסטעטקייט. האָסט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן געקלאַמערט און געוואַרימט אין דער נעסט פון האַראַ־סיאָס אָפּגעשטאַנענע טאַטע־מאַמע. איך האָב דיר שטום נאָכגעפאָלגט און ווידער געוואָלט לעבן, ווייל ווען איך שטאַרב, ווער זשע וואָלט געטראַכט פון דיין מאַמען און אַרומגעטראָגן אין זיך איר לעבעדיקן אָטעם?... איר בענקשאַפט נאָך שיינקייט און נאָך מנוחה? האָב מיין אייגענע וועלט באַ־גראָבן אין אַ קבר, וואָס איז באַוואַקסן געוואָרן מיט אַ האַרטן שיכט ערד... האָב מיט לייב און לעבן געפּרואווט לעבן אין דיין וועלט... נישט געטראַכט אַז דו גייסט פון מיר אוועק... ווי אַ פרייער מענטש, אַ איד, וואָס האַלט זיך ווי אַ „שרייפל" פון דער ריזיקער וועלט־מאַשין — מיך באַפרייט פון יעדן פאָרורטייל און האָב אַראָפּגענידערט אין די טיפענישן פון דיין יונג, גלויביק האַרץ, געפּיבערט מיט דיין אומרו און מיט דיין מערקוויר־דיקן גלויבן, געמיינט, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט געפּייניקט ווערן פון שונא ישראל, ווי איך בין פון קינדווייז אָן געפּייניקט געוואָרן.

דיין באָבעס ביטערניש, איר אומדערמידלעך מאָנען גערעכטיקייט, האָט מיך אַ סך מאָל געדריקט איך האָב געוואָלט פאַרגעסן, אַז די באָבע האָט געגעבן די גרעסטע קרבנות אַפן בלוטיקן מזבח פון דער מענטשלעכער רשעות... אַז דאָס בלוט מיט די טרערן פון פאַרשניטענע דורות שרייט פון איר אַרויס. איך האָב איר נישט געלאָזט דיך מיטשלעפּן אין אונדזער אומענדלעך טיפן טרערן־טאָל. האָב נישט פאַרטראָגן איר איבערגעטרי־בענעם נאַציאָנאַליזם, איר אידישן יחוס, אירע טענות: מיר, יאָסל, זיינען קינדער פון אַ וואונדערלעך פאָלק, אונדזער אויסדויער, אונדזער בייקומען דעם טויט איז אַ דאָרן אין אויג פון די שונא ישראל... דער פאַרדאָרבענער וועט אומקומען אין זיין אייגענעם קעסל מיט סם...

זי, די באָבע, די אויסגעפּרואווטע אידישע טאָכטער, האָט זיך גע־גרויסט מיט איר אידישן שייכות צו אַ בעסערער וועלט... זיך געפּרייט מיט איר אידישן געוויסן, וואָס האַסט מערדעריי, זיך געקלאַמערט אין אונ־דזער אומרו, וואָס שפּרייט זיך איבער אַלע וועלט טיילן, שפּריצט מיט דימענטענע פונקען מיט כוח פון אמת און פון שאַפן...

איך האָב געקוקט אַריבער דער וועלט... אין דעם קאָסמאָפּאָליטישן אַרגענטינע געוואָלט זיין נישט מער ווי אַ מענטשן־קינד... מיך צופיל פאַרלאָזט אַף דיין אייד־עלער פילבאַרקייט... ווי אַנדערש אָבער איך זע דיך איצט!... ביזט שוואַך און האָסט נישט געירשנט פון אונדזערע דורות דעם כוח פון שפּאָט און פאַראַכטונג צום שונאס טפשות און מערדעריי —זיין גייסטיקע אָרעמקייט.

נישטאָ אין דיר דאָס הייליקע פייער, די דערהויבנקייט וואָס לאָזט

אונדז נישט פאַלן אונטער דער גרויזאַמקייט פון קראַנקן שונא ישראל, נישט מער ווי דער בליק — די אידישע טראַגיק — אָט דאָס שטומע און מאָנענדיקע, דאָס נישט דערזאָגטע, וואָס ליגט אין דיינע בליקן, קען איך באַ קיין באַשטימטן נאָמען נישט אָנרופן; אפשר דער ווייטיק פון אַ געפייניקטן און נישט פאַרשטאַנענעם פאָלק, וואָס לעכצט נאָך מנוחה, נאָך טרייסט, וואָס צאַפּלט טויזנטער יאָרן צווישן פייער און שווערד פון אומזיסטע שונאים; אפשר דער אומזעבאַרער גאָלדענער פאָדים, וועלכער בינדט דיך צו דיינע געפייניקטע דורות? און אפשר אַ פונק פון באַהאַלטע־נעם צאָרן פון אונדזערע צניעותדיקע טעכטער, וואָס האָבן אויסגעוויילט דעם טויט איידער די טמאה, אָדער גאָר דאָס שטילע געוויין פון אונדזערע פרומע זיידעס מיט די באָבעס באַם צוקוקן ווי דער ווילדער שונא ישראל וואַרפט אין די שייטערהויפנס די אידישע, הייליקע ספרים? און אפשר דער כוח פון אמת וואָס לעבט אין אונדז, די אייביקע מאָנונג צו אַ קראַנ־קער וועלט, צו דער אַזוי גערופענער „קריסטלעכקייט".

ניין, איך קען דיר נישט זאָגן, וואָס אַזוינס אידישע טראַגיק הייסט... זי איז מסתמא אַ שטיק פון אונדזער אייביקער שטומער מאָנונג... פון נישט דערזאָגטן... פון טיפע וואונדן, וועלכע מען קען פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן... איך האָב מיך נישט געקענט אַנטפּלעקן פאַרן דאָן טשיטשע מיטן ווייב, דורכבויערן דעם טעמפּן מוח, וואָס איז פאַרסמט דורך דורות־לאַנגן האַס צום איד... דאָס נישט דערזאָגטע וואָלט סיי־ווי געבליבן... צי וואָלט איך געקענט עפענען אַ האַרץ פול מיט קברים? אין וואָס פאַר אַ שפּראַך וואָלט איך געקענט אָנרופן די ליידן פון אונדזערע קדושים? זיי, דיינע מחותנים, וואָלטן מיך אויסגעטייטשט ווי איינעם פון די „ביטרע אידן", וואָס האָבן זיך אַרויסגעקראָגן פון גערעכטן קריסטלעכן משפּט... זיי וואָלטן נישט רויט געוואָרן פון בושה און אויך נישט געפילט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די ברידער זייערע, וואָס קוילען אונדז אויס ווי די שאָף... זיי, אין וועמענס בלוטיקע הענט עס צאַפּלט דער גורל פון דער מענטשהייט און נאָך מער — אונדזער אידישער גורל... אונדזערע קריסטלעכע פריינט, די וואָס קענען אונדז, ווייסן דעם אמת, זיי זיינען זייער ווינציק. אין צייטן פון קראַנקן־האַס ווערן זיי געפירט צום טויט אין איינעם מיט אונדז... איך וויל מיך נישט טרייסטן מיטן אומקום פון אַנדערע קליינע, אונטערדריקטע פעלקער. מיר האָבן מורא צו עפענען פאַר די פעלקער די צעוואונדיקטע נשמות און דערמיט מאַכן מיר גרינגער די וועלט־מערדער צו שפּינען זייערע נעצן פון טויט און פון אומגליק... זיי פאַרסמען און טויטן אָפּ דעם געוויסן פון די פעלקער. די משוגענע וועלט־הערשער מאַכן אַ שעכט־הויז פון דער וועלט און דערפירן די פעלקער צו מענטשנפרעסעריי, און ווען זיי וועלן מער קיין אידישע קרבנות נישט האָבן וועלן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע פרעסן..

מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה וויל איך מיינע פעלערן אויסבע־סערן... אויסשרייען דעם צאָרן פון אונדזערע פאַרשניטענע דורות. מאָ־

נען באַ דער וועלט דעם אַלטן טויזנט יאָריקן חוב... ביז ווען נאָך וועלן מיר לײַדן פאַר פרעמדע זינד?... אויך דו, מײַן קינד, מוזט אַנהויבן פון דאָסניי. האַמער אויס דײַן האַרץ, זײַ אַ פרײַע אידישע טאָכטער, פונקט ווי דו ביזט אַ געטרײַע אַרגענטינערן... ביזט יונג, די וועלט געהערט צו דיר. ווער אַ לערערן אויך פאַר דערוואַקסענע. אַף יעדן וועג און אין יעדער שטוב גיי און דערצייל זיי דעם אמת, אַז בלוטדורשטיקע דעגענעראַטן ווילן פאַרטיליקן דעם מענטשלעכן שכל. מאַכן די פעלקער פאַרן בעזעם צו קערן דאָס אַנגערויבטע גאָלד אין די אײַזערנע קאַסעס פון די וועלט־באַזיצער...

זעסטו דען נישט, אַז דער פוילער קנאָספּ האָט זיך אויפגעמאַכט און די שווערע ריחות פאַרסמען די געזונטע פּירות פון גרויסן משפּחה־גאָרטן. איך האָב דערפילט מײַן טעות; בין שולדיק קעגן דיר און קעגן מײַן גאַנצן שטאַם... האָב געמוזט פריער אַנטפּלעקן אַ נײַ לשון, אַ וועג צו דער נשמה פון מײַנע נישט אידישע מיטמענטשן... און אויך צו דיר...

איך האָב יאָרנלאַנג געטראָגן אַף מײַנע געבויגענע פּלײצעס דעם יאָך פון פרעמדער רישעות; האָב געהיט דעם כבוד פון מײַן פאָלק, האָב שווער און ערלעך מײַן ברויט פאַרדינט. קיין מינדסטן פעלער קעגן אונדזערע קריסטלעכע שכנים נישט באַגאַנגען. מײַן אידישע אחריות האָט מיך גע־לײַטערט. מײַן צופיל פאַרשטיין דײַנע מחותנים, האָט נישט מיר און נישט דיר, קיין גוטס נישט געבראַכט. ווען איך בין אַ קינד געווען, האָב איך אינסטינקטיוו מורא געהאַט פאַרן גלח פון שטעטל, פאַרן סטראַזשניק און פאַר אַ שיכורן פּויער... אַרויסגעפילט, אַז אַט די דרײַ פאַרשידענע ברואים האָבן צווישן זיך עפּעס געמײַנזאַמס... קענען ווערן איין גראָבער שטעקן איבער מײַנע שוואַכע קינדישע פּלײצעס... איך בין אָבער געבליבן אינער־לעך רואיק און לויטער... זיך געפרײט, וואָס נישט איך בין דער, וואָס קען עמיצן באַפאַלן און פּײַניקן...

אָט דער גײַסטיקער פונק, האָט מיך געשטאַרקט, אָנגעפולט מײַן קינ־דישע נשמה מיט בענקשאַפט נאָך גוטס, נאָך אַ וועלט, וואו איין מענטש דעם אַנדערן וועט זײַן אַ ברודער, אים פאַרגינען די בידנע פאַר יאָר, וואָס מען האָט אָפּצולעבן...

ווען מיר רײַסן פון זיך אַרויס דאָס נישט דערזאָגטע, וואָלטן מיר געהאַט אַ סך מער פרײַנט צווישן די פעלקער... די מיטשולדיקע אין אונ־דזערע מיליאָנען קרבנות... איך האָב מורא צו טראַכטן פון אונדזער גרויסן עלנט. אין יעדן גרויסן וועלט־חורבן וואַרפן אונדז די רויבערישע וועלט הערשער אין די נעגל פון טויט...״

רחל איז געוואָרן מיד. די נישט דערזאָגטקייט איז איר נישט אָנגע־גאַנגען. פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך ערשט געגרייט שרײַבן און טענהן. נאָר דאָס ווערן אַרעסטירט האָט אַלץ צעשטערט און געענדערט. נאַריש און ווידערשפּרעכלעך האָט איר אויסגעזען דער אינהאַלט פון בריוו. זי האָט אים צוריק אַרײַנגעלייגט אין שופלאָד און אַ שוואַכער, קרענקלעכער

שמייכל האָט זיך געשטנט אַרום די אומרואיקע בלייכע ליפּן: ניין, זי איז מער נישט בכוח אָנצוהויבן פון דאָס ניי... זאָל ער, דער טאַטע, ראַטעווען די שיינע וועלט. אַ גוואַלדיקער רחמנות צום טאַטן און באַוואונדערונג האָט פאַרפלייצט איר האַרץ. ער ווייסט נאָך פון גאָרנישט, דער נאַיוו־גלויביקער!.. וואו וואַלגערט ער זיך איצט?... אָרעמער, אומגליקלעכער טאַטע!..

זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און אַרויסגענומען אַ קליין פירקאַנטיק הילצערן קעסטעלע, מיט איידעלע אויסשניצונגען, אויפגעשלאָסן דאָס מעשענע שלעסעלע און איינציקווייז מיט די שפּיצן פון די פינגער אָנגעהויבן אַרויסצונעמען אירע כלה־מתנות; אַ שמאָל גאָלדן בראַסעלעטל און אַ שנירל קליינינקע פּערל מיט אַ גאָלדן שלעסעלע. אַ בראָש פון ווייסן העלפאַנט־ביין מיט אַ טונקל־גרינעם דימענט; עטלעכע פּאָר הענטשקעס פון ווייסן און שוואַרצן זאַמזש און אַ טייערן שוואַרצן באַפרענזלטן שאַל מיט גרויסע רויטע און גרינע קווייטן — אַ מאַטאָנע פון כאָסנס טאַטע־מאַמע — צו איר צוואַנציקסטן געבורטס־טאָג.

רחל האָט אָנגעקוקט די מתנות מיט מאָדנע פרעמדע בליקן און דאָס לעצטע ביסל חיות אין די ביינער האָט געצאַנקט, זיך אויסגעלאָשן. אַ שווערער זיפץ האָט זיך געריסן פון צעפּייניקטן האַרץ און זיך געריצט מיט עמיצן; מאָרגן וועט זי אים אַלץ אָפּשיקן... זאָל ער דאָס געבן דעם שונא ישׂראל... זאָל וואָס גיכער אַ סוף נעמען צו זיין גערעכעניש... יאָ, זי מוז אים אַרויסרייסן פון ה אַ ר ץ... אָבער נאָך וואָס האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין ווייסן מאַנטל? עס איז זייער שפּעט. זי איז אַזוי מיד, שלעפעריק. און דאָס שטיקל צעוואונדיקטע קאָפּ — שמאַרצט ווידער... עס ציפּט... אין גאָס מוז איצט זיין זייער אומעטיק... מען הערט גאָרנישט דאָס לאַכן און שרייען פון שכנישע קינדערלעך. אויך זיי וויינען אוים איר שטוב — פאַרוואָס?

רחל האָט צוריק אַריינגעלייגט די מתנות אין קעסטעלע, אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אַן אויסגעשעפּטע און אַ שטומע — זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אַפן טעפּיך אין שבעה־ווינקל. די אויגן, ווי צוויי פּראָזשעקטאָרס, זיינען הענגען געבליבן אַפן קעסטעלע מיט די מתנות. זיי באַלד צום פענצטער איבערגעטראָגן און עפּעס געזוכט צווישן די אָנגערוקטע באַנאַכטיקע כמאַרעס. אין דעם האָט זיך פון די וואָלקנס אויסגעטיילט אַ שיף, אַן אומענדלעך גרויסע, און אַ בלוט־רויטע, ווי אַן אויפגעריסענער ברענענדיקער פייער־וואָלקן. שוימיקע־ברייטע כוואַליעס, קיילעכדיקע ווי די פעסער — לויפן איינע איבער דער אַנדערע, וואַרפן די שיף אַהין און צוריק; אָט ווערט זי פאַרשלונגען ביז צו די ברעגעס פון די אייזערנע קאַרניזן און אָט הויבט זי זיך ווידער אויף. און די דריי הויכע ברייטע שיף־קוימענס, וואָס שפּאַרן אונטער דעם הימל, רעווען און ברומען. די קולות לעכערן רחלס חושים, די געהירן אין קאָפּ... רויטע און בלויע קייקעלעך פליען פון קוימענס, שפּרייטן זיך אַפן בלוט־רויטן הימל, שטעכן זיך אין אים, ווי די

גינגאָלדענע קינדישע אייגעלעך, וואָס קוקן אַף איר און שמייכלען נאָכ־גיביק קלוג און פארשעמט.

פון ים האָט א גרויסער העלפאנט אויפגעטויכט און שפּייט מיט גאנצע בערג פייער. אָט איז שוין די שיף איינגעהילט אין הויכע, פייער־דיקע ווענט און בראַנדיקע שרפות, וואָס הייבן זיך ביז צום הימל. עס ברענען מיליאָנען קעפּ, וואָס וואַלגערן זיך אפן דעק — קעפּ פון אלערליי קאָלירן: שווארצע, ברוינע, בלאָנדע און רויטע — אָ׳ גאָט! צום ערשטן מאָל זעט זי א דעק פון מענטשלעכע קעפּ... א לאנגער פארשוין, א דארער, מיט הויך־שפּיציקע אקסלען ווי אייזערנע גראָב־אייזנס — אָנגעטאָן אין א שווארצן גאַלאַ־אָנצוג, מיט א הויכן שווארצן צילינדער אפן קאָפּ, מיט ווייסע הענטשקעס. ער טאנצט, העפּעט מיט א שלאנקער עלעגאנטער דאמע א פארשלייערטע אין א שווארצן טוך פון קרעפּ, און ארום דער טאַליע — א לאַנגן רויטן גארטל מיט ברענענדיקע מענטשלעכע אויגן באשטעקט. דער פּאָל פון די מענטשלעכע קעפּ, קנאקט, ברעכט זיך אונטער די שטארקע קלעפּ פון זייערע פיס, און שמאָלע פּאסן בלוט, ווי רויטע קארנאוואל־סטענגעס, הייבן זיך אויף אלץ העכער און העכער, וויקלען זיך ארום די טאַנצנדיקע, ווי ברענענדיקע שרויפן־צירן...

אָט שפּרינגט ארויס א נייַ באשעפעניש פון קעסטעלע — א פרוי, א קליינע און א קיילעכדיקע, ווי א קאבאק. דער שווערער פולער בויך הוידעט זיך איבער די קורצע קיילעכדיקע גראָבע פיסלעך, ווי אויסגעבוי־גענע נעז פון העלפאנטן. אָנגעטאָן אין א רויט־געשטרייפט קליידעלע און א לאנגן בלויען מיץ אפן קאָפּ. איר ברייטע באָדניע־נאָז ניוכעט ארום רחלען און דער פיסק מיט די צוויי לאנגע וועלפישע ציין פון פאָרנט — צעעפנט זיך ברייט ביז צו די צוויי הינטישע אויערן. זי טוט א כרוקע, הייבט זיך אויף אין דער לופטן, פּאטשט מיט צוויי שווערע הענט ווי קלאפּערס און סווישטשעט. דאָס טאַנצנדיקע פּאָרל פּאטשט איר נאָך:

— וויר איזט גוט... ווען פון מעסער שפּריצט דאָס יודען־בלוט!...

רחל רייבט זיך די אויגן, מיינט זי חלומט, אָדער איז פון זינען אראָפּ... נאָר דאָס קיילעכדיקע קאבאק ווייבל מיט די בלאָנדע קנופּן ארום מיץ, טוט א צענעם דעם פיסק און כראקעט ארויס א דאמע, א הויכע אין א ברייטע מיט רויטע לאָקן, ווי שטיקער געפרוירן בלוט ארום אנטבלויזטן ווייסן האלדז און נאקן, וואָס איז באפּוצט מיט גרויסע וויינענדיקע מענטשלעכע אויגן... די דאמע ציט אויס אומענדלעך לאנגע הענט און הייבט אויף עטלעכע פארבלוטיקטע קעפּ פון שיף־דעק, ווארפט זיי מיט אימפּעט איבערן פּאָל, וואָס טאנצט און דרייט זיך וויכערדיק צווישן מי־ליאָנען קינדישע אויגן.

אין דעם שפּייט זי אויס פון צעגאווערטן פיסק האָראָסיאָס קאָפּ, טוט אים א וואָרף צווישן די בייזע צעשוימטע כוואליעס און צעלאַכט זיך מיט טויזנט ווילדע קולות און ווידער־קולות, וואָס גליווערן רחלס בלוט טויטן זי...

די צעשוימטע, זודיקע בלוט רויטע פּעסער, הויבן זיך ביז צום הימל, זינקען די שיף, וואַרפן זי ווי אַ שפּענדל און אין רחלס אוירען האַמערט מיט נייע פאַרצווייפלטע קולות:

— ראַטעוועט! ראַטעוועט!...

זי עפנט אויף דאָס מויל, שלינגט די שווערע לופט אין שטיבל און שטרענגט זיך אָן אויפצוכאַפּן די קלאַנגען וואָס קומען פון ערגעץ ווייט, ווייט. שאָפּענס טרויער מאַרש ציט זיך ווי אַ ווינטיקער שטראַל פון יעדן אבר אירן, אַזוינע דינע און דורכזיכטיקע, ווי די פעדים פון לבנה־ליכט און זיי שפּרייטן זיך איבערן שטיבל, וויקלען זיך אַרום קנאַקעדיקן פלעמל אין גלאָז, באַשיינען דער באָבעס רוגזהדיקע בערדעלע און די הימלישע בלויקייט פון די אויגן, וואָס מאָנען: די אייעריקע האָבן אויפגעריסן די אַלטע וואונדן מיינע, זיי האָבן מיך דערהרגעט.

ווידער אַ טויטע שטילקייט, מיליאָנען פּאָר אויגן שרפען איבער איר, מאָנען עפּעס... די דריי טענצער אפן דעק פון מענטשלעכע קעפּ שטעקן אַרויס זייערע לאַנגע, לעדערנע צינגער און וואַרפן זיי אַריבער צום אַנדערן ברעג פון ים... דאָרטן שטייט אַ נידעריק פאַרשווינדל ווי אַ ברייטער פּאַס, אָנגעטון אין אַ ברייטן שוואַרצן קאַפּעליוש, פון אונטערן קאַפּעליוש שטעקן אַרויס לאַנגע הענט און צוויי ברייטע פיס ווי די שיפס־קוימענס. ער כאַפּט אָן די שפּיצן פון די אַריבערגעוואָרפענע צינגער און שפּילט זיי צו צו די קנעפּ פון זיין בוזים־קעשענע און מאַכט פון זיי אַ בריק...

די דאַמע מיט די לאָקן שפּאַנט מיט ברייטע צענומענע פיס, ווי די דרענגער. מיט אַ לאַנגן רוט טרייבט זי מחנות קליינע שול־קינדער, אָנגעטוענע אין ווייסע שול־פאַרטוכער איבער דער בריק. יאַניק, רחלס שילער, שפּרינגט אַרויס פון דער דאַמעס ברייטן, צעעפנטן קראָקאָדיל־פּיסק און צעוואָרפט אין דער לופטן טויזנטער קליינע געדרוקטע בלעטלעך... די טאַנצנדיקע כאַפּן זיי אויף, לייענען און רופן מיט בייזע קולות: שפּילט זיך נישט מיט די אידישע קינדער... הרגעט אידן און ראַטעוועט דאָס לאַנד... כאַימיטאָס אויגן — לויטערע ווי ערשטע טראָפּנס טוי — שרייען:

— לערערן! לערערן!...

יאַנוש קאָרטשאַק כאַפּט אים אַף די הענט און גייט אַוועק פאַרויס פאַר די געטריבענע שילער... די דאַמע מיט די לאָקן האָט זיך צעהוסט און אויסגעשפּיגן צען סאָלדאַטן, הויכע ביז צום הימל, מיט בלאַנדע שפּי־ציקע וואָנצעס ווי בעזימער, אַף די קעפּ גרויסע העלמס פון שוואַרצע מענטשלעכע שאַרבנס, מיט גרינע שלאַנגען־אויגן אונטער די פלאַטשיקע שטערנס און מיט גאָלדענע האַקן־קרייצן אין די שפּיצן פון זייערע נעז. זיי שטעלן אָן די געלאָדענע ביקסן קעגן יאַנוש קאָרטשאַק. ער פּרוּווט אַרונטערנעמען אונטער זיינע אָרעמס אַלע קינדער, נאָר די קינדער הויבן זיך אויף איבער די צעשוימטע בלוטיקע ים־כוואַליעס, ווערן ווייסע, גרויסע טויבן, פּאַטשן מיט די פליגל, וואָרקען, לאַכן און שרייען: לערערן, לערערן,

לערערן!...

יאַנוש קאָרטשאַק ווערט אַלץ ברייטער און העכער. די טויבן שטעלן זיך אויס אויף זיינע אַקסלען און מיט די קליינע שנעבעלעך הויבן זיי אים אויף איינעם מיט באַוויסטאַן צו די דורכזיכטיק בלויע צעשמייכלטע וואָלקנדלעך... אַלע שרייען צו איר, לאַכן און רופן:

— רחל!... לערערן, לערערן!...

רחל אינגאַנצן אַ באַגאָסענע מיט אַ קאַלטן שווייס, האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ פרעמד דערשטיקט קול, ציטערנדיק מיטן גאַנצן לייב און לעבן. זי איז אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום פענצטער. אין גאָרטן איז געווען שטיל, אַ קיל באַנאַכטיק ווינטל האָט זיך אויפגעהויבן פון צווישן די בלייכע צעווייעטע בלומען־קעפּ. געגלעט איר מיד, יסורימדיק פּנים און צעווייעט די לאַנגע שפּיצן פונעם שוואַרצן שאַל איבערן שפּיגל...

קאַפּיטל 33

„גרעטאַ איז אַנטוישט"

האָראַסיאָ האָט זיך געבאָדן. שמאָלע שנירלעך וואַסער, ווי מעטאַלענע בייטשלעך, האָבן רוגזעדיק געהאַמערט איבערן אָנגעזייפטן קאָפּ מיט צעוואָרפענע קרויזן און איבערן האַלדז און נאַקן. דער קאַלטער אימפּעט פון וואַסער האָט אים דעם אָטעם פאַרהאַקט, געטריבן דאָס בלוט אין די אָדערן און שטייף געמאַכט דאָס זינגענדיקע לייב, אַ באַדעקטס מיט אַ זייף־מאַסע ווי ערשט אויסגעשלאָגענע אייער־ווייסלעכיץ. גבורה האָט זיך געריסן פון אים, אַ כוח פון אַ יונגן איבערגעפרעסענעם אָקס.

אויף די בלוי־קאַכליענע ווענט פון באָד־צימער, באַדעקט מיט פאַרע, איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ נאָגל פון אַ פינגער: דוני און האָראַסיאָ — זיינען די שענסטע פּאָר... ער האָט פאַרדרייט דעם קראַן און מיט די ליפּן און מיט די ברייטע נאָזלעכער געבלאָזן די קליינע וואַסער־בלעזלעך פון צווישן די שוואַרצע קרייזלעך אויף דער ברייטער, געזונטער ברוסט און נחתדיק אונטערגעשפּרונגען אין וואַנע. ער איז געווען דיק און שווער. די גראָבע פאַרלאָזטע וואַנצעס, די טיפע קאַרבן ארום מויל, האָבן אים ענלעך געמאַכט צו דאָן טשיטשען. ער האָט אַראָפּגענומען פון הענגער, הינטער דער טיר, אַ גרויסן ווייסן האַנטוך, לאַנג זיך געריבן דאָס לייב און געטראַכט: אַוועק דריי וואָכן... וואָס טוען זיי דאָרט? דאָס אַלץ איז ווי אַ חלום... זאָל דאָס גיין ווי עס גייט...

דוני האָט אויפגעמאַכט די טיר און אויף די שפּיץ פון די פינגער צוגעגאַנגען צו אים, דעם באָד־מאַנטל אונטערגעטראָגן. האָראַסיאָ האָט זיך גוטמוטיק געבייזערט.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, מיידעלע?... די באַלעבאָסטע האַלט אַף דיר אַן אויג... געדענק!...

וואָרענונג איז געווען אין זיין קול. זי האָט געהאַלטן אַף אים אַ בלייך פאַרביסן פּנים, אַ בעטנדיקס, אַרום די רויטע ליידנשאַפטלעכע ליפּן האָט געצויגן אַ מעלאַנכאָליש שמייכעלע, אַ גרעניצלאָזע בענקשאַפט. אייפערזוכט האָט געבראָכן דאָס האַרץ; דער דאָקטאָר טוט אָן דער משוגענערס באָד־מאַנטל און פילט, די פּוקעס וואַרעמקייט פון איר לייב, דעם ריח וואָס פאַרכישופט אים; פאַרוואָס זעט ער נישט ווי שיין, ווי יונג זי, דוני, איז? איר פאַרלוירנקייט האָט איר צוגעגעבן קינדישן חן. אין האַראַסיאַן איז אויפ־געגאַנגען רחמנות איינעם מיטן פאַרבענקטן ניגון פון אַ פאַרלוירענעם נאַכטיגאַל, וועלכן ער הערט זינגען אונטערן פענצטער יעדן טאָג, ווען ער ליגט אַפן דיוואַן און רויכערט.

זי האָט אַ פליסטער געטאָן:

— דוני איז יונג!... מיין לייב שמעקט... פאַרוואָס וויל דער דאָקטאָר נישט...?

גרייטקייט האָט אַ שיין געטאָן אין די בליקן, שמייכל.

— מען טאָר נישט דוני פאַרלירן דעם קאָפּ... מען דאַרף נישט...

צאַנקנדיקע פייער שפּיצן האָבן אַ שרפע געטאָן אין אירע אויפגעריסענע בליקן. זי איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו זיין ברוסט, אים געקושט הייס, קרענקלעך און ווילד. ער האָט געגלעט אירע פלאַקסענע האָר און זייער שטיל געבעטן:

— גיי אַרויס פון דאַנען.. איך וויל נישט, אַז עמיצער זאָל שרייען אַף דיר.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט אַ געהיימער וואָרענונג, מיט סוד. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און געקושט די האַלב אָפענע גלאַטע, וואַרעמע ליפּן. זיך אויסגעגלייכט און געשמייכלט מיט מענערישער זעלבסט־ליבע:

— ביזט געפערלעך, גיי אַרויס, איידער גרעטאַ קומט צוריק פון גאַס... פאָלג מיך.

זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. דער קוש פון באַגערטן מאַן האָט געשטאַרקט דעם גלויבן אין די מיידלשע כוחות, דעם ווילדן באַגער אים אַרויסצורייסן פון גרעטאַס אייזערנע לאַפּעס. זי האָט האַסטיק און אָפּגע־האַקט אָנגעהויבן ריידן, מורא האָבנדיק, אַז די אַלטע וועט זי ווידער קומען רופן, ווי זי טוט כסדר ווען דוני באַדינט אים.

— דער דאָקטאָר איז אַן אַרגענטינער... איך ווייס, איר וועט מיך נישט פאַראַטן... די מויד — האָט זי שטיל געזייעט צווישן די ליפּן און אַ קוק געטאָן אין אָפענעם פענצטער מיט שרעק אין די בליקן — זי וואַשט זיך מיט זייף פון מענטשלעך לייב.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און שווער געאָטעמט.

אומגלויבן האט א ווייע געטאן אין האראסיאס בליקן. דוניא האט צוגעגעבן:

— אויך איר דאקטאר, וואשט זיך מיט אזא זייף...

דער דאקטאר האט בייז די ברעמען צונויפגעצויגן און א בורטשע געטאן:

— גיי ארויס פון דאנען!... איך האב פיינט אינטריגעס, דוניא.

זי האט געשאקלט מיטן קאפ אף ניין און געווארנט מיטן ווייזפינגער:

— דוניא איז נישט קיין ליגנערן. דער דאקטאר טאר מער נישט בלייבן דא, איך שווער דאס אייך.

זי איז אנטשוויגן געווארן, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים, א שטומע און אראפגעזעצטע מיט פחד אין די אברים פאר האראסיאס כעס. ארויס פון באד־צימער.

געפרעסטע שטילקייט האט זיך אפגעזעצט ארום אים. פון יעדן זייפן־בלאז אף די פיס און אף די ווענט פון דער וואנע איז פלוצים אויפגעשוואומען א מענטשלעך אויג, א שטראפנדיקס... און זיי פליען ארום אים ווי ברענענדיקע קייקעלעך, בריען דאס לייב, בראטן אוים לעבער אף דער ברוסט, דרינגען אריין אין הארץ און שרפען, פייניקן, דערשטיקן אים צום טויט....

ער האט גענומען אין האנט א שטיקל זייף, דאס באקוקט מיט אימהדיקע בליקן, צוגעטראגן צו דער נאז, געשמעקט, געצויגן מיט די ברעמען און מיט אלע כוחות געטריבן פון זיך דעם חשד. ער האט אנגעטאן דעם באד־מאנטל, אריינגעשטעקט די פיס אין א פאר גרויסע הילצערנע שיך און איז אוועק אין זאלעכל, זיך אויסגעצויגן אפן דיוואן און פארויכערט א ציגאר. צוויי ציי געטאן און אים גלייך אויסגעלאשן און ארויסגעווארפן אין דרויסן. ער האט איינגעשטאכן די בליקן צווישן צעשוימטן בלויען ביימער צוויט אונטערן אפענעם פענצטער און די אומרו אין אים האט ווידער א שטורם געטאן. פון יעדן בלעטעלע איז פלוצים געווארן א בלוי קינדיש אייגעלע, א מילדס און חכמהדיק צעשמייכלטס. זיי האבן זיך געבוקט צו אים, געגריסט: א גוט מארגן האראסיא... וואס אזוי שפעט?

מיר שפילן זיך באם טייך — — — — ווי שיין עס איז דער צוויט — — — —
ווי שיין עס זיינען די רויזן און די ביימער... מיר האבן ליב דעם דאקטאר...
ער היילט אונדז, האט אונדז ליב... יא, יא! כא, כא, כא!....

ער ווערט צעטומלט, דאס פנים קרימט זיך, די ליפן ציטערן. און די אייגעלעך פאלן צו צו אים, ווי בלויע און רויטע פייער־פונקען און בריען דאס לייב ביזן מארך פון די ביינער. דוניאס קול איז צו אים דערגאנגען, א בעטנדיקס: — פארלאז מיך נישט, ליבסטער. די איינזאמקייט שרעקט מיך... די בענקשאפט נאך דיר וועט מיך טויטן... דיין בליק פארפאלגט מיין מיידלשן לייב... דו מוזט נאר מיינער זיין, אז נישט וועט דאס קאלטע מעסער זיין פאר אונדז, די לעצטע שיכרות, די לעצטע שפיל.

ביזט דער הימל און די ערד... ביזט דער הירש, ביזט די שאַרף פון שווערד... ביזט דער שטורעם פון ים; דער גן עדן און דער גיהנום... מאַך מיך פאַר דיין ווייב, אז נישט וועל איך אַ שלאַנג ווערן... וועל דיך סמען, רערשטיקן...

די וואַרענונג, איר אומגעצוימטער צאָרן איז אים געווען אַ לאַסט. חרטה געהאַט אַף זיין נאַכגיביקייט. דער כעס האָט אַ רודער געטאָן אין אים. די דאָזיקע, זי איז אַ געפערלעכע... שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ אַף צו שטילן איר תאווה... איר אַרט איז צווישן אונטערוועלטניקעס. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס, אָנגענאָמען אַ גלעזל קאָקטייל און דאָס מיט איין שלינג אויסגעטרונקען. אַ פרעך שמייכעלע האָט זיך צעווייעט אַרום די ברייטע וואָנצעס און בלויע רויכלעך האָבן זיך צעוויגט אין די אויגן: ער וואָלט איצט וועלן האָבן גרעטאַ — זי איז קלוג... מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי ווייסט נישט, אַז ער האָט אַ אידישע כלה. יאָ, רחל מוז ליידן, שטאַרק ליידן! שולדיק זיינען די אַלטע לייט... זאָלן זיי וויסן וואָס הייסט שלאָגן אַ זון אַ דאָקטאָר!... אים אָנרופן מיט די געמיינסטע נעמען. ער וועט שוין מאַכן, אַז זיי זאָלן וויסן זיין נייעם אַדרעס. צו די פיס וועלן זיי אים פאַלן. אַזאַ שלעפּער! שיכור! די מאַמע און רחל זיינען אים אַ שאַד...

שרעק האָט אַ צאַפּל געטאָן אין די אברים. ווי אַזוי וועט ער ווידער לעבן אין יענעם שווארצן ווינקל? אַלץ קלאָגט און וויינט... און רחל? וואָס איינגנטלעך איז צווישן זיי פאַרגעקומען? אפשר איר שרייבן אַ בריוו, אויפקלערן דעם אמת. זי וועט אים פאַרשטיין: גרעטאַ איז זיין אויס־דערוויילטע... זיין פּאַרטנערשע. ער וועט נעמען גרעטאַ צו זיינע טאַטע־מאַמע, וועט זי אַרויסנעמען פון דעם דאָזיקן משוגעים־הויז, זי געזונט מאַכן.

ער האָט זיך אַ ווײַלע דערפילט רואיקער. אַ באַפרייטער פון אַ שווע־רער לאַסט, פון אומבאַשטימטקייט. וואָס האָט אים די לעצטע וואָכן גע־פייניקט אַפן גרויזאַמסטן אופן. ער האָט אָבער באַלד דערפילט אַף זיך רחלס שווארצע פרומע אויגן, דאָס דורכלויכטיק־בלייכע פנים, אַ מידס און פאַרבענקטס. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן צו די שלייפן און אַ נאַגעדיקע פיין, בענקשאַפט האָט געדריקט דאָס צאַפּלדיקע האַרץ. ער האָט שווער געאָטעמט, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אָנגעפילט דאָס גלעזל און ווידער אויסגעטרונקען... זיך געוועלט קענען איינענער מאַכטלאָזיקייט: רחל איז נישט זיין געווינטשטע פּאָר... איז קרענקלעך־טרויעריק... דער משוגענער באַבעס ווירקונג. זי וויל גאַרנישט שטאַרבן, די אַלטע... — רחל איז צו ראָמאַנטיש... גריבלט זיך צופיל אין יעדער געשעעניש, פאַרביטערט אים דאָס לעבן... גרעטאַ איז אַ הייסע „זי", ליבט אַלע ערדישע פאַרגעניגנס — האָט אין אים אַנטפּלעקט דעם זכר... — טרעפט דען נישט, אַז אַ אינגל מיט אַ מיידל רייסן איבער די פריינט־

שאפט — האָט דער ברענענדיקער באַגער נאָך רו געטרייסט דעם צעווייטיקטן און שולדיקן געוויסן... ער וועט אַליין שמועסן מיט רחלען. זי וועט זיין גליקלעך מיט זיין גליק... וועט אַלץ פאַרגעבן — — — — אָרעמע, אָרעמע...

פאַרוואָס זאָל זי נישט חתונה האָבן מיט באָריסן? אַ פּאָרל פון גאָט! ער ליבט זי, דער טרוימער... ער ליידט... ביידע וועלן גאַנצע טעג קענען זיפצן און וויינען אויף דעם אומגליק פון אידישן פאָלק... זיך שרעקן, אַז די וועלט וועט אונטערגיין...

אייפערזוכט האָט פּלוצים אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין האַרץ, געפּייניקט זיין מענערשע אייגנליבע: וואָס, זיין רחל וועט געהערן אַ צווייטן? האָט ער זי דען נישט אויסגעכאַוועט אויף זיינע הענט. וועט אַ צווייטער קוקן אין די סודותדיק שוואַרצע אויגן אירע, וואָס לייטערן זיין געמיט? וועלן אירע שמאָלע קינדערשע הענט צערטלען אַן אַנדערן? ניין!... רחל איז זיינע — אַ שטיק פון אים אַליין!... אים איז מיטאַמאָל ענג געוואָרן אין ברוסט־קאַסטן. צאָרן האָט אַ ברען געטאָן אין די אברים: וואָס טוט זיך דאָ מיט אים?... קען ער דען לעבן אין אייביקן טרויער?... אין טרערן מיט תרעומות, אַ? איז ער משוגע? גרעטאַ איז פול מיט לעבן... זי וועט ווערן אַ שטיק פון אים. ווען אַ פרוי האָט אויסגעפונען אין אַ מאַן אַלץ וואָס זי וויל, וועט זי אים נאָכגעבן... גרעטאַ וועט קענען לעבן שטיל און באַשיידן... זי וועט אים נאָכגיין...

...נאָר איינער, ווער הייסט דיך איבערייסן מיט איינער פון דיינע כלות?

— שרייט די צעפלאַקערטע הפקירות און די צעפּיעסטעטקייט וואָס ליגט אין מאַרך פון די ביינער — רחל וועט זיין דיין געזעצלעך ווייב... גרעטאַ — דיין געליבטע...

ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און זיך מיט אַמאָל באַרואיקט. מידער שמייכל האָט געוויינעט אַרום מויל, בענקשאַפט נאָך פרייד... ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. אַ קיל מחיהדיק ווינטל, אַ באַשמעקטס מיט פרישקייט פון טייך איז אַריינגעפאַלן דורכן פענצטער. ער האָט באַגאָסן מיט פּערפיום די אויסגעלייגטע קרויזן און אַ געשטרעק־טער מיט אַ פרעך שמייכעלע אַרום די וואָנצעס, אַרויס אין דרויסן. גרעטאַ איז אים אַנטקעגן געקומען, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן ספּאָרט אָנצוג, מיט אַ בלוי־שפּיציק היטעלע אויפן קאָפּ, ווי אַ שקאָרמיץ. ער האָט אַרויסגענו־מען צוויי פּעקלעך פון אירע הענט, זיי אַוועקגעלייגט אויף דער שטיינערנער באַנק אין גערטנדל און אַריינגעשמייכלט אין איר פריש, פאַרפלאַמט פּנים:

— קום, ליבסטע, מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן גאָלדענעם האַנט־זייגערל:

— ס'איז באַלד מיטיק־שעה.

— ס'מאַכט נישט... די מוטער וועט וואַרטן.

מילדקייט איז געווען אין זיין קול, פּשטות. ער האָט זי אַ נעם גע־טאָן אונטערן אָרעם און צוגעפירט צום אויטאָ באַם טראָטואַר. דוניאַ איז

געשטאַנען צווישן די צווייט־ביימלעך און מיט בלויע פלעמלעך אין די אויגן זיי נאָכגעקוקט. ווייטיק און בלוטדורשטיקע נקמה האָט אויפגעפלאַמט אין איר. האַראַסיאַ האָט מיט איין האַנט ארומגענומען גרעטאַן און מיט דער אַנדערער געהאַלטן דאָס רעדל פון אויטאָ.

— זעסט, מיידל, — האָט ער אריינגערעדט אין דער ווייטקייט — ווי גיך איך האָב מיך אויסגעלערנט פירן אַן אויטאָ. האָסט דיר דאָס נישט געגלויבט...

נאָך דער בריק אונטער דער הויכער באַן־ליניע האָט ער אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און אַראָפּגענומען די בינדע פון קאָלנער, געווישט דעם שוויים פון פּנים און אָפּגעאָטעמט פרייער, אויפגעהויבן די אויגן צום הירש, אפן בערגל, אונטער א ברייט בוימל און אים לאַנג באַטראַכט. די קני פון די פעדערשטע פיס געבויגן אַף ארויף. דער קאָפּ, די שטאָלצע הערנער — צום הימל פאַריסן, ווי צום פליען צו די וואָלקנס. שטיקער שרפעדיקע זון האָט זיך געשאָטן פון דעם צעפראַלטן הימל. א היץ וואָס האָט דעם אָטעם געשטיקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז א סך מאָל איז ער מיט רחלען געזעסן אַף יענעם בערגל אונטערן הירש און געלייענט מארטין פיערא, אָדער די פערזן פון אלמא פוערטע.

גרעטאַס בליקן, אומפאַרשטענדלעכע, האָבן זיינע נאָכגעפאָלגט און מיט אָנגעבלאָזענע גראָבע באַקן געבורטשעט צווישן די צונויפגעצויגענע ליפּן:

— פאַרוואָס, האַראַסיאָ, שטעלסטו יעדן טאָג אָפּ דעם אויטאָ פּונקט קעגן דעם דאָזיקן אייזערנעם מאָנסטער?

— ווייל מיר געפעלט אַזוי... באַלד וועסטו מיך פרעגן נאָך וואָס איך אָטעם, נאָך וואָס איך לעב...

אין דעם האָט זיך רחל אויפגעהויבן פון אונטערן בערגל, זייער בלייך און שטום, אָנגעטאָן אין א שוואַרצן מענטעלע, מיט א שוואַרץ קיילעכדיק היטעלע, געקוקט ארום זיך מיט צעשטרייטע בליקן און קיין זאַך נישט געזען. האַראַסיאָ האָט א ציטער געטאָן און נישט געקענט אָפּרייסן פון איר די בליקן. גרעטא האָט ארויפגעלייגט אירע פינף פינגער אפן ראָד פון אויטאָ, א קוועטש געטאָן מיטן רעכטן פוס דעם טרעטער. א ווילדער רעווע ווי פון א זינקנדיקע שיף האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פייפן און סאָפּען פון א לאָקאָמאָטיוו און דער אויטאָ האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס.

רחל האָט אויפגעצאַפּלט. די אויגן, ווי צוויי שוואַרצע קלאָגליכט, האָבן נאָכגעפאָלגט דעם גרויען שטויב־וואָלקן. דאָס רעווען איז איר אויסגעקומען באַקאַנט.. האַראַסיאָס צעפלויגענע קרויזן האָבן איר געשווינדלט פאַר די אויגן. זי האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט אפן גראָז און פאַרזונקען געוואָרן אין אירע מחשבות.

אַף דער ברייטער אוועניִדא אלוועאַר, באַם זוים פון וואַלד, האָט גרעטא אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, אָנגעשטעלט אַף האַראַסיאָן א גלייכגילטיק פּנים און די קאַלטע גרויקייט פון די אויגן.

— אט אזוי מוז מען פירן אן אויטא... פארשטאנען?

הארסיא איז געוועזן בלייך און צעררודערט. די ליפן האבן זיך געקרימט. זי האט ארייגענומען דאס קלענסטע פינגערל צווישן די ציין און קאקעטיש געביסן דעם לאנגן רויט־געפארבטן נאגל, אונטערברומענדיק שטיל:

— האסט געזען דארט יענע אידן־מויד? אפילו אף זייף טויג זי נישט. א בינטל ביינדלעך...

זי איז אנטשוויגן געווארן, א סארקאסטישן לאך געטאן, אויסגעשפיגן, אריבערגעטראגן די בליקן צו די צעצווייגטע פלאכטעס פון די ווערבע־ביימער אין וואלד און אונטערגעסווישטשעט: „וויר איזט גוט, ווען פון מעסער עס רינט דאס יודען־בלוט”.

הארסיא האט געסאפעט דורך די צעשפרייטע נאזלעכער און דער צארן האט געברומט. געריסן שטיקער פון יעדן אבר. די קינבאקן האבן זיך געשטייפט. א ריח פון געסמאליעטע ביינער האט אים פלוצים א זעץ געטאן אין דער נאז. דאס מויל האט זיך יסורימדיק געקרימט. ער האט זי א נעם געטאן פארן ארעם. זי האט אויסגעדרייט צו אים דאס פנים, א קאלטס, און אים דורכגעבויערט מיט שטאלענער הארטקייט פון אירע גרויע אויגן.

— ווער, גרעטא, האסטו געזאגט, טויג נישט אף זייף? און מיט וואס פארא זייף וואשסטו זיך?

צודרינגלעכקייט איז געוועזן אין זיין קול. זי האט אומשולדיק די אקסלען געהויבן:

— וואס האט דער דאקטאר אזוי מורא פאר איר, א?

פארוואונדערונג איז אויפגעגאנגען אין אירע בליקן, אומפארשטענדלעכקייט. זי האט ווידער אנגעהויבן בייסן דאס געפיצטע נעגעלע און אונטערגעברומט:

— מיט מענטשן־זייף, מיט יודען־זייף!...

ער האט זי דורכגעבויערט מיט די געצונדענע בליקן און געמיינט, אז זי רייצט אים. זי האט אויפגעמאכט דעם גרויסן, ווייסן האנטבייטל, ארויסגענומען א שמאל שטיקל זייף מיט אן אויפשריפט:

„יודען־זייף. דויטשע פראדוקציע.

ער איז געבליבן מיט אן אפן מויל. פראסטיקע ווינטלעך זיינען אומגעלאפן אין די ביינער; געגליווערט אין אים דאס בלוט, צעשרויפט די נערוון. באליידיקונג האט זיך געבלייזט ארום גרעטאס ליפן. חוזק... זי האט ברוגזלעך א זייע געטאן צווישן די ציין:

— אין אונדזער רומרייכן פאטערלאנד מאכט מען מיט דעם דאזיקן גאנגבארן ארטיקל גלענצנדע געשעפטן... אויך דא וועלן מיר די דאזיקע פראדוקציע פארשפרייטן...

אנטשוויגן געווארן און האט צוגעטראגן צו דער נאז דאס שטיקל זייף, גוט ארומגעשמעקט און באלד צו הארסיאס נאז צוגעלייגט און ווי־

דער אַנגעהויבן ריידן, רואיק און זאכלעך, ווי א געניטער געשעפטסמאן:

— אז דו וועסט ווי געהעריק אפשאצן אונדזער גרויסקייט, וועסטו ווערן דער ערשטער אויפזעער איבער די פאבריקן פון דער דאזיקער פראָדוקציע... אויך דעם דאקטארשן טיטל וועל איך פאר דיר באלד שאפן.

האראסיא האט געקוקט אויף גרעטאן מיט גרויסע, פארגליווערטע אויגן און זי איינגאנצן נישט פארשטאנען. ער האט געמיינט, אז זי איז משוגע אדער רעדט פון היץ. א אינסטינקטיווער עקל איז אויפגעגאנגען אין איר, שרעק. אלע פולסן האבן געהאמערט, זיך געריסן אין דער וועלט ארויין: אנטלויפן, אנטלויפן...

זיינע הענט האבן זיך אליין געהויבן צום טירל, דאס א צעפראל געטאן און דער אימפעט האט אים ארויסגעריסן פון אויטא, אים געטראגן אלץ ווייטער און ווייטער.

זי האט א כאפ געטאן דאס רעדל פון אויטא און אים נאכגעיאגט, ארויסגעכאפט פון בוזים קעשענע א קליינעם געלאדענעם רעוואלווער און אפגעפייערט איין קויל נאך דער אנדערער. ער איז א געבויגענער געלאפן צווישן די גראבע פלאכטע ביימער, די צווייגן האבן אים געשמיסן איבערן פנים, געריסן די צעפלויגענע ווילדע קרויזן און מיליאנען מענטשלעכע אויגן, איינגעפאסט אין ווייס בלויע זייפנבלאזן האבן זיך געשיט איבער אים. יעדער צווייג איז א לאנגע מענטשלעכע האנט געווארן, א קאלטע און אויסגעדארטע, א דראענדיק שטרענגע, וואס האבן זיך געקלאמערט ארום אים ווי אייזערנע רייפן...

קאפיטל 34

דער וועג צו זיך...

רחל האט אלץ געקוקט אפן אייזערנעם הירש און זיך דערמאנט אין יענע גליקלעכע זונטיקן, ווען האראסיא מיטן טאטן האבן זי געפירט שפאצירן. א סך מאל געבראכט אהער. זי ארויפגעזעצט אפן הירש און געחייסן שרייען: איקא פערדעלע, פאר, פאר... זי האט געפאטשט מיט די הענטעלעך אין דער לופטן, געקלאפט מיט די פיסלעך איבער די אייזערנע באקעס און זיך געפרייט. אן אייביקייט איז געשטאנען הינטער איר. צעשרפעטע שטיקער זון, ווי בלוטיקע לבנות אין בלויע זילבערנע רייפן געפאסט, האבן זיך געבראכן איבער אירע געבויגענע פלייצעס, ארום פארשעמטן קאפ. צוויי קליינע, בארוועסע ציטונגס פארקויפער, שטייענדיק-נעבן א בוים האבן געקוקט אויף איר און זייער שטיל גערעדט:

— אַלע טאָג קומט זי אַהער... ווייזט אויס, צוליב אַן אַנגענעמען אָנדענק...

— זי פּילט גאָרנישט די היץ, פון גאַנץ פרי אָן זיצט זי צווישן די קוסטעס, צווישן אַ באַרג מיט שטיינער. אָרימע, זי וועט קראַנק ווערן...

— זי וועט משוגע ווערן...

— מעגלעך...

— זעסט נישט אירע אויגן? ווי שרעקלעך...

— אפשר וויל זי דאָ באַגיין זעלבסטמאָרד?...

— ווער ווייסט זי? פאַרליבטע זיינען נישט באַם קלאָרן פאַרשטאַנד...

רחל האָט אויפגעכאַפּט די דאָזיקע ווערטער. זי איז געקומען צו זיך. זיך אויפגעהויבן. דער שניידנדיקער ווייטיק איז געוואָרן טעמפּער. עס איז אָנגעלאָפן אַ באַן, אַ שאַרפן קוויטש געטאָן, און די שווערע, אייזערנע באַן־שינעס האָבן רציחהדיק, מיט האַרטנעקיקער ציינקריצעניש געשפּיגן מיט רויטע און בלויע פייער־פונקען איבער די שווערע רעדער, וועלכע האָבן מיט אַ טיפן ברום געהאַמערט: זעלבסטמאָרד, זעלבסטמאָרד, זעלבסטמאָרד...

די פיס האָבן רחלען אוועקגעפירט צו דער ברייטער אוועניראַ. דאָס הייסע אימפּעטיקע ווינטל האָט געשוימט און געשויבערט אירע לאָקן, זי מיטגעריסן און געטריבן אַלץ ווייטער. די וועלט, דאָס אייגענע צעטרעטענע און פאַרשעמטע לעבן, איז ווי אַ שווערע לאַסט געלעגן אויף די שוואַכע פּלייצעס. פּוסטקייט ווי פון אַן אָפענעם קבר האָט געווייעט אין האַרץ. זי האָט מער קיין כוח נישט געהאַט צו ליבן די געפּייניקטע און גערעכטע, האַסן די פאַרדאָרבענע.

אויטאָס האָבן זיך געגליטשט איבערן אַספאַלט. זי האָט מעכאַניש אויפגעהויבן אַ האַנט, אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ, אַריינגעפאַלן אין אים איינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטע, זיך געהייסן פירן צו דער שולע.

בעטי איז איר אַנטקעגנגעקומען, אַ ברייטע און טרויעריק צעשמייכלטע. זי אַריינגענומען אין די געטרייע, מאַמעשע הענט, געקושטביידע באַקן און גערעדט דורך פריידיקע טרערן:

— האָסט גוט געטאָן... האָב אים נאָר באַדאַרפט פריער צו־וויסן געבן. „ער”, נו, פאַרשטייסט, — קום דערווייל צו מיר... מאָרגן וועט „ער” דאָ נישט זיין...

רחל האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. זיך געלאָזט פירן צווישן צוויי רייען ברייטע, אונטערגעשוירענע ביימלעך. די אויגן, ווי צוויי צאַנקנדיקע קנויטן, האָבן געלויערט, זיך געלאָשן איבער די געבויגענע קעפּ פון אירע שילער. ס׳ע האָט געווייעט אויף איר מיט פרעמדקייט, דערפילט אויף זיך דעם לערערס שפּיציקע בליקן, אַנגענומען מיט האַס. בעטי האָט איר אַריינגערעדט אין פּנים:

— מאָרגן אינדערפרי, קינדעלע, וועט דיין פּאָסטן זיין פריי... דער לערער איז אַ האַרציקער מענטש... פאַרטרעט דיך ציטווייליק...

רחל האָט זיך שווייגנדיק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איס און זיך געלאָזט גיין צוריק. דיאַנאַ איז געשטאַנען באַם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון איר קלאַס און איר נאָכגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן, נייגעריקע. בעטי האָט זי ווידער אַרומגענומען, אַריינגערעדט אין פֿאַרשטיינערט געוואָרענעם פּנים:

— מיר אַלע וואַרטן אויף דיר... נעם זיך אַריין אין די הענט...

דיאַנאַ, אַ צעוויגטע ווי אַ גרינע פּאַלמע, איז איר נאָכגעלאָפֿן, זי אַרומגענומען:

ביזט שוין געקומען אַרבעטן? ווי גוט!... רחל, נעם זיך אַריין אין די הענט...

רחל האָט אויפֿגעהויבן צו איר די בליקן, שטוינענדיק שטומע און זיי באַלד אויף בעטין איבערגעטראָגן. אַ ווײַלע געטראַכט, זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן און אַוועק. בעטי האָט פֿאַרבראָכן די פֿינגער פֿון די הענט און שווער געזיפֿצט:

— דאָס קינד איז געוואָרן אויס מענטש, אָרעמינקע... וואָס זאָל איך טאָן פֿאַר אירעטוועגן, וואָס?...

רחל האָט ווידער אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ און זיך געהייסן פֿירן צו דער תּפֿיסה אין ווישאַ דעוואָטאַ. באַ דער תּפֿיסה איז איר אַנטקעגנגעקומען אַ שוואַרץ־הויטיקער סאָלדאַט, מיט הייסן שימער אין די שוואַרצע מאַנדל־אויגן, מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. אומצוטרוי האָט געווייעט פֿון אים, באַפֿעל:

— כ׳האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, פֿרײַלן, אַז אייער טאַטע איז דאָ נישטאָ. זי האָט געהאַלטן אויף אים דאָס פּנים אַ גלייכגילטיקס, ווי די געהירן אין קאָפּ וואָלטן געלייממט געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן צו די נעז פֿון זיינע שווערע סאָלדאַטסקע שיך און פֿאַרלוירן געשטאַמלט:

— ערן־וואָרט, פֿרײַלן, איך מיין נאָר אייער טובֿה... אומזיסט פּייניקט איר זיך... מען האָט זיי אַרויסגעפֿירט פֿון דאַנען..

געהיימניספֿולקייט איז געווען אין זיין קול און טיפֿער מיטגעפֿיל. אירע בליקן האָבן געגליווערט איבער די באַגראַטעטע פֿענצטער. שטומע פֿאַרביסנקייט האָט געגרוט אַרום די הויכע, שטיינערנע ווענט, עלנט. די פֿיס האָבן זי אַוועקגעפֿירט ווייטער. זי האָט אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ און באַפֿוילן דעם שאָפֿער:

— צו פּאַלערמאָ!

אויף דער ברייטער אַווענידאַ אַלוועאַר האָט זי באַצאָלט דעם שאָפֿער; איז אַרויס פֿון אויטאָ און זיך געלאָזט צום קליינעם פּאַלערמאָ־„טייך". רוואַרקייט איז אויפֿגעגאַנגען אין איר, טרייסט. אַלפֿאָנסינאַ סטאָרני איז געשטאָרבן אין די וואַסערן פֿון מאַר דעל פּלאַטאַ; יענע האָט געלעבט שיין און איז געשטאָרבן שיין!... אוי ווי גוט, שוין, שוין, אוי גאָט!...

דער „טייך" איז געשטאַנען אַ רואיקער, אַ באַדעקטער מיט פּערלמו־

טענע קנייטשן. מיט שמעקעדיקער קילקייט. די צעווייגטע קעפּ פון די הויכע ווערבע־ביימער אַף די אַרומיקע בערגלעך, האָבן זיך געשפּיגלט אין דער גרינער טיפקייט פון די וואַסערן. רחל איז געזעסן אַף אַ שטיין, באַם זוים פון טייך; די הענט אַרום די אויפגעשטעלטע קני פאַרפלאָכטן און געקוקט מיט ציללאָזע בליקן אין דער אומענדלעכקייט אַריין. נעבן שטיין איז צו אַן אַלטן געזונקענעם בוים, צוגעאַנקערט געווען אַ קליין צעבראָכן שיפל. עלגט און פאַרלאָזנקייט האָט פון דעם געווייעט, ווי פון אַ געראַטעוועטן קאַפּיטאַן פון אַן ערשט אונטערגעגאַנגענער שיף. באַם אַנדערן ברעג, איז באַ אַ הויכער, הילצערנער בודקע געשטאַנען אַ מאַטראָס מיט אַ ביקס אַף די פּלייצעס און געלויערט מיט די אומצוטרויִלעכע בליקן איבער רחלס געבויגענעם קאָפּ. ער האָט מיט ברייטע בייזע שפּאַן זיך אַ לאָז געטאָן צו איר. מיט די שפּיצן פון די פינגער באַרירט איר רעכטן אַקסל:

— פריילן, מען טאָר נישט זיצן אַזוי נאָענט באַם וואַסער...

— זי האָט אויסגעדרייט צו אים דאָס פּנים און פאַרטראַכט געענטפערט:

— אַזוי?... גוט, גוט... וועל איך אַוועקגיין!..

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק צווישן די ביימער, אויסגעשטעלטע ווי גלייכע פּלויטלעך אַרום גרויסע בענק פון פיל־קאָלירנדיקע שטיינדלעך, זיך אַוועקגעזעצט, אַרויסגענומען פון האַנט־בייטל אַ קליין נאָטיץ־ביכל מיט אַ בלייפעדער און אָנגעהויבן פאַרצייכענען.

„טאַטע זיי מיר מוחל, כ׳בין געווען שלעכט צו דיר און צו דער באָבען — שלעכט צו מיין פאָלק... כ׳האָב געוואָלט לעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיין גליקלעך. איצט האָב איך פּלוצים געעפנט די אויגן... איך קאָן נישט לעבן אין אַ וועלט פון שקר... איך שעם זיך צו לעבן אין אַ וועלט פון מערדער און געמאָרדעטע... דאָס אומשולדיקע בלוט פון מיין פאָלק וויינט אין מיר... איך האָב מער נישט ליב די מענטשן און נישט די וועלט... איך גלויב מער קיינעם נישט... אַלע האָבן מיך געפּייניקט און דערנידעריקט, געזויפט דאָס בלוט פון דער אידישער טאָכטער... מיר דאַכט זיך — איך לעב אין אַ שעכטהויז... פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געלערנט האַסן? ווער איז דיין מענטשהייט, וועלכער דו האָסט מיך געלערנט ליבן?

אויך דיך האָט מען געפּייניקט, ווייל דו ביזט אַ איד... איך וויל נישט ברענגען קיין דורות אַף דער וועלט, קיין קרבנות... מיר פעלט דיין גלויבן און דיין אויסדויער. קיינמאָל בין איך נישט געווען אַזוי נאָענט צו דיר מיט דער באָבען, ווי איצט... אייערע נשמות זיינען מיינע!..

דיין רחל".

זי איז געוואָרן אומרואיק. דורכגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע און געפילט, אַז נישט דאָס האָט זי געוואָלט דערציילן דעם טאַטן. עפּעס נישט דערזאָגטס איז אין איר געבליבן... צונויפגעלייגט דאָס בריוול און אַריינ־

געלייגט אין האַנט־בייטל. דער מאַטראָז האָט זיך באַוויזן.

— גייט אַוועק פון דאַנען, פרייַלן, די זון שלאָגט אייך איבערן קאָפּ...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק צום גרויסן פּאַרק „טרעס דע פעברעראָ". דעם מאַטראָז ערנסטער בליק איז איר ווי אַ געטרייער שומר נאָכגעגאַנגען:

— באַ מיר וועסטו הייַנט לעבן־בלייבן! אַרעמע!...

די זון האָט געשרפהט, געשיט איבער די ביימער רויטע גאָלדענע טאַצן. טויטע שטילקייט האָט געשוועבט אַרום די בענק. עטלעכע שוואַרצע דינסטלעך אין ווייסע פאַרטוכער, זייַנען געשטאַנען אַרום בערגל זאַמד, אַרומגענומענס מיט ברעטער און געהיט זייערע באַלעבאַטימס קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט.

רחל האָט זיך אַרייַנגעשלייכט צווישן עטלעכע קנופּן געהויקערטע, באַ דער ערד צעוואַקסענע ביימלעך, דאָרט איז געווען שטיל ווי אין אַ וואַלד; דאָס גראָז פריש באַגאָסן און טונקל־גרין, ווי אַ ווייכער טייערער סאַמעט. זי איז שטיין געבליבן פאַר סאַרמיענטאָס מאָנומענט. אויף די לאַצן פון פראַק, אויפן פּנים און אויף די הענט — איז געווען אָנגעשריבן מיט שוואַרצן אַלקיטראַן: אַ טויט סאַרמיענטאָן!.. זאָל לעבן ראָסאַס!.. זאָל לעבן היטלער!..

רחל האָט דערפילט אַ היץ איבערן לייב. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן האַמערן. פון די אָפּגעטעמפּטע נערוון האָט זיך פּלוצים אַ ריס געטאָן אַ דערשטיקטער קרעכץ. אַ שרעקלעכער האַס צו די שענדער פון באַליבטן פּראָפעסאָר. זי האָט אַרויסגענומען אַ זייַדן טיכעלע פון האַנט־בייטל, דאָס אייַנגענעצט אין קליינעם וואַסער־פאַל צווישן די ביימלעך און אָנגעהויבן אָפּוואַשן די פלעקן, אַרייַנרייַדנדיק אין פּראָפעסאָרס פּנים:

— גרויסער לערער, איך וועל דיך אָפּהיטן. נישט לאָזן די שונאים פון פאָטערלאַנד זאָלן דיך פאַרשוועכן. פאַרוואָס פייַניקן זיי אונדז? בין איך דען ערגער פון די חברטעס מייַנע?.. ענטפער מיר לערער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די ליפּן זייַנע האָבן זיך באַוועגן און שטיל געפּליסטערט „אַלמאַ פוערטעס" ווערטער: „ברידער, זייט איינמאָל אומבאַשיידן צו האַלטן זיך אַלס מער מענטש פון אַ בעסטיע"...

אירע בליקן זייַנען געוואָרן ברייטער, אַ שייַן פון לעבן האָט אין זיי אויפגעטויכט — זי האָט ווייטער גערעדט:

— זיי האָבן באַ מיר צוגענומען מייַן נשמה... דער גוף איז טויט... קען מער נישט איבערטראָגן אַזוי פיל פּייַן. פאַרוואָס, גרויסער לערער, קומט דאָס מיר?... ווי עלנט איך בין!..

אין דעם איז ניקאָלאַס מיט האַנסן אָנגעקומען. האָבן אַ וואָרף געטאָן צוויי שטינק־באָמבעס אויפן מאָנומענט.

רחל האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיי. זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיצן פון די פינגער, איז געוואָרן ברייטער, העכער: מיט די צענומענע פּאָלעס פון מאַנטעלע, מיט איר אויפגעצאַפּלט לייב

און לעבן — פארשטעלט דעם מאנומענט. א ברוינדער כוח איז אויפגעגאנגען אין איר. זיך צעצונדן אין די בליקן. א ווײלע איז א טויטע שטילקייט געהאנגען איבערן פארק. זי האט קיינעם נישט געזען. די ליפן האבן זיך באוואויגן:

— פארעטער!... נאציס!...

האנס און ניקאלאס, פארשטעקטע הינטער די קוסטן, האבן געקוקט אף איר מיט שפיציקע בליקן, אנגענומענע מיט האס. עס איז ווידער א פאל געטאן א שטינק־באמבע, זיך צעריסן אף רחלס פנים. ריטשקעלעך בלוט האבן איניינעם מיט דער גרינער קלעפיקייט אראפגערונען אפן מאנטל. טויטע בלייבקייט האט זיך געשניטן ארום ציטערדיקן שטומען מויל. זי האט זיך נאך העכער א שטעל געטאן אף די שפיצן פון די פינגער און דאס בלוט אין איר, די באליידיקטע ווירדע האט א ברום געטאן:

— איך וועל נישט אוועקגיין פון דאנען, גרויסער לערער... ביידע זיינען מיר פארשוועכטע און פארפאלגטע..

עס האבן זיך דערטראגן קולות:

— הערט איר שטערבלעכע דעם הייליקן רוף: פרייהייט! פרייהייט! פרייהייט!

דער פארק האט א געשריי געטאן מיט לעבן, מיט אימפעט און מיט גלויבן אין א נייעם דור, א געזונטן. רחל א צעטומלטע, האט זיך ארויסגערוקט פון צווישן טומל, ווישנדיק די שטראמלעך בלוט, וואס האבן פון דער נאז גערונען.

ס'זיינען אנגעלאפן האנס און ניקאלאס און נאך זיי עטלעכע פאליצייליט, זיך געווארפן מיט ווייסע פאליציי שטעקלעך און אייזערנע הענטשקעס, געהאגלט מיט קלעפ איבער די קעפ און פנימער פון דער דעמאקראטישער יוגנט ארום מאנומענט.

קעגנערישע גרופעס האבן זיך געוואלגערט אפן גראז, געביילט מיט פויסטן, געסאפעט און אפגעגאנגען אין בלוט. ניקאלאס איז אויפגעשפרונגען א פארשוויצטער, ווי א נאסער טכויר, האט ארויסגעכאפט א רעוואלווער פון קעשענע און אפגעפייערט עטלעכע קוילן. א יונגער סטודענט איז א פאל געטאן צו רחלס פיס. זי האט א קוויטש געטאן און איז צוגעפאלן צום פארוואונדעטן, אים געפרואווט אויפהייבן. ניקאלאס איז צו איר צוגעשפרונגען, א קלאפ געטאן איבערן קאפ מיטן הענטל פון רעוואלווער און ווי א הונגעריקע מויז זיך גנביש און זייטיק אריינגעשארט צווישן די זיגזאגיקע סטעזשקעס צווישן די ביימלעך. רחל האט זיך אראפגעלאזט אף די קני. אין קאפ האט געקלאפט ווי מיט קליינע העמערלעך. ארום איר איז ווידער געווארן שטיל. צוויי סטודענטן האבן אף גיך א נעם געטאן דעם פארוואונדעטן און מיט אים אוועק. רחל האט זיך פון ארט נישט גערירט. די זון האט ווי רויטע שטיקער שרפה געהאמערט איבער איר געבויגענעם קאפ. געטרוקנט די רויטע צעפארעטע בלוט־פלעקן אפן גראז.

האנס מיט ניקאלאסן זיינען ווידער אנגעלאפן, געבראכט א גרויסע

אַרגענטינער פאָן, אַ באַפּוצטע מיט אַ האַקנקרייץ און געפּאַכעט מיט איר איבערן מאָנומענט:

— אַ טויט דער דעמאָקראַטיע!.. דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!...

דער באַבעס האַרטקייט איז אויפגעגאַנגען אין רחלען; די גלייכגילטיקייט צום אייגענעם לעבן האָט אָפּגעטויט די מורא פאַרן שונא און פאַרן טויט.... אומרו האָט ווידער אַ רודער געטאָן אין בלוט. אַנגעלאָפן איז אַלפרעדאַ און מיט איר נאָך עטלעכע דעמאָקראַטישע סטודענטן. ניקאַלאַס מיט האַנסן זיינען אויגנבליקלעך אַהינגעקומען. רחל האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די סטודענטן, אָנגעהויבן אוועקגיין זייער גיך, זיך נישט געוואָלט באַגעגענען מיט אַלפרעדאַן. ער איז איר דעם וועג פאַרלאָפן. שטיקער צעגליטער אימפּעט האָט זיך געריסן פון זיינע אויגן־ווינקלען, הימלישע לויטערקייט און שטאַרקער ווילן.

— רחל! — האָט ער האַסטיק אויסגערופן און איר ביידע הענט אנטקעגנגעשטרעקט — דאָס זיינט איר געשטאַנען און געהיט דעם מאָנומענט?... רחל, רחל!..

זי האָט אומניחהדיק געשמייכלט און אַראָפּגעענטפערט צום גראָז:

— ששש... בין נישט שולדיק אין דעם... בין דאָ צופעליק פאַרבייגעגאַנגען... גלויבט דאָס מיר. באַלד אויפגעהויבן צו אים די אויגן, טיפע, פאַרשעמטע און צעפּייניקטע.

— אַלפרעדאָ, וואו איז מיין טאַטע? וואו איז באָריס? אַלע טאָג גערוען בּאַ דער תפיסה און גאָרנישט געקענט דערגיין וועגן אייך.

אומגעדולד איז געווען אין איר קול.

— קומט אוועק פון דאַנען — זיך געבעטן. די אויסוואורפן לויפן דאָ אום, ווי די משוגענע הינט. זיי זיינען אַף אַלץ פעיק די פּחדנים...

ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט וואַרעמע בליקן, אָנגענומענע מיט באַוואונדערונג.

— אייערע אויגן זיינען שיין און טהויערדיק, ווי די אויגן פון יהודית, די אָפּפּערוויליקע... מיר וועלן זיי באַצאָלן, רחל, אויך פאַר אייערע טרערן...

איז אנטשוויגן געוואָרן און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ געלאַדענעם רעוואָלווער.

רחל האָט טיף געזיפצט:

— ביז ווען נאָך וועלן די מענטשן הרגענען איינס דאָס אַנדערע?

— ביז וואַנען עס וועט לעבן דאָס נאַצישע מיסט — האָט ער מיט פאַראַכטונג אַ זייע געטאָן צווישן די ציין —וועט זיך גיסן אומשולדיק בלוט, רחל... דאָס זיינען בלוטדורשטיקע וואַמפּירן... דער אומגליק פון די פעלקער... צאָרן איז געווען אין זיין קול.

אַ גרינער צעוויגטער פאַס ליכט האָט געשיינט אַרום זיי, ווי אַ דינער זיידענער שאַרף. אַלפרעדאָ האָט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן צו דער זון אַרויפגערעדט:

— די בעסטע זין און טעכטער פון לאנד זיינען מיט אונדז!..

רחל האָט אַ זיפץ געטאָן און פּלוצים דערפילט אַרום זיך האַראַסיאַם אָטעם... האָט שטיל געפליסטערט:

— איך בין שוואַך, אַלפרעדאָ... ווי גליקלעך זיי מוזן זיין!.. אַ מענטש מוז קענען זיינע אייגענע כוחות. שרעק איז אויפגעגאַנגען אין איר. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרשעמט צום גראָז אַראָפּגעקוקט.

— שוואַך?! — האָבן זיינע פאַרחלומטע אויגן ברייט געשמייכלט — דער אידישער כוח האַלט אייך איצט אויף...

זיין מיטפילנדיקער טאָן האָט אַלץ דערציילט. ער ווייסט וואָס איז מיט וועמען איר חתן געפינט זיך...

דאָס בלוט אין איר האָט אַ ריזל געטאָן און דאָס פּנים איז צום ערשטן מאָל, נאָך וואָכן פון קרענקלעכער בלייכקייט, רויט געוואָרן. זי האָט צעשטרייט געפרעגט:

— ווי אַזוי האָט איר זיך געראַטעוועט?

— בין אַנטלאָפן. זיי האָבן מיר נאָכגעשאָסן... מיך שיר דערהרגעט. רחל אַף דער נאַכט וועל איך זיין באַ אייך. איך וועל אייך אַ סך דערציילן... איך וועל שרייבן אַ בוך פון אַלץ, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט... זאָל די וועלט וויסן!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. נישט דערזאָגטס האָט געציטערט אַף די ליפּן.

פון הינטער אַ נידעריקן קנויל ביימלעך האָבן זיך אויפגעהויבן ני־קאָלאַס און האַנס, זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט און באַלד אַ לויער געטאָן מיט די געזונדענע בליקן אַרום מאָנומענט. האַנס האָט אויסגעצויגן די האַנט מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער און אָפּגעפייערט אַ קויל. ניקאָלאַס האָט אָפּגעפייערט אַ צווייטע. אַלפרעדאָ האָט אַ געשריי געטאָן, זיך איינ־געבראָכן און ליגנדיק אַף דער ערד צוריקגעשאָסן פיר קוילן אַף די מערדער. האַנס איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף, זיך געקאָרטשעט אין ווייטיקן ווי אַ צעטראָטענער וואָרים און באַלד ליגן געבליבן רואיק, אומבאַוועגלעך.

רחל, אויסער זיך פון יסורים, האָט געשלעפּט אַלפרעדאָן פאַר די הענט און פאַרצווייפלט געשריגן: ראַטעוועט!... ראַטעוועט!..

איר קול איז שטעקן געבליבן צווישן די צעשאָרכטע בלעטער פון די ביימער, באַגאָסענע מיט גאָלדענע זון־שפּריצן און מיט טיפן אומעט. עס זיינען אָנגעלאָפן עטלעכע יונגע סטודענטקעס, אַף גיך אַרונטערגעלייגט די הענט אונטער אַלפרעדאָן, אים אויפגעהויבן, אָנגעהויבן גיין זייער גיך דורך די זיגזאַגיקע סטעזשקעס צו דער ברייטער אַווענידאַ, לאָזנדיק הינ־טער זיך לאַנגע בלוט סטעזשקעס פון אַלפרעדאָס קאָפּ.

דעם אַנדערן טאָג זיינען מענטשן געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם יונגן קרבן פון נאַציזם. די טירן מיט די פענצטער זיינען געווען צע־פּראַלט. גרויסע קרענץ בלומען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, מיט אויפ־שריפטן אַף די זיידענע סטענגעס, אויסגעלייגט אַרום די ווענט. האָבן גע־

שפּרייט איבערן צימער אַ וואַרעמען אַראָמאַט. אַ מאַן אין אַ שוואַרצן פראַק מיט ווייסע הענטשקעס איז בײַ דער טיר געשטאַנען און צוגענומען די טעלעגראַמעס און טרויער־אויסדרוקן פון דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפטן. דער קאַסטן מיטן יונגן קרבן אין מיטן פון צימער, אויף אַ הויכן טיש, אַרומגעמויערט מיט הויכע ווענט פון ווייסע און רויטע נאַרציסן, דורכגעפלאָכטן מיט ווייס־בלויע, זײַדענע סטענגעס. אָן אויסגעפּוצטער אין אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ שניי־ווייס זײַדן העמד, מיט אַ שוואַרצער זײַדענער בינדע; די קויל־שוואַרצע קוטשערן שיין פּאַרקעמט און באַגאָסן מיט פּאַרפיום, ווי אַ חתן צו דער חופּה... די לאַנגע ווייסע פינגער אויפן האַרץ פאַרפלאָכטן; די לאַנגע וויעס, ווי שוואַרצע זײַדענע פראַהאַנגלעך איבער די געשלאָסענע אויגן. דאָס דורכלויכטיק בלייכע פּנים עטוואָס ווייטיקלעך צעקרומט, מיט די בלייכע געשלאָסענע ליפּן האָט געשיינט פון קאַסטן אַרויס.

דער שמאָלער שאָטן פונעם ווײַרעך לעמפּעלע האָט געווירקט אויף רחלען. זי איז געשטאַנען צוקאָפּנס פונעם געמאָרדעטן. פרומקייט האָט אַראָפּגעקוקט פון ווייסן ווי פון שטיין אויסגעהאַקטן פּנים און טיפער טרויער. אַ דערשטיקט געשריי האָט געשאַרפט און געפּייניקט איר האַרץ. זי האָט קיין מידקייט נישט געפילט. שוין עטלעכע שעה זינט מען האָט אים אַ טויטן פון שפּיטאָל אַהיימגעבראַכט, שטייט זי אַזוי אַ פאַרשטיינערטע.

עס איז געוואָרן אַ גערודער, עטלעכע ווײַבער, אַנגעטאָן אין שווערע שוואַרצע מלבושים, האָבן זיך קוים צוגערוקט צום קאַסטן, געקושט אַלפּרעדאָס געשלאָסענע אויגן, דעם שיינעם קאָפּ און שטיל געהעשעט. די בלויע ווײַנענדיקע פלעמלעך פון די צענדליקער גרויסע ליכט אין די הויכע זילבערנע לײַכטער, האָבן זיך אויסגעצויגן, געקוקט אויף די מענטשן מיט שרעק און מיט געוויין.

חברים, אַנגעטאָן אין ווייסע דאָקטאָרשע כאַלאַטן, האָבן מיט שטומען גליוער אַרום די געשלאָסענע ליפּן, אויפגעהויבן דעם קאַסטן, אונטערגעשטעלט די אַקסלען געטריי און צוזאַגנדיק, מיט געציילטע שפּאַן זיך געלאָזט צו דער גאַס. אויך די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן, מיט בלומען און מיט טרויעריק צעוויגטע פאָטערלענדישע פענער. שטומע האַרטקייט האָט געשאַרפט אין די אויגן און אויף די צעווייטיקטע פּנימער. עס זײַנען אָנגעלאָפן מחנות רייטער־פּאָליציי, געקלאַפּט מיט די שפּאָרן אין די פערדישע באָקעס. פערד ברייטע מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער, מיט אויפגעציטערטע פּיסקעס, פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ פּאַרע, מיט אויפגעהויבענע קני, האָבן זיך אַרײַנגעשניטן צווישן די צונויפגעקלעפּטע מענטשן, שווערע פערדישע פּאַדקאָוועס האָבן געזונקען אין וואַרעמען מיידלשן לײַב, באַגאָסן די שטיינער מיט בלוט... שנײַדנדיקע קולות האָבן אויפגעציטערט איבער הונדערטער פאַר'עקשנטע קעפּ. קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט...

לאַנגע סאַבלעס, שווערע נאַהײַקעס, האָבן געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס. ניקאָלאַס מיט פּריצן און עטלעכע קריאָזשע נאַצים זײַנען ווי ווילדע

אייזלען אָנגעלאָפן, שטיין געבליבן באַם ראָג און מיט די אייזערנע הענטש־קעס געשלאָגן וועמען זיי האָבן געפּאַקט, שרייענדיק:

— אַ טויט די דעמאָקראַטישע סטודענטן!

— זאָל לעבן היטלער... דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!...

ווידער האָבן זיך מענטשן־בלאָקן אָפּגעריסן, אַ פאַל געטאָן צו זיי, און פויסטן, ווי אייזערנע געוויכטן, האָבן זיך געשיט, געהאַמערט איבער געבוי־גענע קעפּ, איבער צעבלוטיקטע פּנימער.

רחל, ווי אַ פאַרלוירן וואַלקנדל, מיט געגליווערטן געווייַן אין די אויגן, איז טריט באַ טריט נאָכגעגאַנגען דער לויה, אַן אַרומגענומענע פון גע־פּרעסטן אָטעם. אַלפרעדאָס ווייסע הענט, דאָס דורכלויטיק בלייכע פּנים, די צעפלויגענע קויל־שוואַרצע באַשמעקטע קרויזן, זיינען באַדעקט געווען מיט שרייענדיקע רויטע שטיקער זון, ווי מיט קוואַלן ערשט פאַרגאָסן בלוט...

קאַפּיטל 35

זינד און פאַרגעבונג

פּילאַר אַן אַראָפּגעזעצטע, איז געשטאַנען באַם שופלאָד פון אָפּענעם קאַמאָד און צונויפגעלייגט די טישטעכער. מידקייט און אומניחהדיקייט איז איינגעוועבט געווען אין די גרויע טרערן־קישעלעך אונטער די אויגן. אַ דערשטיקט געוויין איז אומגעלאָפן אין שווערן, האַלב־געליימטן גוף: וואו איז דער זונעלע אַהין געקומען? פּאַרוואָס, הייליקע מאַריע, קומט דאָס מיר?.. טרערן האָבן געראַנען פון די אויסגעווייַנטע אויגן. אין דעם האָבן זיך די פּאָלעס פון די קלעטער־פלאַנצן אויפגעמאַכט און האָראַסיאָ איז אַריין אין שטוב, זיך אַראָפּגעלאָזט אף אַ בענקל און שווער געאָטעמט. די אַלטע האָט אויפגעמאַכט דאָס מויל אף צו שרייען און אַ ציטערדיקע זיך צוגעשאַרט צו אים, אַרויפגעלייגט די הענט אפן קאָפּ, אַ קוק געטאָן צו ד. קלעטער־פלאַנצן און באַלד די בליקן אין זונס בלייכן, צערודערטן פּנים איינגעשטאָכן:

— היט דיך זונעלע פאַרן אַלטן! היט זיך! ער איז משוגע!..

איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו זיינע קרויזן, זיי ווילד און פאַרצווייפלט געקושט. ער האָט מיד געשוויגן. די פיס האָבן געבראָכן פון צופיל גיין. די אַלטע איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, אויפגעהויבן דאָס פּנים אַ פאַר־שעמטס און געוויזן מיט די בליקן צום טירל פון זיין צימערל. האָראַסיאָ האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אַהין. גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבוּ־שים, אָנגעטאָן דעם באָד־מאַנטל, איז אַוועק אין צעבראָכענעם באָד־צימער. זיך לאַנג געוואַשן, געריבן דאָס לייב מיט אַלקאָהאָל, ביז קליינע שפּריצע־

לעך בלוט האָבן אַרויסגעשלאָגן אַף דער הויט. די מאַמע האָט אים דורכן שמאָלן שפּאַלט פון טירל, זויבערע וועש דערלאַנגט און זייער שטיל געשעפּטשעט:

— גיי שוין אַרויס טאַטעלע מיינס... עס וועט דיר שלעכט מאַכן אַזוי פיל קאַלטע וואַסער.

ער איז אַרויס פון באָד און צוריק אַריין אין צימערל. אפן בעטל האָט ער געטראָפן אַ בלוי־זיידענע פּיזשאַמע מיט ווייסע מאַנקעטן — רחלס מתּנה און אַ גלאָז וואַרעמע מילך. זיך אָנגעטאָן און אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין און צוריק. באַלד זיך אויסגעצויגן אפן בעטל מיט בײדע הענט אונטערן קאָפּ און די מידקייט איז פאַרשוואונדן. זיין נאַטירלעכער ווידערווילן צו זאָרג און אומבאַשטימטקייט, האָט אים נישט געלאָזט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג און געוועקט אין אים אַ באַגער אַראָפּצעוואַרפן פון זיך די מיאוסקייט... אַ פאַרשעמטן שמייכל געטאָן; איצט האָראַסיאָ וועסטו וויסן ווי אָפּצושאַצן די ריינקייט פון מענטשן... ווי איז דאָס מעגלעך אַזוי פיל פאַרדאָרבנקייט?..

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שפּיגעלע פון טישל און לאַנג אַריינגעקוקט אין דעם די פאַרגרעבטע קאַרבן אַרום מויל, דאָס פּרעכע שמייכעלע — האָט פאַרשעמט און דערינדעריקט. זיך אויפגעהויבן, פאַרקעמט די קרויזן און מיט זיין געוויינלעכער אומפאַרשעמטקייט פון אַ צעפּעשטשעטן זון, וואָס מיינט, אַז טאַטע־מאַמע לעבן נאָר צוליב זיינע קאַפּריזן — אוועק אין שענקל. גרויסע פליגן האָבן זיך אין ווילדן קאַראַהאָד געדרייט אַרום שאַפּקעלע מיט מאכלים. דאָן טשיטשע איז געזעסן אַף אַ בענקל אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף אַ שפּיץ פון טיש, די מידע צוויי הענט אַף די קני און געשלאָפן.

האָראַסיאָ האָט זיך אַרומגעקוקט. אומעט האָט געווייעט פון די טיפע, גרויע ווינקלען, אַלטקייט... כדי נישט אויפצוּוועקן דעם טאַטן, האָט ער זיך אַף די שפּיץ פינגער אַרויסגערוקט פון דאָרטן. אַ הייס ווינטל איז אים אַקעגן נעקומען, און אָנגענומענעם מיט פוילע ריחות פון איבערגעשרפּעטע פּרוכטן און מיט אימה. העלע שטיקער זון ווי זילבערנע גרין־דרויטע רייפּלעך, האָבן זיך געוויגט איבער די קעפּ פון די ביימער און טיפער עלנט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַנדרעסעס שטיבל, עס האָט אַף אים אַ שלאָג געטאָן מיט קעלט, ווי פון אַן אָפענעם קבר מיט שווערע פאַרדומפּענע ריחות. אומעט האָט זיך אָפּגעזעצט צווישן די שווערע צונויפגעצויגענע ברעמען, שרעק.

— וואָס פאַר אַן אומגליק האָט דאָ געטראָפן?.. אָרעמע!..

ער איז צוריקגעגאַנגען אין שטוב. דער טאַטע איז אַריינגעקומען, מיט אַ האַנט געריבן די אויגן און אַ פאַל געטאָן אפן בעט מיטן פּנים אַראָפּ, געהוסט און האַלב־שנאָרכנדיק גערופן:

— פּילאַר! פּילאַר!.. וואו ביזטו אַהינגעקומען? גיי אַריין אין שענקל גיי אַריין!..

האָראָסיאַ איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, געקוקט אַף אים מיט טיפע באַנגיקע בליקן און אַ זאָג געטאָן זייער שטיל:

— טאַטע, אַלטינקער...

דאָן טשיטשע האָט זיך ראַפּטום אויפגעהויבן, געקוקט אַרום זיך מיט צעמישטע בליקן, אַ הויב געהויבן די פויסטן אין דער לופטן, זיך אַ לאָז געטאָן צום זון. האָראַסיאַ האָט אים געטריי אָנגענומען באַ ביידע הענט, אים אַנטקעגן געשטעלט די ברוסט און אַריינגערעדט אין בייזן, פאַרבייסענעם פּנים, אין די באַפּעלערישע צוויי שטייפע וואָנצעס:

— גענוג טאַטע! האָב דיר אָפּגעבראַכט דאָס געלט, וואָס האָסט מיר אויסגעליען...

— גיי פון דאַנען! — האָט זיך דער אַלטער געוועדט — מיין געלט!..

פאַרשעמטער שמייכל איז אויפגעגאַנגען אַרום האָראַסיאָס מויל, חוצפּה. האָט צוגעשלעפּט דעם טאַטן צום בעט, אים אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג און ברייט געשמייכלט:

— שלאָף דיך אויס, טאַטע. שפּעטער וועלן מיר שוין שמועסן...

ער האָט אים איבערגעלאָזט, איז אַרויס אין דרויסן. אַ ווײַלע געטראַכט. באַלד זיך אַ טראָג געטאָן צו יאָסלס שטיבל. דאָס שלעסל אַף די רינגעלעך, האָט געקוקט אַף אים קאַלט און פרעמד. אַ קיל ווינטל האָט זיך אָפּגעזעצט באַם האַרץ־גריבל. אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט מיט רחלען געמוזט טרעפן. די טרוקענע בלומען־קעפּ אונטערן פענצטער, די פליגן־פינטעלעך אַף די שויבן און דער באַבעס איבערגעדרייטע שיך באַ דער טיר — האָבן געוועקט אין אים אומרו. אַ פּוסטקייט האָט געלויערט פון דאָרטן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, באַקוקט דאָס טעלער־שאַפקעלע אַף דער וואַנט, אַ באַדעקטס מיט אַ גראָבן שיכט שטויב, מיט אַ שטום געוויין... ער האָט זיך אויסגעדרייט און גיך אַרויס צוריק. דער טאַטע איז אים אַנטקעגן געלאָפן, געדראָעט מיט די פויסטן:

— פוילער יונג!.. לײדיקגײער!.. ווער וועט ענדיקן אַף דאָקטער, ווער?..

געבראָכנקייט איז געווען אין זיין קול. האָראַסיאַ האָט אים ווידער אַריינגענומען אין די הענט און מיטגעפירט אין שטוב. זיך אוועקגעזעצט מיט אים אַפן ראַנד פון בעט, אים געטריי אינעם חושבדיק, צעפּאַסעוועטן פּנים אַריינגערעדט:

— פּאָטער, פאַרגיב מיר!.. וואָס בין איך שולדיק, אַז דיין בלוט האָט אין מיר אויפגעברענט... פּאָטער, דו ביזט אַ מאַן! איך ווייס דאָס. ווען דו ביזט יונג געווען, האָב איך דיר אַ סך פאַרגעבן... דיך פאַרשטאַנען...

דער טאַטע האָט אַף אים געקוקט מיט ברייטע בליקן, אָנגענומענע מיט אומפאַרשטענדלעכקייט. צום ערשטן מאָל איז אים דער זון אַזוי נאָענט און אייגן... געוויין האָט אַ ציטער געטשאָן אין אים. האָט אָבער נישט באַכגעגעבן, אים אַ שטורכע געטאָן מיטן רעכטן עלנבויגן און געברומט:

— מיין געלט!

די אַלטע איז אַריינגעקומען, געבראַכט אַ טעלער מיט סאַנדוויטשן, אַן אומצופֿרידענעם קוק געטאָן צום אַלטן, און שטיל געזייעט צווישן די ליפּן:

— טשיטשע, לייג דיך שלאָפֿן... וועסט אויפֿשטיין וועל איך דיר געבן דאָס געלט... דער זון האָט ביז צו איין סענט אָפּגעגעבן... זעסטו שוין, דו אַלטער נאַר!..

אוועקגעשטעלט דעם טעלער אויפֿן טיש און זיך צום זון געווענדט:

— ניי אינגל, כאַפּ עפּעס איבער. דאַרפֿסט זיך אויסרוען... ביזט פֿאַרענדערט...

ווירדע איז געווען אין איר שטים. יענע זיכערקייט פֿון אַ פֿרוי, וואָס האָט מיט איר „שוואַכקייט" אויסגעאיבט אַ כּוח איבער די שטאַרקע.

האַראַסיאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן, גענומען דעם טעלער מיט סאַנדוויטשן און איז אַריין צו זיך אין שטיבל. טאַטע־מאַמע האָבן אים נאָכגעקוקט מיט פֿאַרשעמטע בליקן, אָנגענומענע מיט טויזנט ברכות און מיט שטאָלץ.

אַרויסגעקומען פֿון צימער איז האַראַסיאַ פֿאַרנאַכט, אַ אויסגערוטער, אַ פֿרישער. דער גרויסער צימער זויבער און זייער געמיטלעך. איבערן ווייס־געדעקטן טיש מיט משקאות — האָט מיט רייכער יום־טובֿדיקייט געבליצט. דער עלעקטרישער לאָמפּ, געשיינט איבער דער טייערער וואַזע פֿון פֿאַרצעלאַן און אַנדערע געפֿעסן, וואָס זיינען פֿון די החתונה מתּנות געבליבן, און די אַלטע האָט זיי גענוצט נאָר אין אויסערגעוויינלעכע יום־טובֿדיקע טעג, אַלץ האָט געקוקט אויף אים מיט פֿאַרגעבונג.

די אַלטע אינעם ברייטן, ברוינעם זונטיקדיקן קלייד, מיט טיפֿע פֿאַלדן, איז אים פֿון קיך אַנטקעגנגעקומען. מאַמעשע גוטסקייט האָט געשיינט אַרום פֿאַרשעמט, צעשמייכלטן מויל, פֿאַרגעבונג. ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט אויפֿן מיטן קאָפּ. אַריינגעקומען איז דאַן טשיטשע, אויסגעפּוצט אין די ברייטע, געקעסטלטע הויזן אַריינגעלאָזט אין די כאַ־לעוועס פֿון די נייע שטיוול. אַ פּיר געטאָן מיט די בייזע וואָנצעס אויף אַהין און צוריק און אים דורכגעבויערט מיט אַ מאַנענדיקן בליק:

— נו, מיין געלט?

די אַלטע האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעלע פֿון דער אונטערשטער קעשענע צווישן די פֿאַלדן פֿון קלייד און זיך אויסגעגלייכט קעגן מאַן:

— נעם צו, אַלטער!.. האָב דיר געזאָגט דער יונגאַטש וועט אומקערן צו אַ סענט...

ניצחון און פֿאַרוואָרף האָט אַ בליץ געטאָן אין אירע בליקן. דער אַלטער האָט מיט ציטערדיקע פֿינגער אַרויסגענומען דאָס געלט פֿון פּעקעלע און עטלעכע מאָל איבערגעציילט אויפֿן הויכן קול..

באַם טיש צום אָוונט־ברויט, זיינען מאַן און ווייב געזעסן אויבן־אָן האַרט־איינס נעבן אַנדערן, אַנטקעגן זון און געגעסן. אין האַראַסיאַן איז

ווידער אויפגעגאנגען די אומרו. ער האט אריינגערעדט אין טעלער מיט ראוויאָלעס:

— וואס הערט זיך בא רחלען?...

מאַנונג איז געווען אין זיין קול. דער טאטע האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, זיך געוואָרגן מיטן ביסן אין האלדז. די אַלטע, א רויט־געוואָרענע האָט נעבעכדיק געשטאמלט:

— וואָס ווייסן מיר, אינגל?...

האָראסיאַ האָט צונויפגעצויגן די שווערע ברעמען און זי דורכגע־בויערט מיט א הארטן בליק. די בראָדעווקע אויף דער אלטערס באָרד האָט אָנגעהויבן ציטערן... שרעק פאַרן זונס צאָרן האָט אויפגעטויכט אין די בליקן. זי האָט געריידט שטיל און פארשולדיקט:

— די באָבע אירע איז געשטאָרבן. רחל האָט אונדז אַפילו נישט צו ווישן געטאָן... איז אנטשוויגן געוואָרן.

פארוואונדערונג איז אויפגעגאנגען ארום זיין מויל. הארטע בייזע שטילקייט האָט זיך אַפּגעזעצט ארום זיי. די אַלטע האָט ווידער געוואָלט ווייך מאַכן דעם זונס האַרץ, צום ערשטן מאָל פארשטאַנען, ער איז ווירק־לעך נישט געווען בא רחלען. זי האָט א זייע געטאָן צווישן די ליפּן:

אן עקשנטע, איינגאנצן די באָבע... איינע אַליין זיך פארמאַכט אין שטיבל, ווי אין א מויער. שכנים דערציילן, זי האָט קיינעם נישט געוואָלט האָבן נעבן זיך...

— און דער קאַליקער?

—דאָן טשימשע האָט א שלונג געטאָן דאָס עסן איינעם מיט א דערוואָרגן וואָרט:

— ארעסטירט!..

די אומרו האָט אים געהויבן פון בענקל. האָט אָנגעהויבן שפּאַנען אהין און צוריק און ווידער שטיין געבליבן נעבן טאטן, אים ארויפגעלייגט א שווערע האנט אפן אקסל, א מאָנענדיקע:

— פאר וואָס, אַלטער, האָט מען ארעסטירט דעם אָרעמען קאַליקע? וועמען האָט ער שלעכטס געטאָן? דערציייל דעם אמת...

רוגזה און טויטע בלייבקייט האָט זיך געשניטן ארום מויל. טשיטשע האָט געשוויגן, נאָר זיין טיף־געבויגענער קאָפּ האָט אַלץ דערציילט.

האָראסיאַ האָט זיך א טראָג געטאָן אין צימערל, אויסגעטאָן די לייכטע פּיזשאַמעס און אָנגעטאָן דאָס העמד מיטן בלויען אָנצוג. איז צוריק אריין אין צימער און פון דאָרט שטומערהייט זיך א לאָז געטאָן אין דרויסן.

מאטע־מאמע, ווי צוויי אַלטע קראנקע פייגל מיט אויסגעפליקטע פעדערן, האָבן אים שטום און אימהדיק נאָכגעקוקט. האָראסיאַ האָט זיך אומגעדרייט ארום רחלס שטיבל, ווידער אַריינגעקוקט אין פענצטער, געפּרוּווט דאָס שלעסל אויף דער טיר און אָן אנטוישטער, מיט ביטערניש אין די אברים, אוועק אין שולע צו בעטן.

דער שול־הויף איז געשטאַנען א שטילער, איינגעוועבט אין א בלויען

שלייער ווי אין טיכער פון ויידענער קאַנווע. צווישן די פרום אויפגעצי־טערטע בלעטער פון די ביימער האָבן זיך געוויגט צערונענע שטיקער לבנה־שיין און באַנאַכטיקער אומעט. דאָס פאַרבענקטע צוויטשערן פון שוואַלבן און דאָס פּאַכען פון די לאַנגע שפּיצן פון דער גרויסער פּאַטער־לענדישער פאָן איבערן ביוסט פון סאַרמיענטאָ האָבן צעריסן די אַנגענעמע שטילקייט פון אַרום. בעטי איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ שטאָלצע און פאַרטראַכטע. איבעראַשונג האָט זיך געמערקט אָפן שטומען פּנים, פרייד. ער האָט זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט, זיי שטאַרק געדריקט און אַריינ־געקוקט אין אירע בליקן:

— וואו איז רחל? בעטי, איך ווער משוגע.

בעטי האָט שווער געזיפצט, אים דורכגענומען מיט אַבלדיקע בליקן:

— אינדערפרי צום ערשטן מאָל באַזוכט די שולע... איז אוועק זייער צעבראָכן. דאָקטער, איר מוזט זי אויסזוכן! איך האָב מורא פאַר איר לעבן!

האָראַסיאָ האָט כּמאַרנע געקנייטשט דעם שטערן און צעצויגן גע־שטאַמלט:

— היינט אין דער פרי? אַנטשוויגן געוואָרן און אַלץ אין אים האָט געראָדערט.

בעטי האָט געהאַט אַ פרומען אויסזען. זי האָט די שטילקייט איבער־געריסן:

— איך ווייס נישט ווער ס'לעבט אין איר, ווער ס'טראָגט איבער אַזוי פיל יסורים...

— וואו זאָל זי זיך געפינען? זאָגט מיר בעטי! פּייניקט מיך נישט. האָט זי אייך עפּעס דערציילט?...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און דער שווערער בוזים האָט זיך אומרואיק געהויבן:

— קיין וואָרט וועגן אייך און אייערע טאַטע־מאַמע נישט דערמאָנט.

„די פאַרצווייפלונג, דאָקטער, טראָגט זי אַרום... גאָט מיינער! ווי איינזאַם אַ מענטש קען עס ווערן! אין שטאָט איז שטאַרק אומרואיק. די היימישע נאַציס רוען נישט."" זאָרג איז געווען אין איר קול. ער האָט איר די רייד איבערגעשלאָגן:

— דאָס בעטי, איז גאָרנישט... נאָך די וואַלן וועט זיך אַלץ נאָר־מאַליזירן.

זי האָט געהאַלטן אויף אים די שטומע בליקן, וואָס האָבן געשטראָפט:

— פאַר אייערע זינד, דאָקטער, קומט זי נעבעך אויף...

— היינט זיינען ווידער געפאַלן צוויי סטודענטן לעבן סאַרמיענטאָ־מאָנומענט — האָט בעטי אין דער אַרומיקער גרויקייט אַריינגערעדט — איינער איז אַ דייטש.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און שטום געקוקט פאַר זיך. האָראַסיאָ איז געווען בלייך. די אומרו האָט אים פון אָרט געהויבן. בעטי האָט ווידער געזיפצט און זיך באַקלאָגט:

— יעדן טאָג ווערן דערהרגעט אומשולדיקע... די נאַציאָנאַליסטן זיינען אומרחמנותדיק.

אים איז שווער געווען צו ריידן וועגן זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט רחלען. געוועז צופרידן, וואָס בעטי איז גענוג קלוג און איידל, פרעגט נישט וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען... ער האָט איר וואַרעם און שטום די הענט געדריקט, זיך אויסגעדרייט און זייער איילנדיק ווי עמיצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט — פאַרלאָזט דעם שול־הויף.

די גאַסן זיינען געווען שטומע און געשטרעקטע. פון די שווער אַראָפּ־געלאָזטע ויידענע פאָרהאַנגען, איבער די אָפענע פענצטער פון די הויכע, רייכע הייזער, האָט געוויעט אויף אים מיט פאַרביטערטקייט און מיט געצוימטן אימפּעט. ער האָט געקויפט אַ צייטונג, גייענדיק אַ קוק געטאָן אויף דער ערשטער זייט, זי באַלד צונויפגעלייגט און באַהאַלטן אין קעשענע. אַ בלינדער געפיל האָט אים געטריבן אַהיים. ער וועט זי איצט טרעפן... רחל וועט נישט אומבלאָנדזשען איינע אַליין, ס'איז שפּעט...

אַ פּאָליציי־קאָטש האָט זיך פאַרביי געטראָגן, פון אַ זייטיקן ראָג האָבן צוויי פּאָליציי־לייט געשלעפּט אַ בחור'ל פון אַ יאָר פופצן, אָדער זעכצן, אַ צעבלוטיקטן אים אַריינגעוואָרפן אין אַן אויטאָ. האַראַסיאָ האָט זיך נישט געקענט צוגעוואוינען צו אַזאַ געדריקטקייט. די קאַשמאַרע נעכט פון ערדישן גענוס, האָבן אים געמאַכט פאַרגעסן אין דער דרויסנדיקער וועלט. ער פלעגט פריער, אין די באַטאָגן, שפּילן אין קאָרטן, אַרומפאָרן אין גרע־טאַס אייגענעם אויטאָ ווייט הינטער דער שטאָט און געחלומט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט...

אַהיימגעקומען אַ צעדרייטער, אַן אומצופרידענער מיט זיך אַליין און מיט אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום. אויסגעטאָן דעם שווערן אַנצוג, ווידער אָנגעטאָן די לייכטע פּיזשאַמעס און איז אַרויס אין דרויסן. דער הימל לויטער, טיף־בלוי, אַ באַדעקטער מיט אָפענע שטערן ווי גרויסע דימענטן און מיט סודות. די באַנק אונטערן ווערבע בוים איז געווען באַדעקט מיט אַ גראָבן שיכט שטויב און מיט געלע טרוקענע בלעטלעך, קילע באַ־נאַכטיקע ווינטעלעך האָבן זיך אויפגעהויבן פון צווישן די צעוויגטע פאַריתומטע גראָזן. האַראַסיאָ מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען געזונקען, האָט מיט די בליקן, ווי צוויי שוואַרצע אָפּגרונטן, דורכגעבויערט די שוואַרצקייט אַרום רחלס שטיבל.

—וואוהין פאָרט האָט זי זיך אַהינגעטאָן? — האָט דער אומגעדולד געשריגן. צום טייוול, עס וועט אַמאָל אַ סוף נעמען צו דעם אַלעמען, צי ניין?

פון הינטערן פלויטל האָט זיך אַ לאַנגער שוואַרצער שאָטן גערוקט אַלץ נענטער צו פּריצס שטיבל. האַראַסיאָ איז אים אנטקעגן געגאַנגען.

— אַנדרעס!

שוואַרצער בראַנד האָט געשרפהט אין אַנדרעסעס שפּיציקע בליקן. אומצוטרוי. ער האָט גיך אַרויסגענומען דאָס מעסער פון גאַרטל. האַראַ־

ראסיאַס ליפּן האָבן זיך געקרומט, ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— לאָז אָפּ דיין מעסער, אומגליקלעכער... געמיינט אַ איר האָט זיך אהער אריינגעגנבעט... וואו האָסטו גענומען די מלבושים?

אַנדרעס, אַן אויסגעטריקנטער, הויט און ביין, האָט זיך געהויקערט אין יאָסלס סורדוט, זיך גערוקט אַף הינטערווייַלעכץ אַף צוריק. האַראסיאַ איז אים נאָכגעגאנגען און גערעדט מיט ווייכקייט:

— בלייב שטיין, האָב נישט קיין מורא... איך וויל מיט דיר עפּעס שמועסן.

ערלעכקייט איז געווען אין זיין קול. איבערמענטשלעכער רחמנות. אַנדרעס האָט זיך פאַרשטעקט צווישן די פלאַכטעס פון ווערבע־בוים און געהאַלטן די געצונדענע בליקן אַף האַראסיאַן:

— וואָס ווילט איר, הער דאָקטאָר?

פּחד און געהיימניספולקייט איז געווען אין זיין קול.

— וואָס טוסטו דאָ?

— בין געקומען נאָכן דייטש... אונדזערע חשבונות שטייען נאָך אָפענע, נישט קיין אונטערגעצויגענע.

— ביזט קראַנק, אַנדרעס... גיב דיך איבער דער פּאָליציי... איך וועל דיך פאַרטיידיקן, וועסט באַפרייט ווערן...

אומעט און זאָרג האָט זיך געשניטן אַרום זיין מויל, מיטגעפיל.

אַנדרעס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דאָס גרינע פּנים, דאָס שוואַרצע פלאָנטער־בערדל האָט זיך געצונדן אין בלוטיקן חוזק:

— נקמה וויל איך! דער דאָזיקער אויסוואורף האָט אונדז אַלע גרויסע אומגליקן געבראַכט.

האַראסיאַ האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך מיט צעשטרייטע בליקן און קאַלטע ווינטן האָבן זיך צעברומט אונטערן האַרץ־גריבל, אים געפּייניקט. ער האָט עקשנותדיק די אויבערשטע ליפּן געביסן. ביידע האָבן שווער געאָטעמט. האַראסיאַ האָט ווידער אַ זאָג געטאָן:

— ביזט ווענעריש קראַנק... אויך דיין ראַסיטאַ איז געווען אָנגע־שטעקט... אָרעמע!..

— איך ווייס... דער דייטשששש!

ער האָט זיך פאַרהוסט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַפן מויל, כדי צו דערשטיקן אין זיך דאָס קייכן, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און ווי אַ שוואַרץ שטיק נאַכט — זיך אַ לאָז געטאָן אין דער גרויער טונקל־קייט צווישן די ביימער.

האַראסיאַ האָט שווער געזיפצט, אַן אַראָפּגעזעצטער, אַ צעפּייניקטער צוריק געגאַנגען אין שטוב. די מאַמע האָט אַף אים אָנגעשטעלט אַ בעטנ־דיקן בליק:

— גיבן עפּעס עסן, זון?

— אַ דאַנק!

און ער איז אריין צו זיך אין צימערל, פארשלאָסן דאָס טירל, זיך אַ וואָרף געטאָן אפן בעטל, פארויכערט אַ ציגאַר, אַ צוויי צי געטאָן און מיט צאָרן אים אריינגעוואָרפן צווישן די צעשוימטע קלעטער־פלאַנצן. די מאַמע האָט שטיל אנידערגעקנים געבן דער איקאָנע און אריינגעהעשעט אין די הענט:

— האָב רחמנות, הייליקע מוטערל... נעם באַ אים אוועק די בענקשאפט נאָך איר, פארגיב מיר... פונקט ווי איך האָב דעם זון מיינעם בארגעבן.

קאַפּיטל 36

רחל באַשולדיקט

רחל האָט אויפגעשלאָסן דאָס טירל און איז אריינגעגאנגען אין שטיבל אומניחהדיק און מיד, אראָפּגעצויגן פון זיך דאָס מענטעלע און איינעם מיטן האנטבייטל אַ וואָרף געטאָן אפן טיש און אַ צעבראָכענע זיך אפן בעטל אויסגעצויגן, מיטביידע הענט אונטערן קאָפּ. דער ווייטיק אין די אברים האָט געשטאָכן ווי מיט הייסע נאָדלען, די געשוואָלענע אויגן־דעקלעך האָבן זיך אראָפּגעצויגן, ווי אַ שווערער פאָרהאַנג — נאָך דער דראַמאַטישער פאָרשטעלונג.

זי האָט אָבער שלאָפן נישט געקענט. די שווערע, אומריינע לופט אין שטיבל האָט געשטיקט דעם אָטעם. דער זיסלעכער ריח פון די עטוואָס געוועלקטע בלומען ארום דעם ברמנן, דאָס העשען פון אלפרעדאָס מאַמע איבער זיין אָפענעם קבר, דאָס פארביסענע שווייגן פון חברים — איז שטעקן געבליבן אין אירע חושים און ווידער דערמאָנט אין טויט. אירע בלוטלאָזע ליפּן האָבן זיך געקרומט אין אַ קרענקלעכער גרימאַסע. דער רחמנות צו אלפרעדאָן — האָט געצונדן אין איר דעם האס — צו די מערדער זיינע און אַ ווילן צו נעמען נקמה...

נאָר געוואָלט אויסרוען דעם גוף און נשמה וואָס איז אזוי גרויזאַם געשלאָגן געוואָרן און געטריקנט פון בענקשאפט און געוויסנביסע, פון רחמנות און געפאלנקייט פון ביטערער אנטוישונג. אומגלויבן אין דער וועלט, אין די אייגענע צעטראָטענע כוחות, „די שבועה פון אלפרעדאָס חברים באַם אָפענעם קבר, האָט געבויערט און געברענט דעם מוח: דיין בלוט וועט לעבן אין אונדז, ביזט געשטאָרבן פארן שיינעם נאָמען פון פאָטערלאַנד, ביזט געבליבן דער שטאָלץ פון דיינע חברים.

קניפּן געוויין האָבן זיך געריסן פון געפּייניקט און פארשטיינערט געוואָרענעם הארץ. זי האָט זיך איבערגעדרייט אף דער אנדערער זייט.

איינגעשטאָבן די בליקן אין דער שטוביקער פוסטקייט און זיך געלאָזט פאַרשלינגען פון די שווערע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן זי צעבראָכן און צוריק צום לעבן געבראַכט... אויפגעכאַפּט פון שווערן האַרטן שלאָף ערשט דעם אַנדערן אינדערפרי; די אויגן אויסגעוואַשענע אין טרערן — האָבן געשרפּהט מיט נייעם כוח און מיט ווייטיק. דורך די ברייטע שפּאַ־רעס פון טירל, האָבן זיך אַריינגעריסן בלייכע פּאַסן זון, געפאַלן איבערן פאַרטראַכטן איידעלן פּנים און איבער די הענט; דער ווייטיק האָט ווידער געגרודערט צווישן די נערוון, זי פון אָרט געטריבן. רחל האָט זיך אויפגע־הויבן און איז אַראָפּ פון בעטל, געקוקט אַפן צעקנוידערטן קליידל, אַף זיך און באַלד די בליקן איבערן שטיבל געפירט. שטויב און קראַנקע אָפּ־געלאָזנקייט איז געלעגן אַף יעדער זאַך און אַ ריח פון הקדש. זי האָט שווער געזיפצט, נישט באַנומען פאַרוואָס זי האָט פריער דעם עלנט און שטוב נישט געזען — פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז איר געווען פרעמד און איבעריק.

אַ מעלאַנכאָליש שמייכעלע האָט זיך געשניטן אַרום געשלאָסענעם מויל, טיפע קאַרבן, וואָס האָבן דערציילט פון דערשטיקן צער, פון איבער־מענטשלעכע ליידן. זי האָט אויפגעמאַכט דאָס פענצטער. אַ קיל באַשמעקט ווינטל האָט אַף איר אַ שלאָג געטאָן; אַ היימישער ריח פון רויזן אין גאָרטן. זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגענומען אַ ריינעם האַנטוך און אַ שטילע, אַ צעטומלטע, ווי אונטערן איינדרוק פון שטאַרקן בראָנפן אַרויס אין דרויסן. לאַנג געהאַלטן דעם קאָפּ אונטערן קאַלטן וואַסער, וואָס האָט געזעצט פון קראַן; געזייפט און געוואַשן די לעקעלעך און דעם האַלדז און נאַקן. אַ לייכטע ראָזע פאַרב האָט זיך באַוויזן אַף די איינגעפאַלענע בלייכע באַקן, קיילעכדיקע שטיקער זון, ווי רויטע פייערדיקע רייפלעך האָבן געגלעט אירע שמאָלע אַקסלען, באַלאַדענע מיט זאָרג און מיט אומ־באַשטימטקייט. פון צווישן די גראָזן האָט זיך אַ מערקווירדיק ווינטל אויפ־געהויבן, אָן אָנגענומענס מיט פרייד און מיט אַ געזאַנג פון די שוואַלבן, וואָס האָבן אַרום די טירן געסווישטשעט.

רחל האָט פאַרדרייט דעם קראַן, זיך אויסגעגלייכט, געקוקט מיט טיפקייט אין די אָפענע בליקן, אָנגענומענע מיט חידוש. אַלץ האָט איר אויסגעזען ניי און זייער שיין. באַלד איז ווידער אויפגעגאַנגען אין איר דאָס העשען פון אַלפרעדאָס מאַמע מיט די שוועסטער און דער רחמנות צו זיי — האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן טיפן ווייטיק, מיט עלנט פונעם איינענעם נעדעכעניש. אויך צום טאַטן איז איר רחמנות געוואַקסן, און צום בוים וואָס האָט זיך געהויקערט פאַריתומט, און צום גערטנדל מיט די פאַר־שמאַכטע בלומען אונטערן פענצטער; די הונגעריקע און דאַרשטיקע עופות, וואָס די באָבע האָט אויפגעכאָוועט און געטריי אָפּגעהיט. צו אַלץ וואָס איז עלנט און פאַרלאָזט און נויטיקט זיך אין עמיצנס מענטשלעכן מיטגעפיל.

דער שאַרפער ריח, דער חושך פון די צווייט ביימלעך אַרום די רייכע קברים, וואָס איז איר פון צווינטער נאָכגעגאַנגען און גענודיעט באַם האַרצן,

געצויגן דעם מארך פון דיביינער, געפייניקט מיט א מעלאנכאלישער גלייכגילטיקייט. דער ווייטיק האט אין איר א ברום געטאן: אלפרעדא ליגט אין קבר... צוריק מיט איין מעת־לעת איז ער געווען פול מיט גלויבן... מיט אימפעט, מיט פרייד... און דו רחל, וועסט ווידער ליידן און ווידער לעבן!.. די וועלט וועט אן אלפרעדאן נישט אונטערגיין... די גערטנער, די סעדער וועלן בליען... טייכן וועלן פליסן אין זייער אייביק סודותפולן געפליסטער, זיך טראגן פון איין לאנד אין אנדערן... מענטשן וועלן ווידער איינער דעם אנדערן שלעכטס טאן, זיך האסן אן א פארוואס און צעפרעסן ווערן פון קנאה און אייפערזוכט. מיידלעך און בחורים וועלן ווידער חלומען פון אייביקער ליבע און זיין ראמאנטיש, אויך פאראטן איינס דאס אנדערע, זיין פרעך און אחזריותדיק. קינדלעך וועלן געבוירן ווערן, א סך וועלן שטארבן, אויסגיין פון בענקשאפט נאך שיינקייט, פון ווייטיק, וואס קיינער האט זייער שיינקייט נישט דערפילט... די שטארקערע — זיי וועלן זיך ראנגלען — וועלן דורך טייכן פון אייגענעם בלוט שווימען אלץ ווייטער און ווייטער... זיך נישט לאזן פארשלינגען פון די צעשטורעמטע ים־כוואליעס, די שוואכערע, די מוטלאזע, די אומגלויביקע, זיי וועלן פאלן און פאלן, ווי די געוועלקטע בלעטער פון דיביימער..

רחל האט די אויגן פארמאכט און געטריבן פון זיך דעם טרויער. דאס ברומענדיקע ווינטל האט געגלעט די נאסע צעווארפענע לעקעלעך און איינגערוימט אין די אויערן: ווי שיין עס איז דאס לעבן... זיי מילד ווי א טויב, און שטארק ווי א וואלף... האב מוט, רחל, וועט די וועלט דיר געהערן, די ליבע און דאס גליק.

זי האט א קרעכץ געטאן, ווי א געבונדענע און אפגעענטפערט:

— ווי גוט עס וואלט געווען, ווען איך קען אוועקשענקען א העלפט פון מיינע יארן אלפרעדאן און אים צוריק לעבעדיק מאכן... פארוואס האבן „זיי" אים פארשניטן? ווייי און ווינד איז מיר!..

— די וועלט געהער, קינד מיינס, דיר — האט זיך דאס ווינטל פארשייט געדרייט ארום איר — די ציינדער פון מלחמות וועלן פארשרפהט ווערן אין זייער אייגענעם פייער; גיי צו די מוטיקע און ריינע — צווישן זיי וועסטו דיין כוח געפינען.

רחל האט צוגעווארפן א בליק צו דאן טשיטשעס שטוב און דער ריח פון הארעסיאס קרויזן איז אויפגעגאנגען ארום איר, געוועקט די בענקשאפט נאך אים. זי האט זיך דערשראקן... די פיס האבן זי ארייגעפירט אין שטוב. זי האט נישט געוואוסט פון וואס אנצוהויבן, כדי „אויפצולעבן" די צעבראכענע היים. צוגעגאנגען צו דער שאפע, ארויסגענומען עטלעכע בילדער אין פיין געשניצטע רעמלעך, איינס פון רמב"ם, דאס אנדערע פון סארמיענטא, פון לענין און פון אלמא פוערטע און זיי אלע אויפגעהאנגען אף די ווענט. שטיין געבליבן אין מיטן שטיבל, זיך ארומגעקוקט און שווער געזיפצט. אפשר וועט איצט זיין היימלעכער... אים געזען נעבן דער באן־ליניע... זאל ער לויפן. אים אף צולהכעיס וועט זי זיך אין די הענט אריינ־

נעמען, וועט ווערן אַ מענטש... ווייסט ער כאָטש, דער לייכטזיניקער יונג, אַז אַלפּרעדאָ איז טויט? אַז ער האָט אַ האַלב־טויטער דעם שונא זיינעם אַוועקגעלייגט? זאָל ער גיין... אָרעמער טאַטע, אָרעמע באַבעניו, פאַר וועמען איז אייך אַזוי שווער געוועז דאָס לעבן? ווי איז מיר!..

האָראַסיאָ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. רחלס פאַרשטיינערטקייט, איר שעפּטשען, די חרובע שטוב — האָט אויגנבליקלעך אָפּגעווישט דעם ברייטן, פאַרשעמטן שמייכל אַרום מויל, דעם קוראַזש פון אומשולדיקן, די פרייע האַלטונג, וואָס ער האָט אויסגעוואָרעמט אין זיך פאַר אירעטוועגן. זי האָט אַ ציטער געטאָן, אינסטינקטיוו דערפילט זיין אַנוועזנהייט, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר. פון שרעק און אומדערוואַרטונג האָט דאָס האַרץ געגעבן עטלעכע האַסטיקע קלעפּ, זיך אויפגעהויבן און מיט איינמאָל צוריק געפאַלן; שטיל געבליבן, ווי דאָס לעבן אין איר וואָלט זיך אויסגעלאָשן.

האָראַסיאָ איז צו איר צוגעגאַנגען. בלייכקייט האָט געציטערט אַרום זיין מויל, איבערמענטשלעכער ווייטיק. אַ ווײַלע האָבן זיךביידע דורכגענומען מיט די בליקן. רחל האָט די טויטע שטילקייט איבערגעריסן:

— נאָך וואָס ביזטו אַהער געקומען?

זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים. צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגענומען אַ דין כאַלאַט, איז אַריין אין קיך, זיך איבערגעטאָן. געהאַמעוועט דעם געשריי, וואָס האָט געשפּאַרט צום האַלדז אויסצוגיסן זיך אַף אים. אַרומגענומען אַרום זיך דער באַבעס ווייסן שטוב־פאַרטוך, גענומען דעם עמער אין האַנט און זיך געלאָזט אין גאָרטן נאָך וואַסער. האָראַסיאָ איז איר אַנטקעגן געקומען. האַרטקייט איז געוועזן אַרום מויל און באַנג. זי איז אַריין אין שטוב, אַוועקגעשטעלט דעם ליידיקן עמער און אָנגעהויבן מאַכן אָרדענונג. האָראַסיאָ איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און צאָרנדיק די אויבערשטע ליפּ געביסן: ניין, איצט וועט ער גאָרנישט זאָגן, זאָל זי איבערווייטיקן... רחל וועט צו זיך קומען, וועט אַלץ מוחל זיין, אַלץ...

ער האָט אויסגעטאָן די פּיזשאַמע, פאַרקאַטשעט די הויזן ביז די קני און אָנגעהויבן אויסקערן די שטוב.. רחל האָט אויפגעהויבן צו אים אַ רוגזהדיק בערדעלע, ווי די באָבע, ווען זי איז געווען באַטריבט, די אויגן האָבן געפינקלט מיט קאַלטקייט:

— גיי, איך בעט דיך, שטער מיר נישט!..

האָראַסיאָ האָט נישט געפאָלגט. רחל איז צוגעגאַנגען צום טיש און מיט אַ ווייז־פינגער געוויזן זיין קעסטעלע מיט די מתנות. קרענקלעכע בלויקייט האָט געציטערט אַרום איר מויל:

— נעם דיר דיינע זאַכן!..

כעס האָט אַ ברען געטאָן אין זיינע אויגן, באַליידיקונג. ער האָט כמורנע די ברעמען צונויפגעצויגן:

— גוט.. אויב דו האָסט מיך מער נישט ליב — איז נישט... איך

וועל דיר נאָר העלפֿן ריין מאַכן די שטוב... מיר זיינען דאָך שכנים... אַלטע פֿריינט, צי דאָס אויך נישט?..

די לייכטקייט פֿון זיין טאָן, די זיכערקייט איבער איר, האָט איר געשניטן ווי מיט אַ מעסער. בלויע פֿונקען האָבן אַ שפּריץ געטאָן פֿון די בליקן, דער באַליידיקטער שטאָלץ פֿון אַן אָפּגענאַרטער — האָט ווי אַ בוואַליע מיט בלוט פֿאַרפֿלייצט די אברים, זי נישט געלאָזט איינשטיין. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן פֿון בענקל דאָס שוואַרצע מאַנטעלע און איז אַרויס פֿון שטוב. האַראַסיאַס בליקן, ברייטע און שטומע, האָבן איר נאָכגעפֿאָלגט. ער האָט אויפֿגערוימט, אָפּגעוואַשן דעם פּאָל און אַרויסגענומען פֿון שאַפֿע אַ ווייס טישטעך, פֿאַרשפּרייט דעם טיש, האָט באַהאַלטן אין שאַפֿע דאָס קעסטעלע מיט די מתנות, אָנגעריסן ווייסע רויזן אין גאָרטן און זיי אַפֿן טיש אין אַ כלי וואַסער אַוועקגעשטעלט. איז אַריין אין קיך, געמאַכט פֿייער, אָנגעוואַרעמט אַ טשייניק וואַסער, געמאַכט אַ מאַטע און געזופּט איינע נאָך דער אַנדערער שפּאַנענדיק אַהין און צוריק ווי אַ לייב אין אַ קליינער שטייג. ער איז צוריק אַריין אין שטיבל, זיך אויסגעצויגן אויף רחלס בעטל און אונטערגעפּייפֿט אַ טרויעריקן ניגון פֿון אַ טאַנגאָ. בענק־שאַפֿט איז געווען אין די טענער און אומרו. זיך באַלד אויפֿגעזעצט און אומ־ביחהדיק געשמייכלט: איז אַוועק די קליינע אָן אַ וואָרט צו זאָגן... — האָט די באַליידיקטע מענערישע גאווה אַ טאָטשע געטאָן — דער באָבעס עקשנות לעבט אין איר... די ליידן האָבן זי געשטאַרקט...

און דוני?... וואָס טוט זי איצט, די פּרעכע מויד?. אָרעמע! זי איז גרייט אַפֿן ערגסטן... זי וועט ווי אַ טיגער פֿאַרטיידיקן איר ליבע... וועט נישט אַנטלויפֿן פֿאַר יעדער נאַרישקייט... און ער האָט זיך זשעדנע די ליפּן באַלעקט.

דער ריח פֿון גרעטאַס לאָקן איז פּלוצים אויפֿגעגאַנגען אין אים, ער האָט אַ שווערן סאָפּע געטאָן. אומהיימלעך צעקנוידערטע וואָלקנדלעך האָבן זיך געטיקט אין די אויגן, די ליפּן האָבן זיך געקרימט:

— כאָטש נאָך איין מאָל... שעד...

מעכאַניש אויפֿגעהויבן אַ האַנט און געווישט דעם שווייס פֿון בלייך געוואָרענעם שטערן. ענגשאַפֿט האָט געשטיקט אין האַלדז. דאָס בלוט אין די אָדערן האָט ווידער געשרפֿהט. די אומרו האָט אים אַרויסגעטראָגן פֿון שטיבל, פֿון צווישן די אָפּגעחלשטע צווייגן — דורכגעוועבט מיט רויטע און גרינע זון־שטראַלן — האָבן זיך בינטלעך מיט לאָקן אויפֿגעהויבן, געפֿלאָכטענע פֿון גאָלדענע קייטן אין ווייכע שטאַרקע הענט. פֿאַרצוקנדיקע, זיך געוויקלט אַרום אים, געשרפֿהט דאָס לייב.

ער איז געוואָרן צעטומלט, האָט אַ צעפּיר געטאָן פֿאַר זיך מיט ביידע הענט און געטריבן דעם געשפּענסט. די מאַמע איז אים אַנטקעגן געקומען, אָן אַראָפּגעזעצטע און אַ דערשלאָגענע:

— גיי זון טרינקען די קאַווע. גיי!

געבעט איז געווען אין איר קול. זי האָט אויפֿגעהויבן צו אים געטרייע

בליקן און אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז צו די פיס. שרעק, צער און ווייטיק האָט געענבערט איר מוח ביז אומקום: אָ, „זי" האָט אים שוין אַלץ דערציילט... ער איז שוין אַן אַנדערער... זי וועט אים צונעמען פון מיר... אַן עקשן דאָס אינגל, איינגאַנצן דער טאַטע.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און זיך אימפּעטיק אַ טראָג געטאָן צוריק.

קיל, מחיהדיק פריש איז געווען אין שטיבל. נאָר דער אומעט אין די ווינקלען האָט געוועקט אין אים אומניחהדיקייט, כסדר דערמאָנט אין דער אַלטער. ער האָט אַרויסגענומען אַ בוך פון קליינעם ביבליאָטעקל, געפּרוּווט לייענען און נישט געקענט. פון יעדן אות איז פּלוצים געוואָרן גרעטאָס אַן אויג — אַ קאַלטס ווי פון שטאָל און אַ באַזויממטס מיט צעשוימטע רויטע זייפן־בלאָזן. אַ וואָרף געטאָן דאָס בוך אויפן פּאָל און דורך בייזער צייני קריצעניש געבורטשעט: ניין, האָראַסיאָ איז נישט קיין פּסיכאָפּאַט, ער וועט זיך נישט לאָזן באַהערשן פון שגעון... אַ סוף מוז נעמען צו דעם...

ווידער האָט די מענערישע אייגנליבע געדודערט: רחל האָט אים פאַרשעמט... אפילו קיין פאָרוואורף נישט געמאַכט. נישט אַזוי נעמט מען אויף אַ חתן, וואָס איז פּלוצים פאַרפאַלן געוואָרן... און אפשר האָט גאָר עפּעס שלעכטס מיט איר פּאַסירט?... אַן אַנדער מיידל וואָלט אַזוי נישט געטאָן... ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און געוואַרט... יעדע מינוט — איז געווען אַן אייביקייט...

פאַרנאַכט איז רחל אַהיימגעקומען אַ שטילע, אַן אַראָפּגעזעצטע מיט אַ יום־כיפּורדיק פּנים און געוואַלדיקער אומרו אין די אבֿרים, אפילו קיין קוק צום חתן נישט געטאָן. האָט אויסגעטאָן דאָס מאַנטעלע, עס אַריינגעהאָנגען אין שאַפע, אַרויסגענומען פון האַנט־בייטל אַ פּעקעלע מיט אַ פּאָר פרישע זעמעלעך און אַ פרעמדע מיט אַ העשענדיקער געבראָכנקייט אין די אבֿרים — אַריינגעגאַנגען אין קיך. דאָס געוויין פון אַלפּרעדאָס מאַמע מיט זיין שוועסטער, וואו זי האָט אַ גאַנצן טאָג מיטגעטרויערט — איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט קיין כּוח נישט געהאַט צו שטיין אויף די פיס. זי האָט אָפּגעבאָסן אַ שטיקל פון זעמעלע, געקייט זייער פּאַוואָליע און אומניחהדיק, ווי די האָנגלען וואָלטן זיך שוין אָפּגעווינט פון זייער אויפגאַבע. דאָס האַרץ האָט זיך געריסן צום חתן, אים צו טרייסטן און אַליין אויך געטרייסט צו ווערן, נאָר דער באָבעם פאַריסן בערדעלע, דער האַרטער טויטלעכער בליק — איז געהאַנגען איבער איר, געהאַמערט און געמאָנט: ווערסט נישט נאָכגעבן... האָסט דאָס מיר צוגעזאָגט... האַלט אויס!..

שרעק און חרטה האָט געברענט אין רחלען, צעמישונג. דער עלנט, דער רחמנות צו זיך אַליין האָט זיך געבעטן, געבראָכן איר באַליידיקטן שטאָלץ:

— ליבע מוז אַלץ פאַרגעבן — אַלץ... גיי אַריין צו אים... זע ווי אומגליקלעך ער איז!...

נאָר פּלוצים האָט זי דערפילט אַ ברענענדיקן ווייטיק אויפן הינ־

טערשטן טייל פון קאָפּ און אַ דערשטיקטער רעווע האָט זיך אַרויסגע־ריסן פון איר. האַראַסיאַ איז אַריינגעלאָפן און מיט די שפּיצן פון די פינגער לייכט און דערשראָקן באַרירט אירע צוקענדיקע אַקסלען און שטיל אַ זייע געטאָן צווישן די ליפּן:

— גענוג רחל!... רחלעעע!

געבעט איז געווען אין זיין קול, געריר־טקייט און כעס.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די צעפּייניקטע אויגן, אָנגענומענע מיט פאַרצווייפלונג. זיין גוטקייט, דער געפיל פון אָנווערן אים, דער באַ־בעס שאָטן, וואָס האָט ווי אַ קאַלטע שווערד געהאָנגען איבער אירע שוואַכע פּלייצעס, זיין צעוויגטע פיגור: גרעטאַ איז אַ וואַרעם ווייב... אַלפרעדאָס לעצטער שמייכל... זיין מאַמעס האַלב־משוגענע העשען — האָט זיך ווי אַ שווערע לאַסט אַראָפּגעלאָזט אויף איר, זי איינגעבראָכן. האַראַסיאַ האָט זיך דערשראָקן פאַר דער געלקייט אַרום די ציטערדיקע ליפּן, פאַר דער גסיסה.

— וואָס איז מיט דיר, רחל? נעם דיך אַריין אין די הענט... טו ראָס פאַר מיר, פאַר דיין האַראַסיאָן!...

די חרטה אין זיין קול, די גוטקייט, האָט זי נאָך מער צעבראָכן. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און אַ טיף האַרצרייסנדיק געוויין האָט אַ פּלייץ געטאָן פון האַרץ, פון יעדן אבר, געפלאָסן מיט כוח און מיט מאַנונג, אָנגעפילט זיין האַרץ. די ווענט, די פלאַנצן אונ־טערן פענצטער האָבן מיטגעוויינט. ער האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ פרעמד קול:

— גענענוג!

רחל איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן. אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים. אַ לויטערס, אַ געהייליקטס ווי דאָס פּנים פון דער באָבען — נאָכן אָפּ־זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. שטיקער כוח, ווי שוואַרצער גראַניט, האָבן זיך געריסן פון אירע ברייטע בליקן, געהאַמערט איבער זיין געבויגענעם קאָפּ און שטומערהייט געמאָנט און באַשולדיקט...

קאַפּיטל 37

אויפן מזבח פון אומגערעכטיקייט

אַ לייכטער און אויסגעדאַרטער, אָנגעשפּאַרט אויף אַ הויכער הילצערנער קוליע, האָט זיך יאָסל פּלוצים באַוויזן אין געסל. קליינוואַרג זיינען אים דעם וועג פאַרלאָפן, געפּרואווט אַריינשרייען אין דער ווייסקייט פון זיין געבויגענעם קאָפּ און אין אויפגעצאַפּלטן שטיקל אָרעם:

— דאָן כאָפּע, די באַבעניו איז געשטאָרבן...

— דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזט די פּריילן ראַקעל... ער האָט שוין אַן אַנדערע, אַ דייטשישע באַראָנעסע...

יאָסל האָט אַ צעפּראַל געטאָן דאָס טירל און איז אַריין אין הויף אונטערהינקענדיק אַף די פֿיס. גרויע פאַריתומטקייט איז אים פון דאָרטן אַנטקעגן געקומען און אַ דערוואָרגן געוויין. ער האָט אָפּגעאָטעמט פרייער און אויפגעהויבן דאָס פּנים צו די שפּיצן פון די ביימער, אַ לעצטער צעשמייכלטער שטראַל האָט געציטערט צווישן די בלעטער און אַ לייכט ווינטל איז מיט געפּענטעטע גדלותדיקע טריט אומגעגאַנגען צווישן די ביימער און מיט פרום פאַרצויגענע ליפּן געברומט און געוויגט די טרוקענע גראָזן.

יאָסל האָט מיט דער פאָלע פון דער צעפליקטער פּיזשאַמע אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און געפילט אַף זיך די נייגעריקע בליקן פון די שכנים, וואָס האָבן באַלאַגערט דאָס פלויטל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אומהיימלעכס האָט ווידער געטראָפן מיט זיין טאָכטער. האָט אַ קוק געטאָן צום פאַרשלאָסענעם טירל פון שטוב און די פּוסטקייט אין האַרצן איז געוואָרן טיפער און ווינטיקער. דאָס שמאָלע, דורכלויכטיק בלייכע פּנים האָט זיך ווייטיקלעך צעקרומט, די שטילקייט האָט אים געשראָקן. די אָפענע לבנה, ווי אַ גרויסער קרישטאָלענער באַלעם, איז פון צווישן די בלייכע, צערויזטע וואָלקנס אַרויסגעשוואומען און געקוקט אַף אים מיט שטומען ערנסט, מיט פרייינטשאַפט.

ער האָט געהערט די קולות פון קליינוואַרג, דאָרטן אין מחותנס שענקל:

— דאָן טשיטשע, דער איד, דער קאַליקע, איז שוין צוריקגעקומען.

— ער זעט אויס ווי אַ בעטלער... איז געוואָרן אַלט!...

די פיס האָבן יאָסלען אַ טראָג געטאָן צום שטיבל, ער האָט זיך אָנגעלענט אַף דער קוליע און אָנגעהויבן אָפּדרייען דאָס שלעסל פון טירל. די שטומע בליקן פון די שכנים האָבן אים פאַרפאָלגט און געפייניקט.

אויך דאָן טשיטשע איז געוואָרן אומרואיק. די צוויי קאָטערישע וואָנצעס זיינען געוואָרן שטייף און בייז. ער האָט אָפּגעווישט אין זוים פון ווייסן פאַרטוך די פעטקייט פון די הענט און אַ געבויגענער, מיט ברייטע צענומענע פיס, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ האָט ער אַריינגעשפּאַנט אין קיך, די אויגן האָבן זיך געריסן פון די אויגנלעכער, און מיט אַ גראָב אומרואיק קול געזאָגט:

— פּילאַר, פּילאַר, דער איד, דער קאַליקע, איז שוין ווידער דאָ... וואָס וועט איצט זיין, אַ, דיו!...

צערודערונג און מאַנונג איז געווען אין זיין קול. די אַלטע, וואָס איז געשטאַנען באַם אייוועלע און געשוימט די יויך, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מאַן און געקוקט אַף אים מיט ברייטע בליקן, אָנגענומענע

מיט צעטומלונג, מיט פּײַן, פֿאַרגליווערטע אימה האָט געוויִעט פֿון זיי. פֿון די נידעריק פֿאַרויכערטע ווענט, פֿון די גרויסע אײַזערנע טעפּ איבערן אײַוועלע, פֿון די לאַנגע, רויט־בלויע פֿלעמלעך צווישן די ברענענדיקע קוילן אין די פּייערקעס, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ בייזע וואָרענונג. דער אַלטער האָט זיך פֿאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, אויסגעצויגן דעם קאָפּ אַף פֿאָרויס:

— אפשר אַלטינקע, אַ שמועס טאָן מיטן זון? זייער שטיל צווישן די ליפּן געזייעט: — ווי לאַנג איז דער תכלית צו שווייגן און צו וואַרטן?..

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. און די באַוואַקסענע בראָדעווקע אַף דער באָרד, האָט אָן אויפֿהער געציטערט. דער אַלטער האָט סודותדיק ווידער צוגעגעבן:

— וואָס אייגנטלעך האָבן מיר איצטער צו טאָן מיטן קאַליקע... דעם זון איז נמאס געוואָרן אונדזערע טענות... ער האָט שוין אַן אַנדערע... שכנים דערציילן — די כּלה זײַנע איז אַ גרעפֿן... פֿון דײַטשן אַפּשטאַם... זי וויל אָבער נישט קומען אַהער. מיר שטייען איר נישט אָן!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ האַרטער קרענקלעכער שמייכל האָט זיך אָפּגעזעצט אין די טיפֿע קאַרבן אַרום מויל און אַרום די אויגן, די אַנגענומענע מיט פֿאַרשעמונג... די אַלטע האָט פֿאַרבראָכן די פֿינגער פֿון די הענט און זיך צעשאָקלט אַהין און צוריק, געקרעכצט ווי אַ געבונדענע:

די נײַע איז גאָר אַן אַנדערע... אַ שטאָלצע, נישט ווי די קליינע... זי וועט אים אײַנגאַנצן צונעמען בײַ אונדז... וועסט זען, פֿאַרשטייסט.

— ער שעמט זיך מיט די אייגענע טאַטע־מאַמע... ווי עלנט, ווי אומגליקלעך מיר זײַנען... אַ חרפּה און אַ בושה פֿאַר די שכנים... — האָט דער אַלטער צוגעגעבן.

זי האָט זיך שטיל צעוויינט. אַרײַנגעהעשעט אין די הענט. דער קאָפּ, די הכנעהדיקע פּלייצע האָבן מיטגעוויינט.

יאָסל האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צום גאָרטן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער גאָר נאָענט וויינט. ער איז אַרײַן אין שטיבל און זיך אַראָפּגעלאָזט אַפֿן זוים פֿון רחלס בעטל. דער אומרו האָט געבויערט דעם מוח. וואָס אייגנטלעך איז צווישן די קינדער פֿאָרגעקומען? האָט רחל געמאַכט פֿאַרוואָרפֿן דעם חתן? וואָס איז האָראַסיאָ שולדיק, אַז דער טאַטע זײַנער איז אַ בהמה? — אוי, אַ וועלט... אוי אַ צײַט...

זיך ביטער אויסגעזיפֿצט און אײַנגעזאַפּט אין זיך די שטוביקע ריינקייט. פֿון יעדן ווינקל האָט געקוקט צו אים דער שוויגערס בנימותדיק פּנימל און די בלויע גלויביקע בליקן. אים איז געוואָרן ענג אין דער ברוסט. דאָס ווייס באַצויגענע בעטל אירס האָט אויסגעזען ווי אַן ערשט־פֿאַרענדיקטע מצבה. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער שאַפֿע, אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ ריינעם האַנטעך מיט ריינע אונטערוועש און ריינע בלויע אַרבעטס־הויזן מיט אַ פּיזשאַמע, אַרײַנגעהונקען אין באָד־צימער און צוריקגעקומען אַ באַנייטער. זיך אויסגעצויגן אַף דער טאָכטערס בעטל מיט טיפֿע בליקן אַנגענומענעם מיט באַנג — געקוקט אַף דער ווייסער דעק פֿון הער אַלטערס

בעטל, געוואָלט פון איר אַרויסקריגן דעם אמת פון דער שוויגערס פלוצימ־דיקן טויט. אויפגערוימטע שטילקייט האָט געלויערט פון די ווינקלען. די ווייסע און בלויע רויזן אונטערן פענצטער, די בלייכע שטיקער שיין צווישן די גרינע צווייגלעך; די חשיבות פון די בילדער אף די ווענט; דאָס נייע ביבליאָטעקל מיט ביכער נעבן דער טאָכטערס בעטל — אַלץ האָט געקוקט אף אים מיט וואַרעמען שמייכל און מיט פרייד, מיט טיפער באַ־האַלטענער פאַרשעמונג...

אָנגעקומען איז רחל. פון איבעראַשונג שטיין געבליבן קעגן טאַטן און געקוקט אף אים מיט ברייטע, טיפע בליקן, אָנגענומענע מיט שטוינען, מיט אומגלויבלעכקייט. יאָסל האָט זיך אויפגעזעצט אין בעטל, מיטביידע פיס אַראָפגעלאָזט און מיד געשמייכלט. דאָס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון דער פיזשאַמע האָט אָן אויפהער געצאַפּלט. צעפּעסטעטקייט האָט געצי־טערט אַרום רחלס מויל און דערשטיקטער ווייטיק. יאָסל האָט איר אַנט־קעגנגעשטרעקט די האַנט:

— נו! שוין!.. מען דאַרף נישט... מען טאָר נישט וויינען...

זי האָט ראַפּטום אַרויפגעלייגט ביידע הענט צו זיך אפן פּנים און אויסגעבראָכן אין א געוויין, אַריינגעיאָמערט אין זיך אַזוי טיף און האַרצרייסנדיק, ווי זי וואָלט פאַרלוירן אַלע האָפענונגען פון לעבן... מיט־אַמאָל שטיל געבליבן, ווי זי וואָלט זיך איבערגעבראָכן אף צווייען, אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, אויסגעווישט די טרערן פון פּנים און צוגעגאַנגען צום טאַטן, אַריינגענומען זיין קאָפּ אין די הענט און אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך... עטלעכע מאָל א קוש געטאָן און געגלעט די צעשויבערטע ווייסע האָר. דאָס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון דער פיזשאַמע האָט אומרואיק גע־צאַפּלט. יאָסל האָט אומרואיק געפליסטערט:

— גענוג, רחל... מען דאַרף נישט... נו, שוין, שוין!..

אף דער נאַכט האָט א גרויסער בליץ־לאָמפּ געברענט אין שטיבל. יאָסל מיט דער טאָכטער זיינען געזעסן אין גערטנדל אונטערן אָפענעם פענצטער, צווישן די פריש־באַגאָסענע בלומען און געטרונקען מאַטע. רחלס פּנים איז געווען אויפגערוימט און ערנסט. אין די אויגן האָט געשרפהט א מאָדנער כוח און איבערמענטשלעכער צער. יאָסל האָט אויפגעהויבן צו איר די בליקן ווייכע און געטרייע, זי לאַנג און שווייגנדיק באַטראַכט. רחל האָט אַריינגעקוקט אין די טונקעלע שטנס צווישן די ביימער, ווי זי וואָלט אף עמיצן געוואַרט.

— טאָכטער — האָט יאָסל פלוצים די שטילקייט איבערגעריסן — וואָס האָט דאָ געטראָפן מיט דער באָבען? וואָס פלוצים?...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן אף איר די מאָנענדיקע בליקן. רחל האָט אַראָפּגעשלונגען א זיפץ און די הייסע פלעמלעך אין די בליקן זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אויסגעלאָשן און וויינענדיק. דער טאַטע האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

נו, שוין, מען דאַרף נישט, מען טאָר נישט וויינען!... און וואו איז

האַראַסיאַ? איך ווייס באמת נישט, מיין קינד, ווי אַזוי אים האָט זיך איינגעגעבן אונדז אַרויסצורייסן פון דאָרטן!... ער האָט פשוט דערגרייכט דאָס אומעגלעכסטע...

רחל האָט אים דורכגענומען מיט אַ טיפן בליק און זייער שטיל געפרעגט:

— וואו איז באָריס? ווי אַזוי זעט ער אויס?..

— זייער גוט, מיין טאַכטער. זיין שפּאָט האָט געשפּיגלט אין שונאס פּנים... זיין אויסדויער האָט אונדז אַלעמען איבעראַשט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און די טיפע קאַרבן אויפן שטערן און אונטער די אויגן, האָבן אויפגעשיינט מיט אַ וואַרעמען שמייכל, אַן אָנגענומענעם מיט נצחון.

רחל האָט צוגעבויגן צו אים דעם קאָפּ און אַריינגעמורמלט אין זיין פאַרטראַכטן בליק:

— טאַטע, זאָג מיר... זיי האָבן אייך געפּייניקט... בא דער באָבען האָב איך גאָרנישט געקענט דערגיין.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אף ניין.

זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ קניפּל מיט געגליווערטע טרערן און דער ווייטיק, דער געפיל פון שולדיקייט און אויך איבערמענטשלעכער רחמנות צום טאַטן, וואָס קומט אָפּ צוליב איר זינד — האָט געריסן שטיקער פון באַליידיקטן האַרץ, זי געפּייניקט ביז אומקום. יאָסל האָט אַריינגערעדט אין די צעוווייעטע גראָזן, די דורכגעוועבטע מיט שטיקער נאַכט:

— באָריסן וועט זייער ווי טאָן דער באָבעס פּלוצימדיקער טויט... ער האָט זי ליב געהאַט... אַ ווילער דער יונג. ער גייט, זאָגט ער, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם טפיסע־גלאַנץ... האָט נישט ליב קיין „לוקסוס"...

רחל האָט איבערגעטראָגן די צעפּייניקטע בליקן צו דער סטעזשקע און די אומרו אין איר האָט ווידער נישט געלאָזט זיצן און זאָרגן. אין דעם איז בעטי אָנגעקומען, אַ ברייטע און אַ שווערע מיט אומעטיקע בליקן, אָנגענומענע מיט אומבאַשטימטקייט; אויסגעשטרעקט ביידע הענט און דורך פריידיקע טרערן אויסגערופן:

— גאָט צו דאַנקען, וואָס מען זעט אייך שוין איינינעם — טאַטע און טאָכטער... גאָט צו דאַנקען!...

גערירטקייט איז געווען אין איר קול און איבערמענטשלעכע געטריי־קייט, ערלעכקייט. רחל האָט זיך אויפגעהויבן און מיטן ווייז־פינגער געוויזן אַפן בענקעלע נעבן טאַטן:

— זעץ דיך, בעטי, וועל איך דיר געבן אַ מאַטע.

בעטי האָט זיך אוועקגעזעצט און אַרויפגערעדט צו רחלען:

— וואָס אַזוי פאַרדאַגעט, קינד מיינס? שוין, פון איצט אָן האָף איך, וועט דיר שוין זיין יעט... דיר און אויך דעם טאַטן..

אין דעם איז באָריס אָנגעקומען. העכער און פעסטער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אַנצוג מיט ווייסע שיך, בענקשאַפט האָט גענעסטיקט אַרום מויל

און אין די בליקן. רחל האָט אים אנטקעגן געשטרעקט בײדע הענט און פארלוירן געשמײכלט. בעטי האָט זיך אויפגעשטעלט און געקוקט אף אים מיט פײכטע בליקן, געטרײע אָנגענומענע מיט באַוואונדערונג:

— ווער וועט זאָגן, אז באָרים קומט איצט פון א תפיסה?..

ער האָט איר דערלאַנגט די רעכטע האנט און איר אָפּגעגאָסן מיט בײסיקע שמײכלען פון די ברײטע בליקן:

— אז מען קומט פון „דאָטשע", מוז מען אויסזען גוט. — און וואו איז די באָבע? — די בליקן צום אָפענעם פענצטערל איבערגעטראָגן.

בעטי האָט אים אַ ציפּ געטאָן פאר א פּאָלע פון רעקל און אים מיט די בליקן אָנגעזאָגט די בשורה. ער איז אנטשוויגן געוואָרן. טיפער באַנג האָט זיך געשניטן אַרום זײן מויל, װײטיק. רחל האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דער געפיל פון שולדיקײט האָט געהאמערט אין די אברים, איר קײן רו נישט צוגעלאָזט.

באָרים האָט זיך אראָפּגעלאָזט אפן בענקעלע נעבן יאָסלען און בעטי מיט רחלען קעגן זײ. די בלויע שײן פון בליץ־לאָמפּ איז געפאלן אף די שטומע פּנימער זײ צוגעגעבן אַן אײדעלן גלאַנץ. באָרים האָט די שטיל־קײט איבערגעריסן:

— דער נײער דור וואָלט זיך געמעגט לערנען בא די אַלטע אידישע באָבעס מיט די זײדעס, בײצושטײן די אחזריות פון שונא ישראל, רחל... אַ לויטערער מענטש געווען, די באָבע, אַ שאָד!.. אַ שאָד...

אנטשוויגן געוואָרן, אויפגעהויבן די בליקן צום אָפענעם פענצטער, ווי ער וואָלט געוואַרט צו הערן פון דאָרט איר פרײנטלעך קול, וואָס איז אים אַזוי הײמיש געוואָרן. בעטי האָט די שטילקײט איבערגעריסן:

— איצט, באָרים, זײט פאָרזיכטיק. די שטאָט איז ווי א פאס מיט פולווער... די הײמישע נאַצים האָבן זיך אויסגעלערנט בא די גערמאַנער און זײ ווילדעוועז, די מיאוסע ווערעם...

ער האָט איבערגעטראָגן צו איר די בליקן, שפּיציקע און קלוגע:

— נו, וועל איך מיר ערלעך פארדינען דאָס שטיקל ברויט — צווײ־דײטיק געשמײכלט — זאָלן די „בעסערע" לײט נישט וואָיען ווי די שאַ־קאַלן: אידן זײנען אויסנוצער... אידן, אידן...

יאָסל האָט געקוקט אף אים מיט װאַרעמע בליקן, געטרײע. אויך רחל מיט בעטין האָבן נישט אראָפּגענומען פון אים די בליקן. זײ האָבן נישט באַנומען זײן רואיקײט, דעם שפּאַסיקן טאָן. ער האָט ווידער צוגע־געבן:

— אַפילו די אומזיסטע „קעסט" פארגינט מען אונדז נישט!.. נו, וועל איך זײ מיר כשר און ערלעך פארדינען!..

אנטשוויגן געוואָרן. אַ קוק געטאָן צו דאָן טשיטשעס טיבל און זײער שטיל אין די בלויע וואָלקנדלעך ארײנגעמורמלט:

— וואו איז האָראַסיאָ?... אפשר האָט מען אים ארײנגעזעצט אין הדר־גדיה? א מלאכה בא זײ...

האָראַסיאַ איז געשטאַנען אין גאָרטן צווישן די שטייפע צווייגן פון פייגן־בוים און מיט אומרואיקע חושים אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט זייערס. ערנסט און באַנג האָט וויבּרירט אַרום די שוואַרצע וואָנצעלעך און אַרום די צעשמייכלטע אויגן... ניין, ער וועט אַהין מער נישט קומען... — האָט די באַליידיקטע אייגנליבע געבושעוועט אין די אברים — רחל פאַרשווינדט בכיוון אויף גאַנצע מעת־לעתן... דאָס טוט זי אים אויף צולהכעיס... מיינט זי וועט אים אָנלערנען... זי נאַרט אָבער נאָר זיך אַליין — ער ווייסט, זי ליבט אים פונקט ווי פריער... ניין, נאָך שטאַרקער... מיט טויזנט מאָל מער ברען און געטרייקייט... ווייל אַנדערש קען זי נישט. ווייל אַזוי איז רחל. אַ מאַמע קען אַזוי פיל פאַרגעבן און פאַרשטיין... קליינע, טייערע. מאַמעלע מיינע! אָבער פאַרוואָס מאָנט זי נישט קיין דערקלערונג? איגנאָרירט אים בכיוון?... — האָט פּלוצים די אייפערזוכט אַ פּיק געטאָן אין האַרצן, געזופּט דאָס בלוט ווי אַ וואָרעם. — נייען, טויזנט מאָל ניין! רחל וועט קיינמאָל קיין שום אַנדערן מער נישט ליבן!.. זי ליידט ווערט פאַרשרפהט פון בענקשאַפט... נאָר דער באָבעס עקשנות לעבט אין איר און לאָזט נישט נאָכגעבן...

אָבער פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי געענדערט, רעכנט זיך נישט מער מיט זיינע איבערלעבונגען? — האָט די מענערישע באַליידיקטע אייגנליבע שטיקער געריסן פון אים — ווייסט זי דען נישט, אַז ער וואַרט דאָ יעדן טאָג שעהן לאַנג?... ניין, ער וועט זי מער נישט גיין בעטן... ער טאָר דאָס נישט טאָן... ער וועט אַוועק פון דאַנען. זיך ווידער אַראָפּלאָזן אין אַ זומפּ און זאָל זי מער קיין רו נישט האָבן... זי וועט זיין די איינציקע שולדיקע... איי, וועט זי פילן וואָס דער באָבעס עקשנות הייסט... פאַרשאָלטענע, בייזע אַלטע...

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, די בלייכקייט פון פּנים, די שוואַרצע צעפלויגענע קרויזן האָבן זיך אויסגעטיילט פון דער אַרומיקער באַנאַכטי־קער בלויקייט, די דורכגעוועבטע מיט דינע, זילבערנע פאַסן לבנה־שיין, פון צווישן די גראָזן אַרום אים האָט זיך אויפגעהויבן אַ קיל באַשמעקט ווינטל, און אָנגענעמס מיט די ריחות פון רחלס זאַפטיקן מויל און מיט אָפּגעהאַקטע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער פון באָריסן מיט בעטין. די אומרו און די פרייד האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער געקרענקטער אייגנ־ליבע פון געפּעסטעטן זונדל און געליבטן בחור, וועלכער האָט שוין גע־בראַכט דעם גרעסטן קרבן פאַר זיין מיידלס באַליידיקטער ליבע. און איצט — שטייט ער, דער בחור מיטן געלייטערטן האַרץ אין די הענט און האָט הנאה פון זיין אייגענער דערהויבנקייט, די פאַרשוועכטע און נישט אָנ־ערקענטע...

דערזען באָריסן גיין צום שענקל, האָט אים דער אימפּעט אַ ריס געטאָן פון אָרט. די שטייפע בלעטער פון די בוים־צווייגלעך האָבן גע־פּאַטשט איבערן פּנים און געריסן די צעפלויגענע קרויזן פון קאָפּ. האָראַסיאַ האָט אַ געשריי געטאָן:

— באָריס, באָריס!

און איז אים אנטקעגן געלאָפן, מיט צעגומענע הענט אים ארומגעכאַפּט און ברייט געשמייכלט. די ציין, די אויגן, דאָס גאַנצע לייב און לעבן האָבן מיטגעשמייכלט.

— האָראַסיאָ, מיר וואַרטן דאָך אויף דיר. קום! שאַלטיק, ווי אַזוי האָסטו אונדז באַפרייט? און ער האָט אים אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און געפירט צו רחלען.

זי האָט זיך אויפגעהויבן. אַ טויטע בלייכקייט האָט זיך געשניטן אַרום די ליפּן און אונטער די אויגן. איר איז געגאַנגען אין לעבן, אַז דער טאַטע זאָל דערווייל נישט וויסן, וואָס אַזוינס עס איז צווישן איר מיטן חתן פאָרגעקומען. אומקלאָרקייט האָט אַלץ צעטומלט אירע געדאַנקען. איר איז שווער געווען דאָס לעבן אָן אים און דאָך אויסגעמיטן זיין אַנוועזנהייט. די לעצטע עטלעכע טעג, זינט האָראַסיאָ איז געבליבן אין דער היים, האָט זי מורא באַקומען פאַר זיך אַליין; איז גאַנצע נעכט אַפּגעזעסן אין די פּאַרקן, אָדער ציללאָז געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. געוואוסט, אַז ער וואַרט אויף איר... די בענקשאַפט האָט אויסגענאָגט דאָס חיות פון די ביינער, זי פון די כוחות געוואָרפן און געהאַלטן אין כסדרדיקן קלעם צווישן לעבן און טויט...

בעטי האָט איר אַ צופּ געטאָן פאַרן מינדסטן פינגערל און געשעפּטשעט:

— גיי נישט אוועק קינד, געננוג! ער איז שוין זיינס אָפּגעקומען... זע ווי בלייך ער איז...

געבעט איז געווען אין איר קול און איבערמענטשלעכער מיטגעפיל.

האָראַסיאָ האָט אויסגעשטרעקט צו יאָסלען ביידע הענט, געטריי. היימיש און אויסגערופן:

— אַבי איר זיינט שוין דאָ, וועלן מיר אייך שוין שטעלן אויף די פיס.

גוטסקייט איז געווען אין זיין קול און פרייד. יאָסל האָט אים אָפּגעגאָסן מיט וואַרעמע בליקן, דאַנקבאַרע:

— האָסט באַוויזן וואונדער מיין קינד, אַ שיינעם דאַנק דיר!..

האָראַסיאָ האָט ברייט געשמייכלט און איבערגעטראָגן די בליקן צו באָריסן. אים איז שווער געווען פון בעטים און רחלס שטומקייט. געוואוסט, אַז ביידע וויסן פון זיין בענקשאַפט און געמיינט אַז זיי פרייען זיך... ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ טיפקייט אין קול:

— די קאַנאַליעס, באָריס, האָבן דיך געהייסן גיין...

— אַ! און פון וואַנען האָסטו דיך דערוואוסט?

— אין שפּיטאָל. די פּראַקטיקאַנטן האָבן מיר מיטגעטיילט וועגן דעם — מיט אימפּעט צוגעגעבן און די רוגזה האָט זיך געשניטן אַרום די שווערע אָנגערוקטע ברעמען און אַרום די פאַרנאַשטע ליפּן — איך האָב גלייך טעלעפאָנירט צום דאָקטער ב. מיר האָבן צוגעשיקט אונדזער רעדנונסיע.

באָריס האָט ברייטער די אויגן געעפנט. אומניחהדיקייט האָט א ווייע געטאָן פון די בליקן, באַנג.

— צוליב מיר, האָראַסיאָ, האָט איר דאָס נישט באַדאַרפט טאָן!..

— צוליב דיר, באָריס? צוליב אונדז אַלעמען!..

און ער האָט ארויפגעלייגט זיינע געטרייע הענט אַפן חברס אַקסלען, אים אריינגעקוקט טיף אין די בליקן:

— פון עמיצן, באָריס, מוז דאָך קומען דער אָנהויב...

אנטשוויגן געוואָרן און אויפגעהויבן די בליקן צו רהלען, טיפע און צודרינגלעכע, אָנגענומענע מיט נצחון. זי איז געוואָרן רויט און א ליכטער שוואַכער שמייכל האָט זיך צעווייעט ארום די שווערע, באַרויגעזע ברעמען. האָראַסיאָ איז געוואָרן זיכערער בא זיך. די פרייד האָט א שאָל געטאָן אין אים. ער האָט מער נישט געקענט אומגיין אָן עלנטער, א פארלאָזטער... ער האָט ווידער איבערגעטראָגן די בליקן צום חבר און אריינגערעדט אין זיינע אַקסלען.

— די צייט האָט זיך צו גיך א ריר געטאָן... די היימישע און פרעמדע שונאים פון פאָטערלאַנד, די נאַציזלעך — קערן וועלטן... באַלעבאַטעי־ווען — — — די אויסוואורפן ווערן נישט געשטערט פון די אָרדענונגס־היטער, מיט ביטערניש צוגעגעבן, באַם איבערפאַלן די פארזאַמלונגען פון דער פרייער סטודענטשאַפט... הרגענען יעדן טאָג אומשולדיקע מענטשן...

באָריס האָט אויפגעהויבן צו אים די אויגן ערנסטע און זייער שטיל געענטפערט:

— אויך אף די דאָזיקע מערדער וועט קומען אַמאָל א שוואַרצער סוף — — — די וועלט־רויבער, די לאָרדן אין זיידענע מאַנישקעס הינ־טער וועלכע ס'קלאַפט בלוטדורשטיקע הערצער — מיט זיכערקייט צו־געגעבן — אויך זיי וועלן אריינפאַלן אין די טיפע אָפּגרונטן, וואָס זיי גרייטן פאר אנדערע!... ביז איבער די משוגענע קעפּ באָדן זיי זיך אין אומשולדיקן בלוט...

האָראַסיאָ האָט געקנייטשט דעם שטערן און גוטמוטיק א קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער איבער באָריסעס רעכטן אַקסל:

— נאָר נישט אזוי ערנסט, באָריס! פאַטאַליסט!.. דערווייל וועלן מיר מאָרגן גיין אף דער פּלאַסע לאַוואַזשע צו א מאַניפעסטאַציע פון די דעמאָקראַטישע סטודענטן און דאָקטוירים.

בעטי האָט זיך אָנגערופן, און טיפער ערנסט האָט ארויסגעקוקט פון די ברייטע בליקן, פארוואונדערונג:

— גייט נישט! מען וועט אייך ווידער ארעסטירן! איר האָט נישט מורא?

— איז וואָס? — האָט באָריס וואַרעם געשמייכלט — „די אומ־זיסטע קעסט דאָרטן אין קינדער־הויז" האָבן אַלע טעמים...

— אים ליגט נאָר אין זינען צו וויצלען זיך... טויזנטער יאָר, באָריס, וועט איר לעבן... אַזאַ פריילעכן כאַראַקטער זע איך צום ערשטן מאָל...

אנטשוויגן געוואָרן און צו יאָסלען אַ קוק געטאָן. ער איז געווען רואיק און זייער פארטראַכט. אויך רחל איז געווען פארטיפט אין זיך.
באָרים האָט אַ לאַך געטאָן:

— אז מען לעבט, מעג מען זיין פריילעך... אלפרעדאָ און דער אויסוואַרף האַנסעלע, זיי וועלן שוין מער נישט לאַכן... ווער ווייסט ווער ס'וועט נאָך פאַלן אפן מזבח פון אומגערעכטיקייט...

אנטשוויגן געוואָרן און אָנגעשטעלט די בליקן אף רחלען. ערנסטע און געטרייע. די ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטאָן און די אומניחהדיקייט איז אויפגעגאַנגען אין אים מיט אַ מאָדנעם פרעמדן כוח.

אין דעם האָט עמיצער אין דאָן טשיטשעס שענקל אַ געשריי געטאָן:

— וואוינט אַ איד אין דיין געגנט, זיי אַ פאַטריאָט און הרגע אים!..

באָרים האָט ביטער געשמייכלט. „די פארלעגערטע סחורה, די העברעע ראַסע", לאָזט פון זיך אַרויס דעם ריח...

האַראַסיאָס נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּארט ווי בא אַ פערד, וואָס דערפילט אַ געפאַר און די פיס האָבן אים אַ טראָג געטאָן צום טאַטנס שענקל. רחל איז אים דעם וועג פארלאָפן, אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און אויסגעשריגן נישט מיט איר קול:

— גיי נישט צו זיי, האַראַסיאָ!..

דער אנדערער אינדערפרי איז געווען אַ קילער און אַ טריבער, שטיקער אָנגערוקטע כמאַרעס, ווי הויפנס טונקל־רויט געפארבטע וואַטע, האָבן מיט שטומער רציחה איינער איבערן אנדערן געיאָגט, מיטגעשלעפּט די אש־גרויע קליינע כמאַרעלעך פון הימל און געלאָפן אלץ ווייטער אין דער אומענדלעך הימלישער טיפקייט. פון צווישן די צעווינטע גראָזן אין דאָן טשיטשעס גאָרטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ קיל זומער־ווינטל, אָן אָנגענומענס מיט ריחות פון צייטיקע פרוכטן, און פון גרינעם שמעקעדיקן רעגן.

האַראַסיאָ מיט באָריסן, אויסגערוטע פון גוטן נאַכטלעגער אין ברייטן בעט, וואָס דאָן טשיטשע מיטן ווייב האָבן זיי אָפּגעטראָטן, זיינען געשטאַנען אפן טראָטואַר באַם שענקל און געוואַרט אף רחלען מיט יאָסלען.

דאָס געסעלע האָט אויסגעזען נעבעכדיק, איינגעשרומפּן און פארזאָרגט. די צוויי חברים, געשטרעקטע, אָנגעטאָן אין שניי־ווייסע, ערשט געפּרעסטע דאָקטערשע כאַלאַטן, האָבן געהאַט די אויפמערקזאַמקייט פון די פארבייגייער. האַראַסיאָ האָט נישט געקענט ליידן די נייגעריקע בליקן אף זיך, אים איז ענג געוואָרן אין דער ברוסט. ער האָט בייז אַ בורטשע געטאָן:

— קום! זעסט דאָך דאָס פענצטער איז פארמאַכט.

באָרים האָט אויפגעהויבן צו אים די „גזלנישע" אויגן און אים אַ שטורכע געטאָן מיטן רעכטן עלנבויגן אין דער זייט:

— דו ביזט נאָך געדעכט!... דו אומפארשעמטער... הלוואַי זאָל רחל געוואויר ווערן פון אלע דיינע קרומע וועגן. ס'איז שוין לאַנג צייט, אַף מיין וואָרט.

האַראַסיאַ האָט אים נישט געהערט. זיין באַליידיקטע איינגליבע האָט געבּאָגט געדעכטיקייט, זיך באַקלאָגט אַף דער כלות אכזריות.

— דאָס איז איר אויפטו... זי האָט פאַרכאַפּט גאָר פרי, איז אוועק מיטן קאַליקע אין צענטער... האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט... אים צוגעזאָגט צו בלייבן אין דער היים. אַ צעממיתטן, אַ קראַנקן געפירט דעם טאַטן אַף דער מאַניפעסטאַציע. דעם חתן, דעם דאָקטאָר, פרעגט מען נישט קיין עצות. ביז ווען, אייגנטלעך, דענקט זי, די פאַרביסענע „באָבע" אָנצוהאַלטן דעם רוגז און אים פּייניקן, באַליידיקן?... וואָס נאָך וויל זי פון אים? אָ, ניין! אַן אמתער מאַן טאָר נישט ווערן אַ ווייכער פּוטער־קוכן!... מען טאָר נישט צוגעוואוינען אַ פרוי נאָכצושנאַפּן יעדן שפּאַן דיינעם... מען טאָר נישט!...

באָריס האָט פון אים די בליקן נישט אַראָפּגענומען, אַרויסגעפילט אַז האַראַסיאַ איז פול מיט צאָרן און ווייטיק, ווי אַ געזונטער מילגרוים מיט קערנדלעך, ער האָט ביטער מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— וואָס שווייגסטו, אינגעלע?... שוין אַריינגעקראָכן אין אַ נייעם בלאָטע... האַ? העלד מיינער!...

פאַרוואורף און מאַנונג איז געווען אין זיין שטים. האַראַסיאַ האָט אַ געצוואונגענעם שמייכל געטאָן און צווישן די ברוגזע ליפּן געזייעט:

— אַן עקשנטע די קליינע!... אינגאַנצן די באָבע! אַ סך מאָל האָב איך מורא פאַר איר אייזערנעם אויסדויער!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיך פאַרטראַכט און באַלד ווידער אַ זאָג געטאָן:

— זאָג מיר, באָריס, זיינען טאַקע אַלע אידישע מיידלעך אַזוינע ביטערע עקשנים, אַזוי נאַריש און שטאָלץ?... זיי עסן זיך אויף לעבעדיק... צום טיוול...

באָריס האָט געשמייכלט, אים אויפגעגעסן מיט די טיפע בליקן, מאָנענדיקע:

— רחל האָט דיר צופיל געגלויבט... און איצט שניידט זי די פּרוכטן...

— און ער האָט צוגעגעבן מיט פאַרוואורף: — ווי און ווינד איז דער פרוי, וועלכע לאָזט צעטרעטן איר פרויען־ווירדע. דו אַליין, האַראַסיאַ, וואָלסט אַנגעוואוירן די אַכטונג צו אַזאַ פרוי און זי פאַרקנעכטעט צו דיינע קאַפּריזן... צו דיינע ווילדע איינפאַלן...

האַראַסיאַ איז געוואָרן ערנסט. זאָרג האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיין מויל און אַ שטומער סוד... אַ מאָדנע אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין האָט אים אָנגעהויבן פּייניקן, די צעקלאַפּטע איינגליבע האָט נישט דערלאָזט, אַז ער זאָל זיך פולשטענדיק אַנטפּלעקן פאַרן איינציקן געטרייען חבר, אים דערציילן וועמען ער האָט אויסגעקליבן פאַר אַ געליבטער און דעם אופן פון זייער ליבע. דערצו האָט אים ווירקלעך ווי געטאָן, פאַרוואָס באָריס איז מער צוריקגעהאַלטן אין באַצוג דעם שוואַכערן מין און קען יאָ באַהערשן די תאווה.

די פארביסנקייט האט געשפריצט פון יעדן אבר, געהייסן זיין מענעריש, אויסגעהאלטן. דעם חברס שטראף־דרייד האבן אים ווייגעטאן, ער האט זיך אבער באמיט צו זיין גלייכגילטיק און קאלט. באלד צווישן די ציין א ברום געטאן:

— איך בין אן אנדערער... איך האב ליב דאס לעבן, די פרייד... נישט דו, און נישט רחל פארשטייען מיך... קיין לאנגן רוגז קען איך נישט אנהאלטן... וואס בין איך שולדיק!...

בארים האט ארויסגעפילט דעם אומעט פון חברס קול און די צערייצטקייט. ער האט זיך געבייזערט:

— רחל האט דיך צופיל צעבאלעוועט... זייער גוט טוט זי! ניקשה. וועסט חלילה נישט פארלירן פון דער וואג. איך אף איר ארט, וואלט דיך געלאזט פלאצן פון אייפערזוכט, וויינענדיק! דו מיינסט, אז איך געדענק נישט יענעם אפדערנאכט?

— איך וואלט וועלן די אינגלעך זאלן נישט פארן אין צענטער — האט די אלטע ארויסגערעדט צו זיי דורכן אפענעם פענצטער, — קוניג קומען איצט פון דארט... עפעס גרייט זיך דארטן... בלייבט דא, קינדערלעך.

מוטערלעכע געטרייקייט איז געווען אין איר קול און זארג. הארסיא האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו איר און כמורנע געבורטשעט:

— נישטא פאר וועמען מורא צו האבן...

— איך, דאניא פילאר, — האט בארים געזאגט — וועל אייך אפהיטן דאס שוואכע קינד, נעבעך.

לעבהאפטיקייט איז געווען אין בארימס קול און פריינטשאפט. די אלטע האט זיך פרום איבערגעצלמט:

— אן אמתער קריסט, דער בארים. באשיץ זיי, מוטערל!

הארסיא האט זיך געשעמט מיט זיין מאמעס אפגעשטאנענקייט. ער האט א נעם געטאן בארימען אונטערן ארעם און אים געפירט צום טראמוויי, אריינגעבורטשעט אין זיך, ווי אים וואלט נמאס געווען דאס לעבן. בארים האט ארויפגערעדט צו אים ערנסט און באזארגט:

— דערצייל מיר, הארסיא, מער איינצלהייטן פון אלפרעדאס טויט. פארוואס האסטו אים געלאזט אליין? מיר האבן דאך אפגעמאכט בא זיך צו זיין בסדר צוזאמען, האלטן אן אפן אויג אף די מערדער, די נאציאנאליסטן...

ווייטיק און פארוואורף איז געווען אין זיין קול. הארסיא האט געסאפעט דורך די צעשפרייטע נאזלעכער און אריינגעשטאמלט אין זיך:

— בין... געווען... פארנומען... ערגעץ אנדערשוואו.

בארים האט געקוקט אף אים מיט קלארע אויגן, צוטרוילעכע און צעווייטיקטע הארסיא איז געווען אומגליקלעך. ער האט באהערשט אין זיך די צערודערונג און פארגעזעצט מיט טיפקייט אין קול, מיט פארוואורף צו

זיך אַליין און צו דער וועלט פון רשעות, וואָס לויערט אויף יעדן ערלעכן מענטשן:

— אַלפּרעדאָס בלוט וועט זיי נישט געשענקט ווערן... ניקאָלאָס מוז אַראָפּ פון דער מאַפּע... סיידן ער מיט זיינע פריינט, די נאַציאָנאַל, וועלן מיך פריער אָפּרויכערן פון וועג... פאַרשאָלטענע שונאים פון פאָטערלאַנד, פון פאָלק.

ווייטיק האָט געקלונגען אין זיין קול און אָפּפערוויליקייט. באַריס האָט אָפּגעזיפצט און געטענהט מיט די הענט, מיט יעדן אבר:

— די וויסנשאַפט, ברודערל, האָט קאַפּיטולירט... מיר האָבן זיך צולאַנג געלאָזט פירן אין צוים.... — זיינע בליקן האָבן אַ פינקל געטאָן מיט פאַראַכטונג — מיר האָבן זיך רואיק צוגעקוקט ווי די דעגענערירטע וועלט־באַזיצער, די מאַגנאַטן שפּינען און וועבן שוואַרצע נעסטן, ברענגען טויט און גרויסע אומגליקן אויף מיליאָנען מענטשן, מיליאָנען אומשולדיקע, אויף קליינע קינדערלעך... זיי שפּייען אויף אונדז... שטיקלעך אייזן, אַלטע שמאַטעס, מיסט... אַלץ איז פאַר די גזלנים אַ ווערטפולער פּראָדוקט, נאָר נישט דער אָרנטלעכער מענטש!... און די קונסט, די וויסנשאַפט, האָט פּחדנותדיק דערלאָזט צו דעם...

האָראַסיאָ האָט געקוקט פאַר זיך און אַריינגערעדט אין די ברוינע שטיקער כמאַרע אויפן הימל:

— שווייג, באָריס. איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן... נאַ דיר אַ פּענט, ברודערל, פאַר מיין דאָקטאָרשן טיטול... וועסט זיך גאָרנישט גלויבן אויף וואָס די נאַציִשע דאָקטוירים זיינען פעאיק.

— גוט אַזוי! — האָט באָרים געזאָגט נאָכן אויסהערן זיינע רייד — אַט זעסטו שוין, אַז איך בין גערעכט.

נקמה איז געווען אין זיין קול. נקמה צום חבר, צו זיך אַליין און צו אַלע געלערנטע, וואָס האָבן דערלאָזט, אַז די וועלט זאָל ווערן אַ שעכטהויז און אַ יאָמער־טאָל.

באַם ראָג פון קאַזשאַאַ און קאָריענטעס זיינען זיי אַראָפּ פון טראַמוויי און פאַרשלונגען געוואָרן אין געדיכטן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון ברייטן מויל פון דער אונטערגרונט־באַן, אויך פון די אַרומיקע גאַסן האָבן געשטראָמט הונדערטער מענטשן. זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די צעשויפטע מענטשן־כוואַליעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן מיט דער גאַס קאָריענטעס, אַראָפּ אין צענטער. די גאַס איז געשטאַנען אַ געשטרעקטע, אַ פאַרבליבטע און אַ טריבע. די שטאָרן איבער די שויפענצטער און טירן פון די געשעפטן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט, שטומקייט און פאַרבאָרגענע שרעק האָט געווייעט פון זיי. בײַ די טראָטואַרן זיינען געשטאַנען רייטער־פּאָליציי מיט געלאָדענע ביקסן אויף די פּלייצעס. פאַרביסנקייט האָט זיך געהאַמערט אויף זייערע טונקל הויטיקע פּנימער און אויגצוטרוי.

אין האָראַסיאָן איז אויפגעגאַנגען אַן אומהיימלעכער אומרו. זיינע אויגן,

ווי צוויי הייסע פּיילן האָבן געבלאַנדזשעט פון ראָג צו ראָג, געזוכט די כּלה. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיך אַרויסגעהויבן פון אַ געדיכטן מענטשן־קנויל אַפן צווייטן ראָג און איר געצונדענער בליק איז אַריינגעפאַלן אין זיינע שוואַרצאַפּלען.

ער האָט איבערגעטראָגן די בליקן צו באַריסן און בייז אַ מורמל געטאָן:

— די מיידל איז משוגע... אַריינגעשלעפּט דעם אָרעמען קאַליקע... נאָך וואָס?

רחל האָט ווידער אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און אים פון אויג פאַרלוירן.

קיינמאָל איז דער חתן נישט געווען אַזוי טייער און נאָענט, ווי אין די דאָזיקע מינוטן פון אומזיכערקייט... די גאַס, די שטיינער פון דער ערד, די הויכע, שטומע ווענט — אַלץ אַרום איר האָט געאָטעמט מיט געצוימטן אימפּעט און מיט בייזער ציינקריצעניש. זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צום טאַטן, אַ בליכם און אַ אומרואיקס:

— טאַטע, איך האָב געזען האַראַסיאָן... ער וועט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן... און די היימישע נאַצילעך לויפן דאָ אום ווי די פאַרסמטע מייז.

זאָרג איז געווען אין איר קול און צערודערונג.

האָראַסיאָ האָט אַ נעם געטאָן באַריסן פאַר אַ האַנט.

— קום, מיר וועלן זיי אַניאָגן. איך וויל זיי האַלטן לעבן זיך! דאָ וועט זיך היינט גיסן בלוט, באַריס.

עס האָט געשלאָגן פון אים מיט איכפּעט און מיט אומרו.

— גיי דו אַליין! איך מוז וואַרטן אַפן דאָקטאָר ב. ער וועט באַלד צוקומען.

אין דעם איז טאַקע דער דאָקטאָר ב. אַרויפגעשוואומען פון אונטערן אונטערגרונט־באַן, אינײנעם מיט אַ צעברויזטן מענטשן־שטראָם. ער האָט די יונגע פּריינט אַנטקעגנגעשטרעקט ביידע הענט און אַ וואַרעמער דינער שמייכל האָט זיך געשניטן אַרום זיין מויל און אין די שוואַרצע הייסע מאַנדל אויגן. העכער און עלעגאַנטער האָט ער אויסגעזען אין ווייסן, געפּאַסטן אַנצוג. דאָס שמאָלע טונקל־הויטיקע פּנים לעבהאַפט און אָפן.

— איך קום איצטער פון מיינער אַ קראַנקער — לאַכנדיק אַריינגעוואָרקעט אין זייערע ברייטע נייגעריקע בליקן — די נאַציאָנאַליסטן האָבן איר געכאַפּט בײַ דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און געצוואונגען צו שרייען: לעבן זאָל ראָסאַס. זי האָט זיך געווערט און איינעם פון זיי דערלאַנגט מיטן האַנט־בייטל איבערן פּנים... און זיי האָבן איר שטאַרק צעשלאָגן, די אויסוואורפן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ צעטייעט געלעכטער האָט זיך געריסן פון אים אַן אָנגענומענס מיט חוזק, און ווידער אָנגעהויבן דערציילן:

— כ'האָב איצט געזען יענעם ספּעקטאַקל אַף דער פּלאַסאַ אַנסע.

מענער אין די ברייטע אונטערגאַטקעס מיט ברייטע, פיל קאָלירנדיקע גאַרטלען אַרום די טאַליעס, אָן העמדער אַף די לייבער... די ווייבער — אין קויטיקע פיל קאָלירנדיקע קליידער מיט שאַרפעס און שפּיצן אַרום די העלדזער. זיי טאַנצן און שפּרינגען, מאַכן אַלערליי אַרויסרופערישע באַוועגונגען, פּויקן אַף טאַצן, צימבלען אַף אַלטע גיטאַרעס און לאָזן נישט דורכגיין קיין מאַנסביל... די מענער פּאַטשן צו מיט די הענט, פּייפן און בלאָזן דורך די נעז, סווישטשען און שפּרינגען אינדערלופטן און שרייען מיט אַלע כוחות, ווי ס'וואָלט זיי געווען פאַרן טויט: א טויט די סטודענטן! א טויט די אידן! זאָל לעבן ראָסאַס!...

— דאָס איז די אַרבעט פון די נאַציאָנאַליסטן! — האָט האָראַסיאָ פאַרביטערט געענטפערט — זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס אָפּפאַל פון פאָלק און מאַכן מיט אים פּראָפּאַגאַנדע...

דאָקטאָר ב. איז רויט געוואָרן ווי אַ פאַרשעמט קינד און ווידער געשמייכלט:

— גאָרנישט געוואוסט, אינגלעך, אַז אין לאַנד בא אונדז געפינט זיך אַזאַ הויכער „פּאַטריאָטיזם”. טאַקע אַ „כבוד” פאַר אונדז... נישט געזאָרגט, האָראַסיאָ — שוין לאַכנדיק גערעדט אין יענעמס בייזע צונויפגעצויגענע ברעמען — זאָלן די לאַנדסלייט אַ לעב טאָן... געהערט, מען האָט זיי אַהער געבראַכט פון די ווייטסטע פּראָווינץ־שטעט...

אין דעם האָט זיך אַ צווייטער מענטשן־שטראָם אויפגעהויבן פון דער אונטערגרונט־באַן, און נאָך זיי האָבן זיך געקנוילט בינטלעך מיט דריישפּיציקע רויטע און שוואַרצע פאַטשיילעס אַרום די העלדזער און איבער די נאַקעטע בריסטן מיט שוואַרצע קרויזן, געדיכטע ווי בא די שאָף. ברייטע, געבלימלטע ווייבערישע כאַלאַטן, און דינע, לאַנגע, שוואַרצע צעפּלעך איבער די לויזע צעפלויגענע בריסטן אין די קויטיקע, צעפליקטע קאָפּטעס, מעשענע בראַסלעטן אַף די הענט און לאַנגע, גרינע פעדערן אַף די קאַפּעליושן — אַלץ האָט זיך געוויגט און צוגעקלאַפּט מיט די באָרוועסע פיס צום טאַקט פון אַלטע דרימפּלענדיקע גיטאַרעס און מעשענע טעצלעך.

אַ ברייט ברוסטיקע פרוי מיט אַן אָפן ציינלאָז מויל, ווי אַ שוואַרצע מויז־לאָך, און מיט אַ רויטן קרענקלעכן גלאַנץ אין די אויגן, מיט שוואַרץ גרויע קנוידערן אפן פלאַטשיקן קאָפּ, ווי די כטרונעס פון אַ פערדישן וויידל, אַ באַשטעקטער מיט שטעכיקע בערעלעך, האָט צוגעהעפּטעט צום דאָקטאָר ב.. געוויגט מיט די לויזע היפטן, ווי צעווירענע טייג, אַהין און צוריק, געוואונקען מיט די רויטע דין הפקרותדיקע פלעמלעך פון די אויגן, געפּאַטשט מיט די הענט:

— גייט נישט, הער דאָקטער, צו די אויסלענדערנס... די סטודענטקעלעך... אַהער קומט!

אַ פאַרהויב געטאָן אַ פוס — זייט אַ פּאַטריאָט... פאַרטראָגט נישט מיין לייזונג!...

דאָקטאָר ב. איז רויט געוואָרן. באַנג האָט געווייעט אַרום מויל.

האָראַסיאָ האָט געקוקט מיט ברייטע בליקן, אָנגענומענע מיט שטוינען. נאָר באָרים איז געווען רואיק, גלייך ווי אים וואָלט קיין שום זאַך נישט געוואונדערט, ווי אַ זקן, אַן אויסגעפּרואוווטער.

פון צווישן פיל־קאָלירנדיק צעיושעטן קנויל האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט ניקאָלאַסעס הייזעריקע קולעכל, צוגעהויקערט דאָס קעפּל צום רעכטן אַקסעלע האָט ער קאָמאַנדעוועט מיט די צווי, טרוקענע הענט, ווי אַ קאַפּעלמייסטער מיט דער באַטוטע:

— אַ טויט די אידן!...

— אַ טויט די דעמאָקראַטישע סטודענטן!...

— אַ טויט די אויסלענדער!

— אַ טויט!

— אַ טויט!

— אַ טויט!

— ארגענטינע פאַר די אַרגענטינער

— זאָל לעבן היטלער!

— זאָל לעבן דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם!

מענטשן פון די ראַנגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט מיט אומגלויבלעכע בליקן. באָרים האָט זיך אָנגערופן:

— אַלע האָבן „זיי" אַזאַ שיין פּנים, די „פּאַטריאָטן".

— דער אָפּגרונט איז ארויפגעשוואומען... און גייט זאָגט, אַז מיר זיינען נישט גייסטרייך — האָט געענטפערט דאָקטאָר ב.

באָרים האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן אים און האָראַסיאָן, זיי אַ נעם געטאָן אונטער די הענט און זיי אונטערגעאיילט:

— קומט דער ספּעקטאַקל, איז טאַקע גאַנץ אינטערעסאַנט, נאָר אַנוועהרן דאָס וואָרט אַפן מיטינג טאָרט איר נישט. דאָקטאָר ב., חברים מוזן אַף אייך וואַרטן.

די ראַנגן אַרום פּאַרק זיינען געווען פאַרשפּאַרט, ווי פאַרמויערט מיט טויזנטער מענטשן. אויך אַף די ביימער און אַף די באַלקאָנען פון די אויבערשטע שטאָקן זיינען אויסגעזעצט געווען מענטשן. שפּאַניער און אידן, רוסן און פּאָליאַקן, טשעכן און איטאַליענער, אַרגענטינער און פראַנצויזן, נעגער און ענגלענדער — אַלע האָט געצויגן צום מאָנומענט פון לאַוואזשע וואו עס האָבן באַדאַרפט ריידן די דעמאָקראַטישע דאָקטוירים און סטודענטן.

האָראַסיאָ האָט פאַריסן דאָס פּנים. שווערצקייט פון די בליקן האָט געלויערט איבער טויזנטער קעפּ. ער האָט צווישן די ליפּן געזייעט:

— וואָס טוט מען באָרים? רחלען זעט מען נישט... דאָ וועט באַלד עפּעס פּאַרקומען...

— שוויג, בהמה! די נאַצילעך האָבן שוין אַ פּאַרטיקע ליסטע... פּאַרלאָז זיך אַף זיי.

אומרו איז געלעגן אין באָריסעס קול און באַנג.

— טרוקן וועט דער דאָזיקער אקט נישט ארויס. מסתמא וועט זיך רחל וויסן ווי אויסצוהיטן. — האָט ער זיך אָנגערופן.

רחלס בליקן, ווי צוויי אָנגעצונדענע פּראָזשעקטאָרן, האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג. זיי זיינען פול געווען אין יעדן ווינקל, געגישטערט מיט איינגעגעסענער עקשנות. האָראַסיאָס אָטעם, זיין אומרו איז אומגעלאָפן אין איר בלוט, אין יעדן נערוו. האָראַסיאָ האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט אין אַ גראָבן צווייג פון אַ בוים, זיך אויפגעהויבן אין דערלופטן און געלויערט מיט די בליקן. פּלוצים האָט ער געשריי געטאָן, נישט מיט זיין קול:

— רחל, רחל! היט דיך, ניקאָלאַס איז לעבן דיר... אַ נאַצי, אַ נאַצי...

דער געפּרעסטער מענטשן־בלאָק ארום איר האָט זיך אַ וויג געטאָן, פויסטן האָבן זיך געהויבן אינדערלופטן און געצונדענע בליקן, אָנגענומענע מיט האַס, האָבן זיך געריסן איבער קעפּ דורם צו זיין דעם שונא.

יאָסל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טאָכטער, האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס פּנים און זייער שטיל אויסגערופן:

— רחל, זיי פאַרזיכטיק... דאָס טכוירל איז פאַרשטעקט הינטער אונדז.

אומרו האָט געברענט אין אירע בליקן, שרעק:

— טאַטע, האָראַסיאָ האָט מיך גערופן, האָסט געהערט?... זיין קול הענגט איבער אונדז...

— עס האָט זיך דיר נאָר אויסגעוויזן. ווי וועט ער דיך זוכן צווישן אַזאַ צענדליקער טויזנטער קעפּיקער מאַסע. פאַרוואָס, טאָכטער, האָסט נישט געוואָלט וואַרטן אַף אים? — און צוגעגעבן מיט באַדייטונג — אַ מיידל טאָר נישט זיין אַזאַ קאַפּריזנע.

ניקאָלאַס האָט זיך איינגעקאָרטשעט און זיך דורכגעבראָכן אַ וועג. אין אַ לאַנגן קאָרידאָר האָט געוואַרט אַף אים פּריץ, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ טייערן ווייסן אָנצוג מיט אַ ווייסן פּאַנאַמאַ־הוט; און נאָך אַ פּאַרשוין האָט געוואַרט אַ נידעריקער, מיט שווערע, לאַנגע הענט און מיט אַ פּלאַטשיקן קאָפּ. ניקאָלאַס האָט אים עפּעס איינגערוימט אין אויער און געוויזן מיט די בליקן צו דער מענטשן־מאַסע, אַף וואָס דער מענטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ און די רויטע שפּיגעלעך אין זיינע אויגן האָבן זיך צעוויגט מיט זשעדנעקייט און מיט ברען. ער איז ארויסגעגאַנגען פון קאָרידאָר, זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט און עס האָט אַ הילך געטאָן איין מאָל און נאָכאַמאָל — טראָך, טראָך!

רחל, אַן אויפגעצאַפּלטע, האָט זיך אַ צי געטאָן אַף פאָרויס, געוואָלט אַנטלויפן און איז שטעקן געבליבן צווישן די צעוויגטע מינטשן־בלאָקן, וואָס האָבן אין געדרענג געשטערט איינס דאָס אַנדערע יעדע באַוועגונג. עס האָט זיך דערהערט אַ דערשטיקטער מרוקע און באַלד אַ שווער קרעכצן פון פאַרוואונדעטע. די אומרו האָט געברענט אין דער לופטן, נאָר די מענטשן זיינען עקשנותדיק געבליבן אַף די ערטער.

די געדעמפטע ברוינע כמאַרעס זיינען געוואָרן אַש־גרוי ווי האַלב־דערוואָרגענע קוטשעראַווע וועלף, רציחהדיק, פאַרביסן, זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צווישן די קליינע וואָלקנדלעך, אָנגעווייעט מיט אימה און מיט אומ־באַשטימטקייט. אַ שאַרף רוגזהדיק ווינטל האָט זיך אַ טראָג געטאָן צווישן די ביימער, געוואַשן די שטייפע בלעטער און זיי איינגערוימט אַ סוד...

פּלוצים האָט זיך ווידער דערהערט אַ העפטיק קנאַלן און צענדליקער פּאָליציי־רייטער האָבן מיט שטורעם, מיט רציחה איינגעבראָכן די לעבע־דיקע „ווענט”. די פערדישע קני, די פאַריסענע מאָרדעס און פייכטע צעשפּאַרטע נאָזלעכער האָבן זיך געגראָבן איבער געבויגענע פּלייצעס און סאָפּענדיק מיט יעדן אבר זיך אַריינגעריסן צווישן די אויפגעבראָכענע בינטלעך מענטשן. רחל האָט אויפגעהויבןביידע הענט און געפּאַכעט מיטן האַנט־בייטל אין דער לופטן. אַלץ אין איר האָט געברענט און געצאַפּלט. אַז דעם חתן קען עפּעס שלעכטס געשען. איר שאַרפער קוויטש איז שטעקן געבליבן צווישן די צעוויגטע בלעטער פון די ביימער, געציטערט און געברומט ווי אַ לירע:

— האַראַסיאָ, האָראַ־אַ־אַ־ס־י־אָ!

ער האָט געלויערט מיט די אימהדיקע בליקן איבער די הונדערטער קעפּ און די קאַלע נישט באַמערקט. די אחריות, די געוואוינהייט אַכטונג צו געבן אַף רחלען ווי אַף אַ שוואַך־צאַרט מיידעלע — האָט געצונדן אין אים דעם אימפּעט, אים געשטויסן ווי אַן אָפּגעריסן שטיק באַרג אין טיפן צעכוואַליעטן ים־שטורעם, אויסגעדרייט דאָס פּנים צו באָריסן און אַ גע־שריי געטאָן:

— ברעך זיך דורך אַ וועג צום דאָקטאָר ב. ער שטייט לעבן דער טריבונע און איך וועל אָפּזוכן די קליינע. זי מוז דאָ זיין צווישן עולם.

צערודערונג איז געווען אין זיין קול.

ארום דעם פּאַרק איז געוואָרן שיטערער. עס זיינען אָנגעלאָפן עט־לעכע אמבולאַנסן. סטודענטן האָבן אַהין אַריינגעלייגט עטלעכע פאַר־וואונדעטע. אין דער לופטן איז געהאַנגען געבליבן אַ גרויער פּחד, עלנט און טיפע אומבאַשטימטקייט, דורכגעזאַפּט מיט מענטשלעכע קרעכצן. פון די באַלקאָנען און פון די ביימער זיינען מענטשן אַראָפּגעשפּרונגען געבויגענע, ווי פאַרוואונדעטע חיות זיך אַריינגעשטופּט אין די אָפענע קאָרעדאָר־טירן און אין פאַרשידענע ווינקלען זיך אויסצובאַהאַלטן.

דאָקטאָר ב., אַן ארומגערינגלטער פון גרופּעס סטודענטן און דאָקטוי־רים, איז געשטאַנען צופוסנס דעם מאָנומענט, אַ בלייכער און אַ צערו־דערטער. דער ווינט האָט געשויבערט די שוואַרצע שיטערע האָר און צעטראָגן זיין מאָנענדיק קול ווייט און ברייט העט ביז איבערן פּאַרק:

— בלייבן אַף די ערטער... אַלעמען וועלן זיי נישט אויסהרגענען!

באָריס האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צו דער טריבונע און דער אומרו פון זיינע אויגן האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן פּריצס קאַלטן מאַסקן־פּנים. אויך יענער האָט זיך מיט אייזערנער עקשנות גערוקט אַלץ נענטער צום

מאָנומענט. די רעכטע האַנט זיינע האָט פעסט געהאַלטן דעם געלאָדענעם רעוואָלווער אין אַ קעשענע פון די הויזן. באָרים האָט אָנגעהויבן רופן:

חברים, אַ שפּיאָן, אַ נאַצי! פּאַרזיכטיק דאָקטער ב.!

פריִץ האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס צינגל פון רעוואָלווער און איין קויל נאָך דער אַנדערער האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן עולם. עס איז געוואָרן אַ מהומה. באָרים איז אַ פאַל געטאָן צופוסנס דעם מאָנומענט, אין די אָרעמס פון זיין אַלטן, איבערגעגעבענעם פריינט, דאָקטאָר ב.

דער אַנדערער טאָג איז געווען אַ האַלב אויסגעלאָשענער, מיט אַ יום־כיפּורדיקן אומעט אין די ברייטע אויגן. צעריסענע, בלייכע שטיקער זון, ווי אין בלוט איינגעטונקענע טיכער, האָבן געציטערט איבער הונדער־טער גרויסע פיל־קאָלירנדיקע בלומען־קרענץ אין די עגלות און אויף די רעקלעך פון די האַלב־אָפענע שוואַרצע קאַסטנס מיט די קרבנות. טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען, יונג און אַלט — מיט טיף געבויגענע קעפּ און מיט שטומען צער אין די בליקן, מיט מאָנונג אין די הערצער — מיט אייביקן בלוטיקן ווייטיק, וואָס שרייט, רופט נאָך גערעכטיקייט און פרעגט: פאַר וואָס, פאַר וואָס? זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה. די שוואַרצע און רויטע בענדער, מיט אַלערליי אויפשריפטן און לאָזונגען, די שפּיצן פון דער פּאַטערלענדישער פאָן און אַ גרויסע רויטע פאָן, האָבן גע־פלאַטערט און געפיבערט אין איין האַרמאָנישן טרויער־מאַרש און געוויינט איבער די טויזנטער מענטשן, זיי אויסגעדריקט וואַרעמען ברידערלעכן געפיל.

האַראַסיאַ, אַ בלייכער און אַ שטומער, און לעבן אים דער דאָקטאָר ב. מיט די אַקסלען אונטערן שוואַרצן קאַסטן, וואו באָרים איז געלעגן — זיינען געגאַנגען טריט בײַ טריט צווישן אַ גרופּע סטודענטן מיט אַנט־בלויזטע קעפּ און הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען רחל מיטן טאַטן. דורכלויכ־טיקע בלייכקייט האָט געגליווערט אויף די פּנימער, אין די אויגן האָט זיך געטיקט און געפינצטערט דער צער, ווי זייער וועלט וואָלט אויף אייביק צעבראָכן געוואָרן.

אפן ראַנג פון קאָריענטעס און קאַנינג האָט זיך די פּראָצעסיע אי־בערגעבראָכן. צווישן טויזנטער מענטשן האָט זיך עפּעס אַ רודער געטאָן, עס האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון קאַסטנס, וואָס מען האָט אַריינ־געדרוקט אין די עגלות אַריין און שווערע קרעכצן פון עמיצן. דער היכל האָט געקוקט מיט פאַרוויינטע, אויסגעלאָשענע אויגן, ווי עס וואָלט געווען לקוי חמה. אַ האַלבע פּראָצעסיע האָט זיך ווידער אין איר שווייגזאַמען צאָרן אַוועקגעצויגן מיט דער גאַס קאָריענטעס צום קריסטלעכן בית עולם און די אַנדערע העלפט — צו ביוואַדאַוויאַ, צום אידישן.

אפן פעלד, אַרום די אָפענע קברים, אַרום די געלע בערגלעך פרישע

ערד, זיינען הונדערטער מענטשן געשטאַנען. אַ שוואַכע, רויטע שיין, האָט צאַנקענדיק וויברירט איבער די געבויגענע קעפּ, און איז פאַרקראָכן צווישן די אַרומיקע קברים, זיך איינגעפּעדימט צווישן הכנעהדיק שטילע, ווייסע און געלע בלימלעך און צווישן די גרינע צעוויגטע, וויינענדיקע גראָזן.

אַ לייכט פּחדימדיק ווינטל, אַ אָנגענומענס מיט אַ קרעכץ, האָט זיך אויפגעהויבן איבער די שפּיצן פון די ביימלעך און מיט פרום פאַרצויגענע בלייכע ליפּן פון אַ פרוש, מיט געוויין אין די בלייכע אויגן הענגען געבליבן צווישן די בלעטער, געשוידערט מיטן גאַנצן לייב און לעבן, מיטגעטרויערט איבער די אָפענע קברים... אַ קליין זומער־פייגעלע איז פאַרשטומט געוואָרן איבער אַ וויינענדיק גאָלדיק בלעטל פון אַ בוימל. הענגען געבליבן אין דער לופטן, קוים באַוואויגן מיט די שפּיצן פון די שוואַרצע פליגעלעך, ווי עס וואָלט געהאט אָפּשיי פאַר די קרבנות, וואָס מען ברענגט צו קבר ישראל און זיי נישט געוואָלט שטערן דעם אייביק פריצייטיקן שלאָף...

מיטאַמאָל איז די אימהדיקע שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן. עמיצער האָט זיך געריסן צום פריש פאַרשיטן קבר און געיאָמערט פאַרצווייפלט. דאָס פאַרשייטע ווינטל, איינגעוויקלט אין שוואַרצן טול — איז נאָכגעלאָפן די האַרצרייסנדיקע קולות, געשפּרייט איבערן פעלד אַ טיף ברוסטיק קול, אַ אָנגענומענס מיט וויינענדיקן ניגן פון אידישן אל מלא רחמים.

אין רחלס גליענדיקע בליקן האָט געצאַפּלט שטילער ווייטיק. געגליווערטע טרערן, ווי פון אַ געפּייניקטער מאַמע, באַם אָפענעם קבר פון איר אומגעבראַכט קינד. אַלץ אין איר האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער גרויזאַמער וועלט, די אומגערעכטע און געמיינע. דאָס בלוט, דער מאַרך אין די ביינער, יעדער נערוו האָט געשריגן מיט טויזנטער קולות און שטיקער געריסן פון גאַנצן לייב און לעבן. טיף, טיף אין האַרצן איז זי דאָך געוועזן גליקלעך, וואָס האַראַפּיאַ שטייט צווישן די לעבעדיקע, וואָס דער גורל האָט אים אויסגעמיטן פון אַזאַ טויט, ווי עס האָבן באַקומען צענדליקער מענטשן... ער איז געשטאַנען באַם זוים פון אָפענעם קבר מיט אַ געזונקענעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, אין די אויגן האָבן זיך געצונדן מאָדנע פייערלעך.

ער האָט אָנגעשטעלט זיינע בליקן אויף רחלען. נאָר זי האָט אים נישט געזען. אַלע אירע חושים האָבן געברענט און פאַרטאָן געוועזן אינעם גרויסן אומגליק. זי האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם ערנסט פון דער צייט, אין וועלכער זי לעבט, און אַ ברענענדיקער האַס צו די מערדער. אַ נקמה געפיל איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אין איר, איר פון אָרט געטריבן, געהייסן לויפן איבער די גאַסן און צונעמען די רו פון יעדן אָרנטלעכן מענטשן, פונקט ווי די גרויזאַמע צייט האָט עס בײַ איר צוגערויבט... זיי הייסן מאָנען נקמה פאַר אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

זי האָט געהערט ווי מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאַסטן מיטן ברמינן אין דעם שמאָלן קבר און דערפילט דעם טויט אין די אייגענע

אבֿרים... אַ ריח פֿון פֿייכטער ערד, אַ אָנגענומענע מיט טונקלעקייט און פֿוילעניץ פֿון הונדערטיעריקער אַלטקייט, האָט אַ שלאָג געטאָן אַף איר מיט אַ קאַלטן עלנט פֿון די טויטע... מיט יענער מענטשלעכער שפֿלות, די אומעכטיקייט וואָס בלייבט פֿאַרשטיינערט באַ די ראַנדן פֿון אָפּענעם קבֿר... און דאָס טויטע ווינטל איבער באָריסעס אָפּענעם קבֿר האָט באַוואויגן מיט טרוקענע פֿינגער, אָנגעהויבן אַף איר מיט באַפֿעל און געוויין: גיי פֿון דאַנען! גיי, גיי... באָרים געהער שוין צו די טויטע... מיינער איז ער, מיינער...

רחל האָט זיך צעשראָקן פֿאַר דעם דאָזיקן ריח פֿון טויט. דאָס לעבן אין איר האָט אַ טרייסל געטאָן. זי האָט אויפֿגעהויבן די וויעס, ווי צוויי שוואַרצע זיידענע שלייערס. די בליקן האָבן געאָטעמט מיט אַ הייליקן שימער, מיט יענעם כּוח וואָס אַנטפּלעקט זיך אין איר נאָר אין מינוטן פֿון געפֿאַלנקייט. באַמערקט דעם חתנס פֿאַרענדערט פּנים און איר האַרץ איז געוואָרן פֿול מיט פֿאַרגעבונג און מיט געבראָכנקייט. אויך דער טאַטע, וואָס איז געשטאַנען אַ אָנגעשפּאַרטער אַף דער קוליע און אַריינגעקוקט אין קבֿר, האָט אויפֿגעוועקט אין איר אַ קוואַל פֿון איבערמענטשלעכער רחמנות און גוטסקייט. זייער אָנוועזנהייט האָט נאָך מער געוועקט אין איר דעם כּוח און דעם באַגער אומצוקערן זיך צום לעבן, זיך צונויפֿגיסן מיט די אַלע אין וועמענס הערצער עס וועט אייביק שלאָגן דער איבערגעהאַקטער אָטעם פֿון אירע יונגע פֿריינט. זייער פֿאַרשניטן לעבן וואָס צאַפּלט אין איר בלוט, אין מאַרך פֿון די ביינער, וויינט פֿון דאָרט אַרויס און הייסט גיין ווייטער און ווייטער... אויסשרייען דעם אמת: ווי לאַנג עס וועלן לעבן די נאַציס און פֿאַשיסטן, וועלן די בעסטע זין און טעכטער פֿון די פֿעלקער געקוילעט ווערן אַפֿן מזבח פֿון דער אומגערעכטיקייט....

רחל האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַף די שפּיצן פֿון די פֿינגער. איז פּלוצים געוואָרן העכער און אָנזעעוודיקער. דאָס רגזהדיקע בערדעלע, אַ פֿאַריסנס, האָט געציטערט. אין די טיפֿע אויגנווינקלען האָבן אַ פֿינקל געטאָן טרערן. זי האָט אָבער נישט געוויינט. דער צאָרן, דער געפֿיל פֿון פֿאַראַכטונג צו די מערדער האָט פֿאַרשטיינערט איר האַרץ.

די רעדעס פֿון באָריסעס חבֿרים באַם אָפּענעם קבֿר האָבן נאָך מער געוועקט אין רחלען דעם ווייטיק און פּראָטעסט. אַלץ אין איר איז צונויפֿגעשלאָגן געוואָרן אין איין שטיק גליענדיק־שווערער מאַסע און געדריקט דעם געמיט...

צום לעצט האָט גערעדט דר. ב. זיין שטים איז געווען ווייך און באַנגיק. דאָס רגזהדיקע ווינטל האָט אומהיימלעך געשוימט צווישן זיינע צעשויבערטע שיטערע האָר און צווישן די לאַנגע, צעווייעטע שפּיצן פֿון דער בלוט־רויטער פֿאַטשיילע אַרום האַלדז, די הענט, טאַטיש געטריי און ערלעכע האָבן זיך באַוואויגן איבערן אָפּענעם קבֿר, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסדריקן דעם גאַנצן וויי פֿון אַ געלערנטן מענטשן, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דעם שווערן לעבנס־וועג און זיין פּראָפֿעסיע נישט פֿאַראָטן,

איצט, אַ אומעכטיקער קעגן דער־רשעות, שעמט ער זיך מיט דער געפּאַלנ־קייט פון אַ קראַנק געוואָרענער וועלט.

— באַריס! מיר וועלן דיך געדענקען!... — האָט רחל אויפגעכאַפּט דעם צאַפּל פון זיין שטים. דיין גייסט וועט אייביק לעבן אין האַרצן פון יעדן ערלעכן סטודענט, פון די וואָס האָבן נישט פאַרקויפט די נשמה צום טייוול... צו דער נידערטרעכטיקייט. איינעם מיט זיי וועלן מיר גיין אויף די וועגן פון אמת און שיינקייט אויף וועלכע דו ביסט העלדיש געפאַלן. מיר וועלן דערציילן אונדזערע נאָכפאָלגער, אז ביזט געשטאָרבן פאַרן כבוד פון דער וויסנשאַפט, פאַרן גוטן נאָמען פון יעדן בעסערן ארגענטינער!...

אין רחלען האָט עס אַ ריס געטאָן, דער אַנגעזאַמלטער ווייטיק, דער געשריי אין בלוט האָט דורכגעבראָכן דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ, געוועקט די טויטע פון זייער אייביקן שווייגן און די לעבעדיקע, וואָס האָבן זיך שטומערהייט אַרום דעם פרישן בערגל ערד אויסגעשטעלט, אַ נייער כוח האָט געצאַפּלט אין די ברייטע בליקן אירע, אַ מאַנענדיקער:

— וואָס שווייגט איר? שרייט צו די פעלקער, מיר מוזן זיך פאַרייניקן קעגן דער פינצטערניש...

אויף צוריק האָט האַראַסיאַ נישט געקענט נאָכהאַלטן רחלס גיכע, אומרואיקע שפּאַן, ווי זי וואָלט זיך געאיילט אָנצוקומען ערגעץ. באַם טויער האָבן זיי געטראָפן אַ גרופּע סטודענטן, וואָס זיינען פון קריסטלעכן בית־עולם געקומען. בלומען האָבן זיי געבראַכט דעם אידישן חבר און שטומען ווייטיק אין די צעפּייניקטע הערצער. אין דעם האָט זיך פון הינטערן פאַרקאַן ניקאָלאַס אויפגעהויבן און נאָך אים פּריץ, זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אויף די סטודענטן און אויך אין אָפענעם טויער פון בית־עולם. עס איז געקומען צו אַ געשלעג, ניקאָלאַס האָט אַ פּייף געטאָן און אויף זיין צייכן זיינען עטלעכע יונגע שוואַרצהויטיקע בחורימלעך, קריאַזשע נאַצילעך ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעקומען. ניקאָלאַס האָט זיך ראַפּטום אריינגעהויקערט צווישן זיי, אַרויסגעצויגן פון הינטער דער פּאָלע אַ קליינע אַרגענטינער פאָן מיט אַ געלן סוואַסטיקאַ און געפאָכעט מיט איר קעגן די סטודענטן.

— אַ טויט די אידן! אַ טויט די דעמאָקראַטן! — האָבן זייערע קווי־טשיקע קולעכלעך פאַרסמט דעם אַרום — זאָלן לעבן ראַסאַס!... אַ טויט סאַן מאַרטינען!״״״ זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ מאַניפעסטאַציע צו דער הויפּט־גאַס. פּריץ מיט אַ געל מאַסקע־פּנים איז זיי לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען מיט שווערע, גולמדיקע טריט און אריינגעזישעט אין זיך:

— דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס!...

פּלוצים האָט זיך ניקאָלאַס אויסגעדרייט מיטן פּנים צו האָראַסיאָן, אים דורכגעשטאָכן מיט שפּיציקע בליקן ווי גרינער גיפט:

— פאַרעטער!... מיט אונדז קום... גרעטאַ וועט דיר דיינס באַצאָלן...

האָראַסיאָ איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך, זיינע בליקן האָבן אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער די פּנימער פון די סטודענטן און אויך איבער יאָסלס פּנים

מיטן דאָקטער ב. צום גליק האָבן זיי נישט אויפגעכאַפּט קיין צערודערונג און ער איז געבליבן לעבן רחלען... אין איר האָט אַ האַמער געטאָן דער וויטיק, זי האָט זיך ראַפּטום אַריינגעדרייט צווישן דער סטודענטשאַפט. דער גלי פון די בליקן האָט זיי באַווירקט. מיט אַ אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ רוגזה פון פאַריסענעם בערדעלע קעגן די הייסע שטיקער כמאַרע האָט זי אויסגעזען ווי די מאַמע פון פרייהייט.

די פיס האָבן זי אַוועקגעפירט אַלץ ווייטער פון בית־עולם, די סטודענטשאַפט איז איר נאָכגעגאַנגען און פאַרהילכט די גאַס מיט זייערע קרעפטיקע קולות:

— הערט איר שטערבלעכע דעם הייליקן רוף:
— פרייהייט,
— פרייהייט,
— פרייהייט!...

קאַפּיטל 38

נאָך אַלעמען

טיפער האַרבסט האָט געטרערט איבערן גאָרטן. די בלעטער פון די בייכיער געלע, פייכטע, ווי אַ גוסס אין דעם לעצטן טויטלעכן שוויים, האָבן געציטערט. אַ רוגזהדיק ווינטל רודערט שרעקעוודיק צווישן די מוטלאָזע פלאַכטעס פון ווערבע בוים, לויפט מיט גרויע אויסגעלאָשענע אויגן איבערן גאָרטן, שפּרייט זיך איבער די נאַסע דעכלעך פון די געהויקערטע ביידלעך פון דאָן טשיטשעס הינטער שטוב. האָראַסיאָ האָט אַריבערגעשפּאַנט דאָס פלויטל, די צעפלויגענע קרויזן דורכגעוועבט מיט טראָפּנדלעך רעגן, אין די אויגן האָבן זיך געטיקט אומניחהדיקע פלעמלעך, בייזע. ער איז צוגעקומען צום טאַטנס שטוב, אימפּעדיק אויפגעפּראַלט די פאָלעס פון די געוועלקטע קלעטער־פלאַנצן איבער דער טיר און מיט ברייטע שפּאַן אַריין צו זיך אין שטיבל.

די אַלטע פילאַר, וואָס האָט זיך געוויגט אין דער צעפּאָרענער וויגשטול, האָט מיט שרעק אַרויסגעלאָזט דאָס פּעקל מיט די פּאַפּירענע „הייליקייטן" און אָנגעשטעלט צום טירל די ברייטע בליקן אירע, אָנגענומענע מיט כאַמישער פאַרגעבונג און מיט פּיין, מיט איבערמענטשלעכן עלנט. אומבאַהאָלפנקייט איז אויפגעגאַנגען אין איר. זי האָט ביטער געזיפצט געפילט, אַז דער רוגז איז אַריינגעקומען אינאיינעם מיטן זון, שטייט ווידער צווישן זיי ווי אַ שוואַרצער שטן און דערלאָזט נישט צו קיין אויסגלייך... זיך געבראָכן די פינגער פון די הענט: שוין עטלעכע טעג אַז די מאַמע

האָט אים נישט געזען, געמיינט עס האָט ווידער געטראָפֿן אַן אומגליק
אוי, הייליקע מוטערל!... זיי דיך מרחם!...

האַראַסיאַ האָט דורך די צענומענע קלעטער־פּלאַנצן איבערן אָפֿענעם פֿענצטערל געקוקט צום מחותנס שטיבל. אומעט איז אים פֿון דאָרטן אנט־קעגן געקומען און פֿרעמדקייט, און אים האָט דער צאָרן ווידער אַ רודער געטאָן:

רחלס עקשנות, איר נישט נאָכגיביקייט. אַלע זיינע דורכגעפּאַלענע פּרוּוון זי איבערצובעטן — האָבן אים נאָך מער דערוויטערט פֿון די אַלטע טאַטע־מאַמע, אַף וועמען ער האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן די גאַנצע שולד אין זיינע צרות. זיי האָבן דערפֿירט רחלס באָבע צום טויט... און אַריינ־געוואָרפֿן יאָסלען אין תּפֿיסה, פֿון וועלכער ער איז אַרויס קראַנק און צע־בראָכן! — ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען זיין אייגענע שולד... האָט פֿאַרשלאָסן אין זיך דעם כעס צו די אַלטע לייט, אַ פֿאָרוואורף, וואָס האָט אים געפֿרעסן און באַליידיקט, קיין רו נישט געגעבן, און געטריבן פֿון שטוב ווי פֿון אַ קבֿר... צוליב זיי קומט ער איצט אָפּ!... אויסגעטאָן דעם רעגנמאַנטל און אַ וואָרף געטאָן צווישן די קויטיקע שמאַטעס אַפֿן בעטל. פֿאַרגלעט די קרויזן און זיך אויסגעצויגן אַפֿן בעטל מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ. די טונקעלע גרויקייט, דער שווערער ריח פֿון די נאַסע אָפּגעשיילטע ווענט און פֿון דער סטעליע, רחלס בילד מיט די אַלטע פֿאַר־שטויבטע צייטונגען אַפֿן נאַכט טישל — אַלץ האָט געקוקט אַף אים מיט פֿרעמדקייט און מיט בלינדע אויסגעלאָשענע אויגן, און אים האָט דער עקשן ווידער אַ רודער געטאָן, זיך ראַפּטום אויפֿגעזעצט. פֿאַרויכערט אַ ציגאַר און אַרויסגעלאָזט דורך די צעשפּרייטע נאָזלעכער גראָבע קנוילן רויך, זיי מיט דער האַנט צעטריבן און זיך איינגעהערט אין דער צערודע־רונג פֿון אייגענעם האַרץ. אַ טיפֿע בענקשאַפֿט נאָך מנוחה איז אויפֿגעגאַנגען אין אים, נאָך אַן אייגן ווינקל, נאָך רחלס איבערגעגעבנקייט אָן וועלכער ער קען נישט לעבן.

דאָס צילאָזע בלאָנדזשען שעהן לאַנג איבער די רוישיקע צענטער־גאַסן, דאָס וויכן טעג און וואָכן פֿון טאַטנס שטוב, כּדי אָנצוּלערנען רחלען... דאָס נישט עסן און נישט שלאָפֿן צו דער צייט, דאָס שפּילן אין קאָרטן, טרינקען און לאַכן גראָב און מיאוס — דאָס אַלץ האָט אים אויס־געשעפּט און דערנידעריקט. די געזונטקייט אין אים, די ליבשאַפֿט צו פֿרייד און צום לעבן, צו זאָרגלאָזיקייט — האָט אים ווידער אהיים געבראַכט... אַ שלאָג געטאָן אין אים מיטן גאַנצן כּוח, זיך געריסן פֿון בלוט, באַפֿוילן:

— ג ע נ ו ג ג ע ל ע ב ט אין דער שוואַרצער אומבאַשטימטקייט. נאָך היינט מוז אַ סוף נעמען צום טויטן פּונקט!...

— ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, ווידער צענומען די קלעטער־פּלאַנצן און געקוקט צום מחותנס שטיבל. רציחה האָט אויפֿגעברענט אין אים, און אַ דין צו להכעיסדיק שמייכעלע האָט זיך אָפּגעלייגט אַרום די שווערע ברעמען און אַרום שטומען מויל. אויפֿגעמאַכט דעם שופֿלאָד פֿון נאַכט־

טישל און אַרויסגענומען דעם געלאָדענעם רעוואָלווער. די מאַמע האָט אויפגעציטערט. דער האַרטער סקריפּ פון שופלאָד האָט זי געטרופן... זי האָט זיך קרעכצנדיק אויפגעהויבן, זיך קוים צוגעשאַרט צום טירל, נאָר קיין מוט נישט געהאַט אַריינצוגיין צום זון, זיך געשעמט ווייזן פאַר אים אין איר גאַנצער עלנט און געבראָכנקייט. דער איינציקער אופן ווייכער צו מאַכן זיין האַרץ, איז וויינען און בעטן פאַרגעבונג, וועט ער אפשר אויפהערן וואָגלען, ווי אַ היימלאָזער הונט, און מער נישט קוקן אף די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע, ווי אף בלוטיקע שונאים... נישט באַדאַרפט שטערן דאָס שפּילן אין קאָרטן מיט די קונים — האָט די חרטה געפּרעסן דאָס אַלטע ציטערדיקע האַרץ... איצט גייט ער צו פרעמדע, און פירט זיך אויף שלעכט.

די טרערן זיינען ריטשקעסווייז געפלאָסן פון די אויסגעוויינטע האַלב בלינדע אויגן; די שרעק פאַרן זונס גליק, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט, האָט צעשמעטערט די האָפענונג אף אַ פּאָר גוטע יאָרן אף דער עלטער... די צוויי שווערע האַלב געליימטע הענט האָבן זיך אַליין אויפגעהויבן און פּאַוואָלינקע אויפגעמאַכט דאָס טירל. האָראַסיאָ האָט נישט אויפגעהויבן צו איר די בליקן. געלאַסן אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע. די מאַמע האָט באַקומען אַ פינצטער פּנים, אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און די ציטערדיקע ליפּן האָבן זיך געקרומט:

— האָראַציאָ!... אינגל!.. לייג אוועק דאָס געווער!...

שטומקייט און רוגזה האָט זיך געהאַמערט אַרום זיין מויל און אייבער די כמורנע, שטרענגע ברעמען, געמאַכט אַ ברייטן שפּאַן צום טירל און מיט אַ קאַלטער באַוועגונג פון דער רעכטער האַנט, אָפּגערוקט די מאַמע אין אַ זייט און אַ פרעמדער, אומניחהדיקער, אַרויס אין דרויסן די אַלטע אינגאַנצן אַ פאַרלוירענע, האָט זיך צעוויגט און אים נאָכגעשטרעקט ביידע הענט, איינגעוועבטע אין איר מאַמישער געבראָכנקייט און אַ פאַרצווייפלטער רעווע האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון יעדן אבר אירן:

— אינגל! זון!

דער אַלטערס רעווע איז אים נאָכגעלאָפן, זיך באַהעפט מיטן קרעכצן פונעם נאַסן ווינטל, וואָס האָט געשויבערט און געוואַשן די צערודערטע בלייכקייט פון פּנים. ער האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט אין גאָרטן, אַלץ אין אים האָט געברויזט און געטריבן אין דער וועלט אַריין. מיטאַמאָל כמעט אינסטינקטיוו, שטיין געבליבן הינטערן פאַרמאַכטן פענצטער פון רחלס שטיבל. אַרום אים האָט זיך געוועבט גרויע איינזאַמקייט און אַ איינגעגעסענע קעלט. די געוועלקטע גרויסע רויזן־קעפּ צוגעפאַלענע איינס צום אַנדערן, ווי עלנט פאַרפאָלגטע אידישע קינדערלעך, וואָס האָבן אונטער די פרייע הימלען געפיבערט פון קעלט, פון פּחד, זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, זיך געטרייסט און געוואָלט אויסבאַהאַלטן פונעם מענטשןמערדער.

דאָס רוגזהדיקע ווינטל מיט דער מאַמעס געוויין, איז צוגעפאַלן צום נאַקעטן לייב, אים באַדעקט מיט אַ לייכטן גליווער. האָראַסיאָ האָט שווער אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך אַליין באַנעמען נישט געקענט. פאַרוואָס שטייט ער עפּעס הינטערן פענצטער?... ווער איז ער? ביידע זיינען זיי איין גוף און איין נשמה!.. האָט זיין מענערישע ווירדע, דער שטאָלץ אַרויסגעשאָלט פון צעפלאַמטן האַרץ — קיינמאָל וועט זי קיינעם נישט געהערן! קיינמאָל!..

רחל איז געזעסן באַם טיש אַ טיף געבויגענע און אַ פאַרטראַכטע, אַריינגעקוקט אין אַ בוך. אין שטיבל איז געווען ליכטיק און זויבער. די ווענט פריש געקאַלעכטע אין אַ טונקל גרינעם קאָליר, מיט נייע ווייסע, דינע פאָרהאַנגען איבערן טירל און איבערן פענצטער. יום־טובדיק זעט זי אויס, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן, געפרעסטן שול־פאַרטוך און אַרום קאָפּ אַ שוואַרצע סאַמעטענע סטענגע, מיט אַ גרויסן באַנד פון אויבן. די רעמלעך פון די נייע גרויסע בילדער אויף די ווענט איבערגעפאַרבט, דאָס נייע ביבליאָטעקל פול מיט ביכער לעבן איר בעטל...

פאַרשעמונג און קראַנקע אייפערזוכט איז פלוצים אויפגעגאַנגען אין האָראַסיאָן: רחל ליידט נישט, בענקט נישט נאָך אים, איז שוין פולשטענדיק רואיק, עגאָאיסטיש ווי די באָבע. זי לייגט... האָט בכיוון געשוואויגן, אַז די ליבע צו אים איז טויזנט מאָל שטאַרקער ווי פריער, כדי אים צו האַלטן נאָענט און ווייט. אים מאַטערן מיט דער אומבאַשטימטקייט, מיט דעם גלויבן אין לויטערקייט, וואָס זי וויל אַרויסרייסן פון זיך פאַר זייערע טוועגן און אים אויפנעמען אָן צווייפל... אָן אומצוטרוי...

זי איז אַן אַנדערע געוואָרן. אַ פאַרשלאָסענע און אַ בייזע. ער ווייסט היינט נישט ווי אַזוי צו ריידן מיט איר און זי ווידער צוימען, אַריינגעמען אין די הענט... ער טרעפט זי זעלטן אין דער היים, שלעפּט זיך אַרום מיט יונגאַטשעס און מיט מיידן, זיצט מיט זיי גאַנצע נעכט אין די קלובן און פירט געשפּרעכן, ווייל מיט איין מאָל איבערמאַכן די וועלט...

דאָקטער ב. האָט פאַרזיכערט: זי איז געוואָרן אַ פאַרטייערן, אַ פירערן פון אַ גרופּע יוגנטלעכע. וואָס אייגנטלעך איז פאָרגעקומען אין איר? זאָל דאָס זיין די ווירקונג פון באָריסעס טויט? אפשר האָט זי אים ליב געהאַט!.. — האָט אַ געפיל פון צווייפל אַ שניט געטאָן אין האַרצן — האָבן זיי אים ביידע אָפּגענאַרט?..

ער האָט אינסטינקטיוו אַ קוועטש געטאָן דעם רעוואָלווער. און די אויגן פון קאָפּ זיינען געשפּרונגען, זיך געריסן צו איר ווי שוואַרצע לאַוועס מיט פייער, געשרפהט מיט אימפּעט און מיט אומגעדולד. זיין אומרו האָט זיך ווי דורך אומזעבאַרע פעדים צו רחלען געצויגן, געוועקט אין איר בענקשאַפט, וואָס זויגט אויס דאָס בלוט פון מאַרך און וואַרפט זי פון די פיס: זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן ביידע הענט אין דער לופטן, באַוואויגן מיט די בלייכע לאַנגע פינגער, עפּעס געזוכט און באַלד זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט, עלנטע און פאַרשעמטע, קראַנקע פון בענקשאַפט. טרויער און

פּיין האָט זיך געשניטן ארום מויל. אַ ליכטע מעלאַנכאָליע, נאָר פון די טיפע אויגן ווינקלען האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ כוח, אַ ווילן, וואָס רייסט זיך פון יעדן אבר, ווערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און לאָזט זי נישט פאַלן, אומקומען...

זי האָט אויסגעזען געעלטערט, פאַרטראַכט און זייער ערנסט, באַלאָדן מיט זאָרג און מיט טיפע בלוטיקע וואונדן אין דער נשמה.

— וואו זאָל ער איצט זיין? — האָט זי טיף אריינגעזיפצט אין זיך — ער גייט ווידער אַף קרומע וועגן. וואָלט ער כאָטש פאַרגעזעצט דאָס לערנען, דאַן וואָלט ער געווען געראַטעוועט... אַזוי אָבער, ווער ווייסט?...

רחמנות צום חתן האָט גענאָגט דאָס צעפייניקטע האַרץ. נאָך די כסדרדיקע אחריות פאר זיין לעבן, זיין גליק איז מער נישט געווען אין איר. און דאָס האָט רחלען געשראָקן. זי האָט מיטן גאַנצן לייב און לעבן, מיט דער נשמה, מיט יעדן אָטעם, ווידער געוואָלט זיין צו אים ווי פריער. אַף כוח אַרויסרייסן פון זיך די שטערונגען... אַ געהייליקטע אין אירע איבערלעבונגען, אים ווידער אריינעמען צו זיך אין האַרץ, אים לייטערן און אַרויספירן אַפן געזונטן וועג, פון וועלכןביידע האָבן געחלומט פון זייערע פריעסטע קינדעריאָרן...

איר אויסערלעבע רואיקייט, די שטוביקע אָרדנונג, די באַנייאונג פון יעדער זאַך האָט נאָך מער געבויערט באַ האָראַסיאָן אין מוח זיך מער גערייצט מיט אים, געלאַכט, געשפּעט פון דער פאַרוואונדערטער אייגנליבע. פון ווען אָן לעבט מען דאָס אַזוי זעלבסטשטענדיק? מען דרייט זיך ארום צווישן געמיינע יונגען, מיטן אויסרייד אויפצואווייזן דער וועלט ווער עס זיינען די נאַציס!... צום טייוול מיט זיי אַלע! און ער, האָראַסיאָ, האָט שוין גאָר נישט וואָס צו זאָגן? ניין, ער וועט זי מער נישט לאָזן אַף הפקר... אַ פרוי בלייבט אַ פרוי... אַפילו די שטאַרקסטע — האָט דעם טאַטנס הייסע בלוט, די אומגעצוימטקייט אַ רודער געטאָן און אים געצונדן דעם צאָרן. עס האָט פון אים אַרויסגעשריגן:

— רחל!... ראַקעעל!...

זי האָט אַ ציטער געטאָן, און די בליקן, ווי צוויי ברענענדיקע קנויטן, זיינען צוגעפאַלן צום פענצטער. אימפּעט איז אויפגעגאַנגען אין איר. די פּיס האָבן זי ראַפּטום אַרויסגעפירט אין דרויסן. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען, זי דורכגעבויערט מיט די צאָרנדיקע בליקן. רחל, בלייך און אויסגעשעפּט, האָט געהאַלטן אַף אים די בליקן ברייטע און ריינע, אָנגעגאָסן מיט געטריישאַפט און קינדישער אומשולד. איר אויסזען האָט אים אינגאַנצן צענומען און נאָך שטאַרקער געצויגן צו זיך. ער האָט אָפּגעהאַקט אַ ווייע געטאָן צווישן די ציין:

— עס מוז נעמען אַ סוף צו דיינע נאַרישע קינדערייען! — אַנטשלאָסנקייט איז געווען אין זיין קול, מאָנונג. — איך קען מער נישט אומגיין ווי אַ וואַגאַבונד!... איך וויל דאָס נישט מער!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז גרייט געווען אַריינצונעמען זי אין

די אָרעמס און אַנטלויפן מיט איר וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן. רחל האָט ארויסגעפילט זיין אומרו, די פיין. זי האָט אים געטריי אַנגענומען אונטערן רעכטן אָרעם, ווי אין יענע אַלטע גוטע צייטן, ווען זי האָט אים געגלויבט אַף אַלע הונדערט פּראָצענט. ער האָט אָבער ארויסגעפילט איר ווייטקייט... זי וויל זיך נישט צורירן צו אים, ווי צו עפּעס אַ טמאה... ער האָט געביסן זיין אויבערשטע ליפּ, געצוימט אין זיך דעם ווייטיק.

— האָראַסיאָ, נעם דיך אַריין אין די הענט! האָב רחמנות אַף מיר.

דערשלאָגנקייט איז געווען אין איר קול. געבעט. — נעם דיך ווידער צום לערנען, גרייט צו די לעצטע מאַטעריע, ווערסטו באַקומען דעם דאָקטערישן טיטול. טו דאָס פאַר מיר — האָט זי באַהאַרצט געבעטן — פאַר דיר!... פאַר די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע דיינע!...

ער האָט אַ צעצויגענעם שמייכל געטאָ. און די מענערישע אייגנליבע אין אים איז איבערגעבראָכן געוואָרן. אַ פאַרגרעוועט, זיך געראַנגלט ווי צווישן די אייז קאַלטע נעגל פון מלאך המות, די בליקן זיינען געוואָרן שפּיציק און דראָענדיק:

— זאָרג זיך נישט פאַר מיר!... עס איז שוין די העכסטע צייט, רחל — אין איר דורכלויכטנדיק בלייכן פּנים אַריינגעברומט — אַ סוף צו מאַכן צום געראַנגל... אַהער אָדער אַהין!...

זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ קניפּל טרערן, וואָס האָבן זי געוואָרגן אין האַלדז. פאַרמאַכט די אויגן, זיך איינגעהערט אין דער פאַרבאָגענער טיפקייט פון אירע חושים, פונעם האַרץ, וואָס האָט געפלאַטערט, ווי איבערן שאַרפן שפּיץ פון אַ מעסער. און זי האָט זיך באַמיט אַרויסצורייסן פון דאָרטן דעם אַמאָליקן צוטרוי צום חתן, אַ פאַרגעבונג... די גרויע אָנגערוקטע כמאַרעס אַרום איר זיינען פלוצים געוואָרן שוואַרץ און בייז, האָבן אויסגעשפּיגן פון זיך דעם חתנס צעוויגטער פיגור, אַ שיכורע, אַ פאַרלוירענע. וויר איזט גוט... מעסער... יודען־בלוט! גרעטאַ איז אַ וואָרים ווייב... — האָבן די צע־קרומטע ליפּן שטיל געזייעט — און ער שטרעקט אוים די האַנט, טוט זי אַ וואָרף אַוועק צו דער ערד...

רחל האָט אַ ציטער געטאָן און די אברים זיינען געוואָרן פאַרחלשט דער ווייטיק פונעם באַקומענעם קלאַפּ אַפן הינטערשטן טייל פון קאָפּ איז ווידער געוואָרן שאַרף, ווי מען וואָלט פון קאָפּ שטיקער געריסן... און די באָבעס קאַלטע קראַמפּהאַפּטיקע פינגער רייסן זי אַוועק פון חתן... דאָס פאַריסענע טויטע בערדעלע, אַ באַדעקטס מיט שוויים און מיט עלנט, די בלישטשענדיקע בליקן, פרומע און באַצווינגערישע, די שפּיצן פונעם שוואַרצן שאַל — ציטערן צווישן די כמאַרעס, לאָזן זיך אַראָפּ איבער איר געבויגענעם קאָפּ און וואָרענען, טענהן בייז, צודרינגלעך: זאָל ער גיין צו איר, צום שונא ישראל... ער האָט געלעבט מיטן שונא פון דיינע געפּיי־ניקטע שוועסטער און ברידער... זיינע ליפּן האָבן איר קאָמפּליכיענטן גע־מאַכט, שיינע ליבעס ווערטער געזאָגט... זיינע הענט האָבן געגלעט איר לייב... די אויערן — האָבן געהערט ווי זי שעלט און באַליידיקט דיין פאָלק...

ער האָט געהוליעט און געשיכורט. געלעבט אַ גוטן טאָג, ווען דו האָסט געצאַנקט אין דיין עלנט, אַ פאַרלאָזטע פון אייגענע און פון פריינט...

רחל האָט אַ קרעכץ געטאָן ווי אַ געבונדענע, מעכאַניש אַפּערגענומען איר האַנט פון זיין אָרעם און מיט דער דלאָניע געהאַלטן אין איין ווישן די שוואַרצקייט פאַר די אויגן און דעם קאַלטן שוויים פון פנים. טיפע קאַרבן האָבן זיך געשניטן ארוים מויל, איבערמענטשלעכער פיין. זי האָט זיך אינסטינקטיוו אַ שטעל געטאָן אַף די שפּיצן פון די פינגער און פאַריסן דאָס בערדעלע, אַ בלייכס, אַ שפּיציקס, פונקט ווי די באָבע דבורה, ווען זי האָט שטומערהייט אויסגעדריקט די טענות צו דער וועלט.

— לאָז מיך לעבן רואיק, האָראַסיאָ;... — שווער געאָטעמט — איך קען מיך נישט איבערברעכן... אַ בייזע וואָרענונג, אַ כוח שטייט צווישן אונדז.

ווייטיק איז געווען אין איר קול, רעזיגנאַציע. ווידער אַראָפּגעשלונגען אַ בינטל טרערן, בלוטיקע און דורכגעוועבטע מיט האַרבסטיקן אומעט. מיט עלנט, מיטן וויינענדיקן קרעכץ פון די געל פאַרשווייסיקטע בלעטער אונ־טער זייערע פיס. זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים און אַ שטילע, אַן אַראָפּגעזעצטע זיך געלאָזט אַוועקגיין. ער האָט זי ראַפּטום אַ נעם געטאָן פאַר דער רעכטער האַנט, זי אויסגעדרייט מיטן פנים צו זיך, און דורך בייזער ציין־קריצעניש אַ ברום געטאָן:

— דו האָסט אַ הנאה מיך צו פייניקן!...

ווי האָט אויפגעציטערט אין אירע בליקן, דער עלנט פון אירע דורות, וואָס זיינען צעטראָטן געוואָרן פון מענטשלעכער גרויזאַמקייט. די ליפּן האָבן זיך שוואַך באַוואויגן:

— אויך דו, האָראַסיאָ, קאָנסט מיך נישט פאַרשטיין... מיר זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן... עס איז זייער שווער צו זיין אַ אידישע טאָכטער נאָר מיט אַ האַלבער נשמה — האָט זי טרויעריק צוגעגעבן — אידישקייט מאָנט באַ דיר — גאַנצקייט, אָפּפער!... אייביקן געראַנגל פאַרן קיום פון דיין פאָלק... די פאַרשניטענע דורות גייען דיר נאָך און הערן נישט אויף מאָנען..

— וואָס מאָנען... פּסיכאָפּאַטיע! — האָט האָראַסיאָ אַ צעקרימטן לאַך געטאָן און זי אָפּגעמאָסטן מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן בליק, אָנגענומען מיט באַדויערן — ווער צווינגט דיך צו ליידן? פחדן!... פאַר די טויטע האָסטו שוין אויך מורא באַקומען?... מיר זיינען יונגע מענטשן.. יונגע און מער גאָרנישט!...

זי האָט געשוויגן און אים דורכגעבויערט מיט טיפע בליקן, ערנסטע און די אָנגערוקטע ברעמען, די ליפּן האָבן אויסגעדריקט ווייטיק, באַ־לײדיקונג. עפּעס אין איר האָט אַ רודער געטאָן, מעגלעך די מינדערשע־צונג צו אירע יסורים, אָדער נאָר דער שניידיקער מיטגעפיל צו אירע פאַרשניטענע דורות, וועמענס קולות עס לויפן אום אין איר בלוט און גיבן איר מער קיין רו נישט.

— דו, האַראַסיאַ, האָסט מיך געצוואונגען צו ווערן אַ געטרייע אידי־שע טאָכטער — האָט זי אַריינגעטענהט אין זיין בלייך צערודערט פּנים — דו, און אויך די פינצטערע טאַטע־מאַמע דיינע. זיי האָבן געוועבט די שווארצע נעץ פון האַס צו מיר, צו מיין טאַטן און צו דער באָבען!... פאַר וואָס? אַ? וואָס שווייגסטו?...

— זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון ניקאָלאַס מערדערישקייט... — האָט ער זיך פאַרטיידיקט.

— איר האָט מיך פאַריאָגט ווי אַ קרעציקן הונט — האָט רחל, נאָך אַ ווייל־ע שטומקייט ווידער אָנגעהויבן טענהן — מיך אַריינגעטריבן אין די פוסטע ווינקלען פון עלנט און פון צער... און איך בין אַ ניי־געבוירענע... איך וועל גיין דאָ, וואו מען פאַרשטייט מיך... צו זיי, די אומגליקלעכסטע פון אַלע באַשעפענישן אַף גאָטס ערד... צו די געפּייניקטע און געדודפּטע שוועסטער און ברידער — — — צו די וואָגלער, וועמען די מערדערישע וועלט ברענגט אום אין מיליאָנען — — — צו קיילעכדיקע ציפערן גע־מאַכט פון אונדז... צוויי מיליאָן... אומגעבראַכט!... דריי מיליאָן, פיר, פינף, זעקס... — — — זי האָט זיך מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ אָנגע־כאַפּט און געשריגן מיט אַ פרעמד קול, אַ אָנגענומענם מיט פאַרביטערונג, מיט גרעניצלאָזן צער — איך וויל אויסקושן יעדן וואונד פון געפּייניקטע הערצער און נישט אויפהערן מאָנען בא דער מערדערישער וועלט דאָס, וואָס אונדז קומט בא זיי..

— שווייג!... גענוג! — —

— ניין! איצט איז מיין ריי!... גענוג געשוויגן, זיך געפּייניקט דאָרטן אין שבעה־ווינקל!... — און די טרערן האָבן געציטערט צווישן אירע וויעס, זיך געפּערלט אין דער באַנאַכטיקער גרויקייט — זיי, האַראַסיאַ, דאַרפן מיך האָבן! זיי נויטיקן זיך אין דער טרייסט וואָס איך וואַרעם אוים אין די בלוטיקע וואונדן פון מיין נשמה... איניינעם מיט זיי, צו דער געפאַלענער וועלט קומען און ווייזן די פּרוכט פון זייערע קראַנקע געוויסנס. אַ וועלט פון גאַז־קאַמערן, מיט קאַלך־אויוונס. אַ וועלט פון האַרצלאָזיקייט און גאוה מוז אונטערגיין! און איך וועל צו דעם מיט אַלע מיינע כוחות צוהעלפן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַלץ אין איר האָט געציטערט, גע־פיבערט פון אויפרעגונג.

האַראַסיאַ האָט די שטילקייט איבערגעריסן:

— קום, איך וועל גיין מיט דיר! איניינעם וועט אונדז זיין לייכטער דער וועג...

— נעם מיך נישט אַף כוח! איך וויל זיין אַליין! אויך דו וועסט גע־פינען פריינטשאַפט.

איר אַנטשלאָסנקייט האָט אים דערנידעריקט. ער איז נישט געוואוינט געווען צו ליידן און צו זיין עלנט. די גרויקייט, די קעלט האָט געוועקט דעם טרויער און דערדריקט דאָס געמיט. ער האָט אַריינגעלייגט אַ האַנט אין קעשענע און מעכאַניש אַרויסגעצויגן דעם געלאָדענעם רעוואָלווער, אַ פיר־

געטאָן פאר רחלס פנים. רויטע פלעמלעך האָבן זיך געצונדן אין זיינע צעוויגטע בליקן, און אומהיימלעכקייט.

— דאָס, און נאָר דאָס — האָט ער אָנגעוויזן אפן רעוואָלווער — וועט אונדז אף אייביק צעשיידן...

זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אף די שפּיצן פון די פינגער, דורכגענומען מיט דער בענקשאַפט נאָך יענעם, אַמאָליקן האָראַסיאָ.

— הרגע אַוועק מיין גוף! איך דאַרף אים נישט... מיין נשמה, מיין גלויבן אין דיר, דעם צוטרוי האָסטו שוין לאַנג אַוועקגעהרגעט... דער טויט שרעקט מיך נישט מער! — האָט זי פאַרביטערט געטענהט — האָסט מיין נשמה פאַרשעמט, ווי אַ געפייגערטן פוקס זי אַוועקגעלייגט אונטער גרעטאָס פיס.

להכעיס איז אויפגעגאַנגען אין אים. די בליקן האָבן געציטערט מיט אַן איינפאַל. ער האָט זיך קאַלט אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר, צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו זיין רעכטן שלייף. און רחלען האָט עס אַ געשריי געטאָן, ווי דער הימל מיט דער ערד וואָלטן זיך צונויפגעפאַלן:

— האָראַסיאָ!

זי האָט מיטביידע פויסטן אויגנבליקלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער זיין האַנט. דער רעוואָלווער איז מיט אימפּעט אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און אַ קויל האָט אַ טראַך געטאָן און ווי אַ פייל פון בויגן זיך אַריינגעריסן אין אַלטן, געקאַרבטן שטאַם פון ווערבע בוים. דער בוים האָט אַ ציטער געטאָן און די געלע פאַרשווייסיקטע בלעטער זיינען אומעכטיק געפאַלן צו דער ערד. עס איז ווידער געוואָרן שטיל און אימהדיק, ווי אף אַ בעת עולם. רחל איז געווען פאַרגליווערט. דער שטומער רעוואָלווער איז געלעגן בײַ זייערע פיס, ווי אַ קאַלטע מחיצה, קינס צייכן. האָראַסיאָ איז צו זיך געקומען, דערפילט דער כלה׳ס געבראָכנקייט און איז ווידער גרייט געווען צו שטאַרבן פאַר איר. קיינמאָל האָט ער זי נישט אַזוי ליב געהאַט ווי אין יענער מינוט פון אַנטשיידונג. ער האָט זיך מעכאַניש אַ בויג געטאָן, אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער און די פיס האָבן אים אַוועקגעפירט צום הינטערשטן אַרויסגאַנגס טירל. די בלעטער אונטער זיינע שווערע טריט האָבן געצאַפּלט און דאָס שפּיציקע רעגנדל איז געוואָרן בייזער און רוגזהדיקער, געקלאַפּט איבער זיינע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און ווידער געוואָרנט...

דער גרויסער קלויסטער־זייגער האָט אויסגעברומט צוועלף קלעפּ, גלייכגילטיקע און שווערע. יאָסל איז אַראָפּ פון בעטל, אַרויסגעלייגט דעם בוך פון דער האַנט און אָנגעטאָן דאָס אַרבעטס־רעקל, זיך אַרומגעקוקט אין די ווינקעלעך און די אומרו אין אים איז געוואָרן שטאַרקער. ער האָט אַפּירגענומען פון אונטערן קישן זיין הילצערנע האַנט, זי פאַרשטופּט הינטער דער פּאָלע פון רעקל, אָנגעטאָן אַ פּאָר שטעק־שיך אף די באָרוועסע פיס און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. דאָס רעגנדל אַן איינגעגעסענס האָט געפּיקט ווי מיט שפּיציקע טשוועקלעך איבער די בלעבערנע

דעכלעך און איבער די שויבן פון די פענצטער. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאַלנער פון רעקל און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער פון רחלס שטיבל. די חושים זיינען געווען געשפּאַנט ווי פון אַ פאַרפאַלגטן האָז: זיכער, אַז עמיצער האָט דאָ אַרומגעשפּאַנט. אפשר איז דאָס געווען האָראַסיאָ?

ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט מיטן פּנים צום גאָרטן. די ווייסע צעשויבערטקייט פון קאָפּ, די העלע בליקן — האָבן זיך מאָדנע אויסגעטיילט פון די אַרומיקע גרויע בערג־כמאַרע. ער איז אַריינגעגאַנגען צו דער טאָכטער. זי האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן, ווי זי וואָלט געווען פאַרטראָגן אין אַ פערציק גראַדיקן פיבער. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אַפן בעטל. אַן אומבאַוועגלעכע, מיט די הענט אונטערן קאָפּ און אינגאַנצן אָנגעטאָן, אפילו מיט די שיך אַף די פיס. טיפע גרויע קאַרבן האָבן זיך געשניטן אַרום מויל און אונטער די אויגן, קאַרבן וואָס האָבן דערציילט פון מענטשלעכן וויי, פון בלוטיקע וואונדן אין דער נשמה, פון מאָנונג צו אַ וועלט אָן אַ נשמה, אָן געוויסן. יאָסלען האָט געבראָכן דאָס האַרץ. דער טאָכטערס שטומער עלנט האָט געשריען צו אים מיט טויזנט קולות. דאָס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון אַרבעטס רעקל האָט אָנגעהויבן צאַפּלען. ער האָט די שטילקייט איבערגעריסן:

— רחל! ר־ח־ל!

זי האָט אָנגעשטעלט אַף אים די צעשטרייטע בליקן און אַ בלייך צעקרימט פּנים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן זוים פון בעטל, אַרויפגעלייגט די האַנט אַף דער טאָכטערס שטערן און מיט זאָרג אָנגעהויבן טענהן.

— מען טאָר נישט, רחל, פּייניקן זיך און אויך יענעם. מאָך אַ סוף צום רוגז — — — כ'וואָלט געשוואוירן, אַז האָראַסיאָ דרייט זיך איצט אַרום זיין טאַטנס שטוב, ווייקט זיך אונטערן רעגן — — — — דער יונג וועט זיך פאַרקילן...

אין אירע בליקן האָט אַ צאַפּל געטאָן דער אומעט און די בענקשאַפט וואָס האָט איר גענאָגט דאָס בלוט פון די אָדערן און זי צעבראָכן. זי האָט זיך אויפגעזעצט און אַריינגעקוקט אין טאַטנס געזיכט, דעם דורכלויכטיק בלייכן:

— ביז ווען, טאַטע, וועלן מיר געפּייניקט ווערן? איך קען מער נישט אויסהאַלטן, איך פאַל!...

— דו מוזט, רחל, אויסהאַלטן! אין אונדז לעבט דער געשריי פון די פאַרשניטענע דורות — — — יעדער איד איז אַ קאַסע מיט פאַרשלאָסענע הייליקייטן, טרערן און מאָנונג!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און שווער געזיפצט. רחל האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַפן טאַטנס אַקסל און געלויערט מיט אומעט אין די בליקן צו דער גרויקייט אונטערן פענצטער, געזוכט דאָרטן האָראַסיאָן. אַלץ אין איר איז געווען איינגעבראָכן און צעפּייניקט. יאָסל האָט געגלעט די צעפלויגענע לעקעלעך אירע און ווידער גערעדט:

— מיר מוזן צונויפנעמען אַלע אונדזערע כוחות, אָפּגעבן דעם

חוב אונדזערע פאַרשניטענע דורות... עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די וועלט וועט אויפשטיין פון איר טעמפּן עגאָיזם.

— און באָרים, און אַלפרעדאָ, טאַטע!... פאַר וואָס האָט מען זיי פאַרשניטן? און... און... — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעשלונגען אַ קניפּל טרערן. יאָסל האָט זי צוגעצויגן צו זיך און זייער שטיל אָפּגע־ענטפערט:

— שוויג בעסער. רו זיך אָפּ לעבן מיר. מאָרגן וועסטו מיר אַלץ דערציילן — — — וואָס אייגנטלעך איז צווישן אייך פאָרגעקומען? — וועסט זען, אַז אַלע דיינע חשדים זיינען גרונטלאָז.

רחל האָט געשוויגן און געדאַנקט דעם צופאַל, וואָס דער טאַטע איז נישט געווען בעת האָראַסיאָ האָט זי געוואָלט אומברענגען און אויך זיך אַליין... געפילט אַז די צרות אירע האָבן זיך נישט געענדיקט. פון די טיפע זויבערע ווינקלען, פון יעדן שטיקל מעבל, פון דער טיפעניש פון די אברים זייערע האָט זיך געטראָגן די אייביקע אידישע בענקשאַפט נאָך אַביסל רו און מנוחה.

— פאָרזיכטיק, שייסע!... — האָט פריץ צוגעלייגט דאָס מאַסקע־פּנים צו ניקאָלאַסן — דער קאַליקע מיט דער מויד זיינען כסדר וואַך... זע, עס איז נאָך ליכטיק אין זייער שטיבל.

ביידע האָבן אַרומגענומען די גאַרטלען אַרום די שוואַרצע, ברייטע רעגנמאַנטלען און אַראָפּגערוקט טיפער די קאַפּוטשאָנעס איבער די קעפּ, זיך פאַרשטעקט צווישן די צעוויגטע פּלאַכטעס פון ווערבע בוים און גע־לויערט מיט די בליקן איבערן גאָרטן. ניקאָלאַס האָט זיך צוגעטוליעט צו פריצן און געהאַט דערביי אַ פינצטער פּנים, אַ זשעדנע...

— און טאָמער וואַרטן מיר היינט ווידער אומזיסט? — האָט פריץ אַריינגעבורטשעט אינעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון רעגנמאַנטל.

— דאָס קען נישט זיין... גאָט וועט אונדז צוהעלפן. די פריילן גרעטאַ האָט באַפוילן דורכוים צו דערליידיקן מיט אים!...

— און ווען וועל איך אַרויסבאַקומען מיינע זאַכן פון צימערל? — האָט פריץ אומצופרידן געפרעגט — אַ שאָד די זיידענע נאַכט העמדער און די נייע ליילעכער מיט דער דעקע...

— דו זיי נאָר נישט בייז, פריצעלע! — האָט ניקאָלאַס צעגאַוועט דעם ברייטן פּיסק — מיר וועלן באַקומען אַ שיינעם לוין... גרעטעלע וועט פאַר אַלץ באַצאָלן... ווי מיינסטו, זי וועט כאָטש האַלטן וואָרט?

— אויב מיר וועלן אים פאַרטיק מאַכן, וועט זי זיין צופרידן!

— פאַרלאָז זיך אַף מיר. דו ווייסט, פריץ, זי האָט מיך ליב... — גאַוהדיק אַריינגעציִשעט אין די שנירלעך רעגן — אַזאַ מאַנספּאַרשוין ווי איך — וואַלגערט זיך נישט! דו פאַרלאָז זיך שוין אַף מיר. ניקאָלאַס קען אַריינקומען וואוהין זיין האַרץ גלוסט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און די שפּיציקע אויגעלעך, ווי שוואַרצע, הונגעריקע רויב־פייגל האָבן זיך געריסן צו די צעדרייטע סטעזשקעס אין בערן גאָרטן, די טיפע פינצטערניש האָט אים געשראָקן.

— גיי, פריץ, פריער — האָט ער געהיימניספול געסאָפּעט און ווי אַ צעשראָקענער טכויר אויסגעצויגן דאָס קעפּל אויף פאָרויס — איך וועל אונטערקומען...

ער האָט אפירגענומען פון הינטער דער פאָלע פון מאַנטל אַ שווער שטיק אייזן, אַ קוק געטאָן אויף דעם און ווידער אַ זאָג געטאָן:

— די פריילן הייסט אַרבעטן נאָר אויף טרוקן... זי ווייסט וואָס זי זאָגט, די מויד. געדענק, שיסע, דער פורער פאַרגעסט נישט קיין פּע־לער... אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער רופט די אויפמערקזאַמקייט, דאָס איז נישט לוינבאַר...

פּאַכקענטעניש איז געווען אין זיין קול און פאַריסענער שטאָלץ.

— אין מיין רומרייכן פאָטערלאַנד האָבן אַלע געוואוסט ווער פריץ איז! אַז אים געלינגט די אַרבעט... דאָ ווידער פעלט נאָך געגונג צו דעם, די צייט גייט זייער לאַנגזאַם.

ניקאָלאַס האָט אים געוואָלט געפעלן און אָפּגעענטפערט באַרימעריש:

— וועסט זען וואָס ניקאָלאַס קען!... מיר וועלן אים פּאַרטיק מאַכן, דעם געזונטן אָקס, און אוועקוואַרפן נאַענט פון קאַליקעס שטיבל... שכנים ווייסן, אַז דער איד איז ברוגז מיטן איידעמל... און וואו זיינען די אַלטע נבלות, די לאָקשן?... זיי וועלן באַ מיר אַרויסטרעטן אַלס די ערשטע עדות... איך שווער דיר באַ מיין ערן־וואָרט, די מויד מיטן קאַליקע וועלן פאַר־ענדיקן אויף קאַטאָרגע...

— ווער פאַרשטומט! — האָט פריץ אומצופרידן געבורטשעט — אין די דאָזיקע מינוטן מוז מען טראַכטן נאָר פון אַ פערפעקטער אַרבעט. מיר, די דויטשען, האָבן ליב פּינקטלעכקייט... און מיט דעם דאָזיקן לאָקש האָט זיך שוין צופיל פאַרצויגן. נישט אומזיסט איז גרעטע ברוגז אויף אונדז!...

אין דעם האָט האַראַסיאַ אַריבערגעשפּאַנט דאָס נידעריקע פלויטל. ניקאָלאַס מיט פריצן האָבן אריינגעצויגן די קעפּ אין די אויפגעשטעלטע קעלנער און ווי צוויי נאַסע ים־חזירים שווער געאָטעמט. האַראַסיאַ האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר פון קעשענע, פאַרויכערט און אונטערגעסוויש־טשעט אַ ניגון פון אַ טרויעריקן טאַנגאָ. ער איז געווען דורכגענומען מיט קעלט און מיט אומניחהדיקייט. דאָס העמד צעכראַסטעט, די האָר אויף דער ברוסט און די צעפלויגענע קרויזן — באַפּערלט מיט טראָפּנס רעגן. פון מויל האָט זיך געפילט אַ שאַרפער ריח פון בראָנפן אויסגעמישט מיטן ריח פון ווייבערשער שמינקע מיט ביליקן פערפיום.

ער האָט אויסגעשפּיגן איינמאָל און נאָכאַמאָל און דורכגעבויערט מיט די גרויסע צוויי אויגן, געצונדענע און בייזע — די אַנגערוקטע שוואַרצקייט אַרום זיך. פון רחלס פענצטער האָט אַרויסגעשלאָגן אַ בלייך

שטיק שיין, א יתומ׳דיקס. האראסיא האט אפגעזיפצט: הייסט עס, אז זי ווייסט, די קליינע, מיט וועמען ער האט געהאט צו טאן... דערפאר איז זי אזוי פארביסן, נישט נאכגעביק... נישט גערעכט זיך אף רחלען... ווער לעבט אין איר? זיך אויסגעדאכט אזא גוטע!... און ערשט — איינגאנצן די באבע!...

ער האט דערפילט א איבל צום ברעכן... צוגעשפארט דעם נאסן שטערן צום נאסן שטאם פון א בוים און אפגעהוסט עטלעכע מאל. אפגעאטעמט דורך ווילד־צעשפרייטע נאז־לעכער און ווידער געהאלטן אין איין שפייען. ביסלעכווייז איז אויפגעגאנגען די קלארקייט אין האלב־שיכורן מוח: ניין, קיינער אין דער וועלט וועט נישט צונעמען רחלען בא אים... זיי מוזן לעבן איינינעם, אדער שטארבן.

די בענקשאפט האט געפרעסן דאס הארץ. ער האט זיך פלוצים דערמאנט אן באריסן. וועסט אמאל צו טייער באצאלן, האראסיא, פאר דיינע שיינע געננ...

האראסיא האט א צעקרימטן שמייכל געטאן און מיט דער דלאניע אויסגעווישט די ריטשקעלעך וואסער, וואס זיינען גערונען פון די קרויזן. א קעלט איז דורכגעלאפן זיין לייב און א באגער אויסצורוען זיך, פארגעסן אין אלץ און ווידער אנהויבן פון דאסניי, איינינעם מיט רחלען.

ער האט צוגויפגענומען דעם קאלנער פון העמד און מיט צעשטרייטע שפאן זיך געלאזט אף דער סטעזשקע.

פריץ האט זיך ראפטום ארויסגערוקט פון זיין באהעלטעניש און אף די שפיצן פון די פינגער א לאז געטאן נאך אים, און מיטן גאנצן כוח פון זיין איינגעאיבטער מערדעריי אים אריינגערוקט דאס מעסער אין דער רעכטער זייט. האראסיא האט א מוראדיקן געשריי געטאן, זיך ראפטום אויסגעדרייט, ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער פון קעשענע. קוואלן היים בלוט האבן געזעצט פון דער אפענער וואונד און אויך פון מויל און פון דער נאז. עס האט אים אויסגעפעלט אטעם, האט געציטערט ווי א דורכלעכערטער פיש אף דער ווענדקע, צונויפגענומען אלע כוחות און אויסגעשאסן קעגן פריצן. די קויל איז אים אריין אין דער רעכטער לידקע.

ניקאלאס מיט דעם אויפגעהויבענעם שטיק אייזן אין די צוויי טרוקענע הענטלעך איז ארויסגעשפרונגען פון צווישן די וויגנדיקע פלאכטעס און מיטן כוח פון האס צום שיינעם חבר אים איבערן קאפ דערלאנגט. גיך, ווי א דערשראקענער שטשור זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו האראסיאן און א שפרונג געטאן צום ארויסגאנג־טירל.

האראסיא, מיט צעפלויגענע הענט, ווי ער וואלט געווען שיכור, האט זיך א וואקל געטאן און ארומגעכאפט זיין מערדער. וואס איז א פארלוירענער, מיט טויטלעכער שרעק אין די אויגן, נאכגעהונקען ניקאלאסן. ער האט אים, ווי מיט אייזערנע קלאמערס פארשלאסן אין די לאנגע הענט און אזוי א פארחלשטער, אפגעגאסענער מיט ריטשקעס בלוט, — הענגען געבליבן אף אים.

פּריץ האָט אַריינגעציטערט אין זיך און קאַלטע ריטשקעס שווייס האָבן געגאָסן פון געלן מאַסקע פּנים. די טאַמעוואַטע אויגן האָבן זיך גע־ריסן פון די אויגנלעכער, ער האָט רציחהדיק געהאַמערט מיט די געבײַלטע פויסטן איבער האָראַסיאָס פאַרלוירענעם קאָפּ און איבערן בלייכן, ווײַ־טיקלעך צעקרימטן פּנים:

— לאָז אָפּ!... לאָז אָפּ!...

יאָסל איז אָנגעלאָפן מיט אַ קליינעם פּראָזשעקטאָר־לעמפּל אין דער האַנט און נאָך אים רחל, אַן אויפגעשוידערטע פון שרעק. דערזען דעם פאַרבלוטיקטן חתן, האָט זי אַ שניידיקן קוויטש געטאָן און זיך אַראָפּגע־לאָזט אָפּן גראָז. יאָסל האָט זיך נישט פאַרלוירן, אַוועקגעוואָרפן דעם פּראָזשעקטאָר און אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער פון האָראַסיאָס פאַר־שלאָסענע פינגער, און אויגנבליקלעך אָפּגעפייערט צוויי קוילן אין פּריצן.

קאַפּיטל 39

דער סוף פון גרעטאַס חלום

גרעטאַ איז געזעסן אין דער שטרויענער וויג־שטול, אײַנגעוויקלט אין רויטן פּרימאָרגן־ראָק, דעם אויסגענייטן מיט האַקנקרייצלעך פון געלן שעך אַרום די ברייטע אַרבל און אַרום זוים און שטום געוואָרט. פון ידען צוק מיט אַ ברעם, פון איר גאַנצער מאַיעסטעטישער ברייטקייט, וואָס האָט אָנגעפילט דעם סקריפּענדיקן וויג־שטול, האָט געוויייעט מיט אַ מאָר־נעם רוגז, מיט גלייכגילטיקייט און מיט אַ טיפן אומווילן.

ביז צוריק מיט עטלעכע חדשים האָט גרעטאַ ליב געהאַט צו זיצן אַלע אינדערפרי אין דער זעלבער שעה, ווען זי איז אַן אויסגערוטע פון שלאָף אויפגעשטאַנען, און זיך וויגן אין דער דאָזיקער שטול, לייענענדיק דערבײַ די גוטע מלחמה נײַס, וועגן די גרויסע נצחונות פונעם דייטשן מיליטער, דאָרטן אַף די שלאַכט־פעלדער — באַזונדערס אין אייראָפּע... די לעצטע צייט, אָבער, איז גרעטאַ באַהערשט געוואָרן פון אַ טיפער מע־לאַנכאָליע. זי קען מער קיין צייטונגען נישט לייענען, זי וויל זיך נישט צוהערן צו די שלעכטע נײַעס וועגן איר לאַנד. איר איז ליבערשט צו טראַכטן וועגן האָראַסיאָן, וואָס האָט זיך אַזוי קונציק און לײַכט אַרויסגעדרייט, אַרויסגעגליטשט פון אירע צוויי אײַזערנע אָרעמס און גייט אַרום אַ לעבעדיקער און אַ רואיקער, גלייך ווי ער וואָלט זי נישט געקענט... געוומען טראַכטן וועגן זײַן פינצטערן סוף, וואָס זי גרייט פאַר אים, און שפּעטער, כדי צו געפינען טרייסט און האָפענונג אַף בעסערע צייטן — אי־בערגעלייענט אַ פּאָר פון יענע טײַערע, דערהויבענע בריוו, אָנגעפּיקעוועטע

ווי די מילגרוימען מיט זאפטיקע קערנדלעך — מיט טויזנט פריידיקע צו־זאָגן, מיט רום און מיט אייביקער גרויסקייט. יענע בריוו וואָס האָבן זי אזוי גליקלעך געמאכט, האָט איר דער אייגענער טאטע, האנס דער אויבער־לייטענאנט צוגעשיקט פון דער אלטער היים, פון דייטשלאנד, וואו ער איז אן אמתער מלוכה־מאן געוואָרן. די לעצטע עטלעכע חדשים, אז גרעטא האָט קיין איין בריוו פון פאָטער נישט באקומען און כאָטש זי איז שטענ־דיק זיכער, אז מיט אים האָט דאָרט קיין שום שלעכטס נישט געטראָפן, ווייל ער האָט געגנוג שכל אויסצוהיטן זיך פון געפערלעכע פלעצער און פון געפערלעכער ארבעט, איז זי דאָך אומצופרידן און בייז. עס פעלן איר אויס די שיינע האָפענונגען אויף דעם באלדיקן נצחון איבער די שונאים, וואָס דער טאטע האָט איר אין יעדן בריוו טויזנט מאָל פארזיכערט און צוגע־זאָגט... — די פארפלוכטע צייטונגען! די אָפּגעקויפטע פון די געמיינע אידן — האָט זי מיט רוגזה און באליידיקונג א טראכט געטאָן — זיי זאָגן דאָך קיינמאָל דעם ריכטיקן אמת... יאָ, די שרייבער מוזן זיין אונ־טערגעקויפטע פון די אידן מיט די ענגלישע הינט; זיי באפעלן אויסצו־טראכטן און צו שרייבן א סך שלעכטס סיי וועגן דעם גאנג פון די קריגס־אָפּעראציעס אויף די פראָנטן און סיי וועגן דער גרויסקייט פון דייטשן רום, און אויך פון אים, דעם מעכטיקן, דעם פירער, דעם שיינעם בוב אירן...

אָ, מיין אדאָלף — איז פיל ליבער, פיל שענער פון דעם דאָזיקן נאַ־רישן דאָקטערל, ער וועט צו טייער באצאָלן, דער נארישער יונג!.. אים געוואָלט מאכן פאר א לייט, דערהויבן צו אזא הויכן ראנג! און ער דער־שרעקט זיך דער פייגלינג, דער יודן־יונג!... מיר וועלן שוין זען וועמעס מאכט ס'איז שטארקער...

זי האָט זיך ברייטלעך צעלייגט און אויסגעצויגן די הענט, פויל און אומניחהדיק געגעניצט און כדי צו פארטרייבן פון זיך דעם פארדרוס, דעם טרויער און די בענקשאפט אהיים און נאָך דעם טאטנס גאָלדענע בריוו א אויפגעקאָכטע פון א ווילדן נקמה־געפיל צו האָראסיאָן, וואָס האָט זי נישט געלאָזט לעבן רואיק — צעעפנט דאָס קליינע מוטערפערלנע קעסטעלע בא זיך אפן שויס און ארויסגענומען פון דאָרט א פּאָר בריוו, זיי דורכגע־שפּיזלט מיט די הייסע צעטראָגענע בליקן, אנגענומענע מיט קרענקלעכע פלעמלעך, ווי אין מוח בא איר וואָלט טליען און זיך דעמפן א רויט פייער.

ארום איר האָט שוואכע שטילקייט געגרוט, א טיפע אומבאשטימטקייט. הינטערן אָפענעם פענצטער איז געשטאנען א בלייכע זון, א ברוגזע און די געוועלקטע בלעטער פון די ביימלעך זיינען געווען אויסגעוואשן פון באנאכטיקן רעגן און קרענקלעך איינגעשרומפּן.

די אלטע מארגאריטא האָט ארייגעצויגן דעם קאָפּ צווישן אירע הויכע מענערישע אקסלען און א זייטיקן קוק געטאָן אויף גרעטאן, אן אנגע־נומענעם מיט אומצוטרוי און מיט פחד. זי האָט געטראכט: זי ווייסט שוין היינט נישט ווי אזוי אומצוגיין מיט דעם דאָזיקן קאפריזנעם מיידל, עס איז דאכט זיך פיל בעסער זיך נישט ווייסנדיק מאכן וועגן איר פארטראָגנ־

קייט און וועגן דער נישט געשטילטער שנאה צום דאָקטער, וואָס האָט זי אָפּגענאַרט, זי אײַנגאַנצן צורו לאָזן? אָדער ווידער פּרוּוון מיט גוטן געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן... זי איז געוואָרן אומדערטרעגלעך די דאָזיקע מויד... אײַנגאַנצן דער טאַטע אירער, ווען דער כעס באַפֿאַלט אים... לאָזט זיך נישט טרייסטן, איז ווילד ווי אַ טיגער און היסטעריש, מוט פֿאַרלוירן, אַלץ פֿאַרלוירן... — שטיל אַרײַנגעזיפּצט אין זיך.

מיטן זוים פֿון ווײַסן קיך־פֿאַרטוך האָט זי אָפּגעווישט די פֿעטקייט פֿון די רויטע צעפּלאַצטע הענט. ווי פֿון אַ געזונטן פֿורמאַן און צוגעגאַנגען צו דער וויג־שטול, פֿאַרזיכטיק אַרויפֿגעלייגט די רעכטע האַנט אױף גרעטאַס אַקסל — אָבער דו מוזט דאָך פֿאַרנונפֿטיק זײַן!.. — מיט געמאַכטער געטרייקייט אַרײַנגעשיפּעט אין גרעטאַס פֿעטער פֿאַטילניצע — פֿאַרגעס נישט טײַבעלע מײַנס — מיט באַדײַטונג צוגעגעבן — אַז אַ טאָכטער פֿון אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, מוז זיך דאָך האַלטן ווירדיק... זײַן אַ טיכטיקע דײַטשקע! נישט אויפֿהערן דינען דעם רומרײַכן פֿאָטערלאַנד. אַ מלחמה, גרעטכען ליבע, איז נישט קיין לײַכטע זאַך... — מיט פֿאַריסנקייט און אַ פֿעסטן טאָן פֿון אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט שוין צען מלחמות געוואונען — דעם טאָן געהויבן — דער גלויבן אינעם פֿירערס כוח, אין זײַן אינטואיציע, מוז דאָך אויך אונדזער כוח און אונדזער אויסדויער ווערן!...

גרעטאַ האָט ווי אַ קאַץ באַם אָפֿענעם מויזן־לאָך, אָנגעשטעלט דאָס רעכטע אויערל, מיטן גאָלדענעם האַקנקרײַצל און מיט פֿאַרגעניגן אויפֿגענומען דער אַלטערס טרייסט. אַרײַנגערעדט אין די לאַנגע פּאָלירטע נעגל פֿון די פֿינגער:

— און דער דאָקטער?..

— אַך, ליבינקע מײַנע!.. האָט די אַלטע צונויפֿגעשלאָסן בײדע הענט באַ זיך אױפֿן האַרצן און אַ תּאוהדיקן לעק געטאָן מיטן שפּיץ פֿון צינגל, די רויטע פֿליישיקע ליפּן אירע — אונדזערע פֿרײַנט וועלן אים שוין דערלײַדיקן... דאָס וויכטיקסטע איז דאָך בלויז דײַן געזונט און דײַן גליק!..

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט דריבנע מערוצעדיקע טריטלעך זיך אונטערגעטענצלט צום עלעקטרישן אויוון און אָנגעהויבן גרייטן פֿרישטיק פֿאַר גרעטאַן. איר באַלד אונטערגעטראָגן אַ ווײַס טישל מיט אַ ניקלענער טאַץ, אַ פֿולע מיט עסנוואַרג און מיט אַ גרויס טעפּל קאַווע מיט מילך געדעמפּטע פּלעמלעך האָבן זיך צעשפּילט אױף אירע לויזע באַקן, נצחון — אַ פֿרוי, ליבע גרעטכען — וואָויליונגעריש אַרײַנגעוואונקען אין היימיש־פֿרײַשן פּוטער־קוכן, וואָס זי האָט באַשמירט מיט פּוטער פֿאַר גרעטאַס וועגן — ווען זי וויל אויסנעמען באַ די מאַנצביל, וואָס דרייען זיך אַרום איר, מוז זי זײַן קלוג און אימער אָפּהיטן איר ווײַבערישן רייץ, איר שײנקייט, דעם בישוף אָן וועלכן די ווירדיקסטע פֿרוי האָט באַ די היינטיקע מאַנצבילן קיין שום חן נישט!... — דו אָבער — האָט זי מיט חניפֿה אַרײַנגעשמייכלט אין גרעטאַס לאָקן און דערבײַ געמאַכט אַ פֿרום פּנימל, ווי זי וואָלט געשטאַנען

נעבן אַ גוסס — די פאַרגעסט צייטנווייז ווער די ביזט... די אַרבעטסט צו־פּיל. די מוזט אָנהייבן אָפּהיטן דעם דאָקטערס פאַרשריפט: נישט טרינקען אַזוי פּיל קאָקטייל און רוסישן וואָדקאַ, אַ וואָווילטאָג, מיין טייבל, וואָס איז געגוג שעדלעך — מיט מבנות צוגעגעבן — זיי רייצן אויף די שוואַכע נאַטור פון אַ פיינפילנדיקער פרוי.

אַף גרעטאַס אומצופרידן פאַראומערט פּנים, דעם פאַרשפּיצטן, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ צאַרנדיקער שמייכל און דער אומצוטרוי צו דער אַלטערס טרייסט־ווערטער, וועלכע זי הערט פון איר יעדן אינדערפרי, האָט געשטאַרקט אין איר די פאַראַכטונג צום טאַטנס צווייטער ווייב: זי האָט ענדלעך נאָכגעגעבן, די מכשפה, זי רעדט צו איר, גרעטאַן, ווי צו אַ ווירדיקער, רומרייכער דייטשקע — קענטיק, אַז די צייט ענדערט זיך טאַקע צום גוטן..

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים און ביידע ווייבער האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך דורכגענומען מיט דינע שמייכלעך, אָנגענומענע מיט באַהאַלטענעם האַס און אומצוטרוי, אַ טעמפּע גרויקייט האָט זיך געשפּרייט אַרום זיי, ווי די פליגל פון אַ שוואַרצער הונגעריקער קראָ. פון די טיפע גרינע ווינקלען פונעם גרויסןאייזערנעם אויוון, דעם באַשטעלטן מיט גרויסע טעפּ געקעכץ, פון די גרינע געבלימטע פאָרהאַנגען איבער די טירן און איבר די הויכע קיך פענצטער, פונעם אומעטיקן ווינטל וואָס האָט געשווידערט און געררוישט צווישן די צעוויגטע צווייגן פון בוים, הינטערן פענצטער, פון זייערע גנבישע בליקן — האָט זיך מיט איינגעגעסענער רוגזה אַ טראָג געטאָן די שרעק און די אומזיכערקייט פאַרן אויסגעטרוימטן, גליקלעכן מאָרגן...

גרעטאַ האָט אָנגעהויבן קייען, מאָלן אַף ביידע באַקן, ווי זי וואָלט געוועזן נאָך אַ לאַנגן תענית און מיט זשעדנע פון קאָפּ אַרויסגעזעצטע אויגן, געלויערט איבער די שורות פון אָפּענעם בריוו, וואָס איז אַף דער שוים געלעגן, געלייענט זייער הויך, און וואָרט בא וואָרט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט רייצן מיט האָראַסיאָן, אים ווייזן ווער זי איז און גלייכצייטיק איבערשרייען די טיפע פּיין, די שרעק און אומזיכערקייט אין פּירערס זיג — אַ ווייטיק, וואָס האָט זי די לעצטע עטלעכע וואָכן באַפאַלן, בייסט דאָס האַרץ ווי צען משוגענע הינט און מאַכט זי משוגע.

אין דעם האָט זיך ניקאָלאַס אַריינגעשאַרט. שוואַרצע שמייכעלעך האָבן געשרפּעט אין זיינע בליקן, אָנגענומענע מיט נחת און מיט שטומע סודות ער האָט זיך אויסגעצויגן פאַר איר אין זיין גאַנצער לענג:

— הייל, היטלער!..

און באַלד זיך קאַוואַלעריש אַ נויג געטאָן, פאָרזיכטיק אָנגענומען די שפּיצן פון אירע פינגער און זיי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן. גרעטאַ האָט אָנגעשטעלט אַף אים אַ פרעגנדיקן בליק. די אַלטע מיט פאַרלייגטע הענט האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ נחתדיק דין שמייכעלע. ניקאָלאַס האָט אַ צעקרימטן לאַך געטאָן:

— שוין!..
— און וואו איז פריץ? — האָט גרעטאַ גלייכגילטיק געפרעגט און ווידער געקייט אַף ביידע באַקן. ניקאָלאַס האָט צוגעבויגן דאָס קעפּל צום רעכטן אַקסל, אַ צעפיר געטאָן מיט די קורצע טרוקענע הענטלעך פאַר זיך און אָנגעהויבן שיטן גיך אָן אַ צוזאַמענהאַנג:
— איך האָב אים געזאָגט, דעם שוטה, גיי נישט, איך וועל אַליין. פאָלגט ער נישט. ער גייט אויסקוקן אַרום קאַליקעס שטוב און קריגט פון אים אַ קויל... אַרימער ה׳ פריץ, זאָל ער שוין רוען אין די ליכטיקע הימלען... אַרימער! גרעטאַ האָט אים דורכגעבויערט מיט אַ גענייט אייגל, און דאָס פּנים איז געבליבן רואיק קאַלט, ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט פאָרגעקומען. זי האָט ווידער אַ פרעג געטאָן:
— און ער?
— איך האָב אים פאַרטיק געמאַכט!... — מיט פאַריסנקייט אָפּגע־ענטפערט — מען האָט אים גלייך געכאַפּט אין שפּיטאָל... — ער איז אַנטשווינגן געוואָרן און געהאַלטן אַף איר אַ מאָנענדיק פּנים, אַ גליקלעכס און אַ פאַרליבטסטס אין זיך אַליין.
די אַלטע האָט די שטילקייט איבערגעריסן:
— מיר, איך און די ליבנווירדיקע גרעטכען, האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דעם דאָזיקן עסק... דאָס האָסטו דאָך פאַר אונדזער רומרייכן פאָ־טערלאַנד געטאָן.
— גאָרנישט!... ניקאָלאַס האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט!
צוויידייטיקייט איז געווען אין זיין שטים. אָבער דעם צוגעזאָגטן לוין מוז מען באַצאָלן. דאָס ווייסן דאָך פון פריער די ליבנסווירדיקע דאַמען...
גרעטאַ האָט איבערגעטראָגן די בליקן צום בריוו, אָפּגעביסן אַ גרויס שטיק שינקע און דורך אַ פאַרשטאָפּט מויל אַ בורטשע געטאָן:
— זעץ דיך אַוועק, דו דרעקע!... פאַר קיין האַלבער אַרבעט קריגט מען קיין געצאָלט נישט!
אומצופרידנקייט און פאַרוואורף איז געווען אין איר קול, ווי סע וואָלט זיך געהאַנדלט אין איבערצאָלן דעם פרייז פאַר אַרויספירן דאָס מיסט פון שטאַל.
די אַלטע האָט צו אים אַ שטומען וואונק געטאָן און ניקאָלאַס האָט נאָכגעגעבן, זיך קנעכטיש אַפן קליינעם בענקעלע נעבן גרעטאַס פיס אַראָפּגעלאָזט. דרייסט אַרויפגעלייגט דאָס קעפּל אַף אירער אַ קני און זיך איינגעהערט ווי זי לייענט. קיין דייטש האָט ער נישט פאַרשטאַנען, נאָר לויטן פּאַטאָס און פאַריסנקייט פון טאָן, אַרויסגעפילט, אַז די בריוו מוזן זיין זייער וויכטיקע און האָבן אויך אַ שייכות מיט אים, מיט זיין צוקונפט אונטערן פירערס השגחה...
בערלין, דעם 18טן אויגוסט, 1942, פון האַנס הובערט, הער אָבער־לייטענאַנט און פאַרדינסטפולער מיטגליד פון גרויסן פירערס רומרייכער שטורעם־בריגאַדע און געוועזענער געשטאַפּאָ־אָפיציר, פאַר זיינע גנעדיקע,

הויכגעבוירענע ליבלינגען פרוי קאַפּיטאַנין, מאַרגאַריטאַ און גרעטכען, אונדזער צוקונפטיקער הערשערן. לעבט וואויל און גליקלעך.

מיר דאָ, אין אונדזער גרויסן רומרייכן פאָטערלאַנד, זיינען גליקלעך און אויפגעריכט געוואָרן. גאָר גיך, גנעדיקע מיינע, וועט איר הערן דעם טרומייטער פון אונדזערע מיליטערישע מארשן איבער גאָר דער וועלט.

דאָס באַרימטע דייטשלאַנד, אונטער דער מעכטיקייט פון אונדזער גרויסן פירערס ווילנס־כוח, מאַכט אויפציטערן, שטירצן צום טויט די אַלטע פאַרפלוכטע גראָביונגישע וועלט. מיר, די הערן אריער, וועלן דאָך אַ סוף מאַכן צו לייט פון די נידעריקע ראַסן, מיאוסקייטן, וואָס פאַראומווירדיקן אונדזער גרויסקייט, ווי די געפערלעכע מיקראָבן אַ טייערן זאַפטיקן פרוכט־בוים. עס וועט שוין קיין סך נישט דויערן און די ראַדיאָ פון בערלין, מיינע וואוילגעבוירענע און רומרייכע דאַמען, וועט אייך די גרויסע פרייד לעכע נייעס ברענגען, אייך דערציילן פון אונדזער גרויסן און לעצטן ענדגילטיקן טריומף מארש איבער דער באַהערשטער אייראָפּע. איך פאַרזיכער אייך, מיינע גנעדיקע דאַמען, אַז מיט צוויי חדשים שפּעטער און אפשר נאָך פיל פריער, וועלן מיר, די שטאָלצע זין און טעכטער פונעם דויטשן רייך, ווערן די איינציקע און מעכטיקע הערשער פון דער גאַנצער וועלט... אונדזער העלדישער פירער, דער געטלעכער מאַן, זאָל לעבן, ער האָט דאָס אונדז שוין לאַנג פאַרשפּראָכן...

איך בעט אייך, איר זאָלט נישט אויסמיידן הערן די רעדע, וואָס דער מעכטיקער פירער אונדזערער וועט אינגיכן האַלטן דורך דער ראַדיאָ. ער וועט אייך מעלדן פון מאָסקווע, פון קרעמעל — אונדזער ניי רעגירונגס־הויז — וועגן אונדזער זיג. פאַרשטייט זיך, אַז אויך איך וועל דאָרט זיין און איך וועל מיך באַמיען אייך גריסן און קישן דורך די ראַדיאָ כוואַליעס. פון קרעמעל, וועלן מיר, די הערן אריער, אין דער שפּיץ פון אונדזער מעכטיקן פירער, אַרויסגעבן די לעצטע, די ענדגילטיקע באַפעלן צו די אמעריקאַנער לענדער. מיר וועלן זיי באַפעלן, צווינגען זיך אונטערצוגעבן מיט גוטן, אויב, פאַרשטייט זיך, זיי ווילן לעבן און נישט פאַרניכטעט ווערן, ווי מיר האָבן שוין אין אַ קורצער צייט באַוויזן צו פאַרניכטן די רוסישע שווייַנען, די טעמפּע באַרבאַרן...

זאָל לעבן דער מעכטיקער מאַן, אונדזער הימלישער פירער, וואָס האָט מיט רום און מיט כבוד אונדזער מעכטיק פאָטערלאַנד, אונדזער אויסדערוויילטס באַדעקט. און פיליכט, מיינע גנעדיקע, וואויל־געבוירענע דאַמען, קעניגנס פון מיין האַרץ, וועל איך נאָך באַווייזן וואָס גיכער צו ברענגען אייך אַהער, צו מיר, אין אונדזער ערדישן גן־עדן, ווי די גרעפנס, פיל לוקסוסיעזער פון יעקאַטערינאַ דער גרויסער, ווי עס פּאַסט פאַר די טעכטער פון רומרייכן דייטשן אַדל, וועט איר די וואונדער שיינע אָנגענעמע רייזע דורכמאַכן. איך וויל דורכויס, אַז אויך איר, טייבעלעך מיינע, זאָלט האָבן דעם גרויסן פאַרגעניגן בייצוזיין דעם פּאַראַד איבער די גאַסן פון מאָסקווע, איר זאָלט זען ווי שטאַרק מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט

אונדזערע שונאים. איבערהויפּט מיט אים, דעם גרויזאַמען פֿויער, דעם גרוזין, דעם טיגער מיט די ווילדע שטעכיקע וואָנצעס און מיט דער קאָזאַקישער פּאַפּאַכע אויף זיין דומען פּויערישן קאָפּ...

דאָס לעבן, מיינע גנעדיקע דאַמען, איזט זאָ שיין, זאָ פּרעכטיק, ווען מען הערשען קענט, ווען מען קען שלאָגען דעם פיינט און ווען מען האָט דאָס גליק צו זיין אַ הער אַריער!...

די לעצטע ווערטער האָט גרעטאַ עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און מיט אַזאַ ווילדער פרייד, וואָס האָט זי אויפגעברויזט ביז צום מאַרך פון די ביינער און איר דעם הייסן אָטעם פאַרכאַפּט. און אירע חושים, די באַגערן וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו לעכצן און וואַרטן אַפן טאָג פון הערשאַפט, די צעשויבערטע געדאַנקען, האָבן ווידער אויפגעפלאַמט. אַ שטורעם געטאָן מיט איר פריערדיקער גרויסקייט, מיטן שוואַרצן כוח פון אַ ווילדן טיראַן, אַ וועלט־הערשערן, וואָס גרייט זיך צו באַווייזן אין איר גאַנצער גרויזאַמער גרויסקייט. זי האָט אינסטינקטיוו אַוועקגעוואָרפן ניקאָלאַס קעפּל און זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט, דער רויטער געדעמפטער פלאַם אין די האַלב משוגענע בליקן, איז געוואָרן פאַרשפּיצט ווי שמאָלע צינגלעך פון שלענג. גאווה און איבערמענטשלעכע פאַריסנקייט האָט פון זיי אַרויסגעשטורעמט, זיכערקייט. זי האָט נישט געזען, ווי ניקאָלאַס, אַ צעטומלטער און אַ ההנעהדיק שטילער, האָט אויפגעהויבן דאָס קעסטעלע מיט בריוו און אַפן טיש אַוועקגעשטעלט. זי האָט געפּאַכעט מיטן בריוול צו דער סטעליע. אירע צעוואָרפענע לאָקן, די בריסטן, די גראָבע פליישיקע היפטן — איר גאַנצע צעטראָגנקייט האָט זיך געהוידעט און געשריען הייזעריק ווילד: „הייל היטלער"...

ניקאָלאַס האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענטלעך און פינצטערע שמייכלעך, באַהאַלטענע, האָבן זיך געשניטן צווישן די טיפע קאַרבן אַרום זיין מויל און אונטער די אויגן, די אָנגענומענע מיט ביטערקייט און מיט איינפאַל.

— הייל היטלער!... — האָט דער גרינער פּאָפּוגיי אינעם פאַרשלאָסענעם שטייגל אַ ליאַרעם געטאָן און די פעדערן האָבן זיך געבלאָזן און געפּעכערט... נאָר גרעטאַ האָט אים נישט געהערט און נישט געזען. פאַר אירע ווילדע, צעלאַכטע אויגן, די ברייטע און אויפגעריסענע, האָבן זיך אָנגעהויבן שפּרייטן בילדער, ווי סטענגעס אויסגעהאַמערטע פון פייער, פון פלייש און בלוט פון די געשלאָגענע און באַזיגטע שונאים אירע.

זי איז שוין אין מאָסקווע... די ווענט אינעם אומענדלעך גרויסן אויפנאַם־זאַל פון קרעמל זיינען קאַלט ווי די מתים, די בלישטשענדיקע און שוואַרצע מאַרמאָרענע, באַזעצטע מיט טויזנטער גאָלדענע און דימענטענע האַקנקרייצלעך, ווענט, וואָס רייסן אויף די אַרומיקע שטומע גרויסקייט, די אָנגעצויגענע שטילקייט. זי מיטן פירער זיצן אויף צוויי הויכע טיפע גאָלדענע שטילן, אויף אַ טראָן פון דימענטן און בריליאַנטן אין סאַמע מיט פון זאַל. אַלץ פינקלט און שרפהט מיט טויזנטער קאָלירן און פאַרבן. די

שווערע גאָלדענע קרוינען אױף זייערע קעפּ, די שאַרפֿע שווערדן אין די לאַנגע שיידן באַ די ברייטע גאַרטלען, די טייערע שיינע מלבושים פֿון אַלטער קעניגלעכער פּראַכט — זיינען באַזעצט מיט קליינע בריליאַנטלעך, מיט רויטע און גרינע איידלשטיינדלעך, געשליפֿענע אין דער פֿאָרעם פֿון האַקנקרייצלעך. אַרום זייער טראָן, באַ די ווענט, שטייען צענדליקער יונגע שטורמיסטן, גלייכע און פֿעסטע, לאַנגע ביז צו דער סטעליע, מיט כמורנע, האַרטע פּנימער, ווי אויסגעקנעטענע פֿון גיפּס און מיט שאַרף אַנטבלויזטע שווערדן אױף די אַקסלען. אױף די גלאַטע געגאָלטע קעפּ, לאַנגע ווי די לאַ־דישטשעס, טראָגן זיי קויל־שוואַרצע העלמס, אויסגעשניטן פֿון גרויסע מענטשלעכע שאַרבנס מיט אַ גרויס רויט אויג אין די שטערנס... אַפֿן שוואַרצן בלישטשענדיקן פֿאָל ליגן שרייענדיקע רויטע טעפּיכער, פֿון גע־גליווערט מענטשלעך בלוט... די לאַנגע שווערע גאַרדינען איבער די הויכע פֿענצטער — געפֿלאָכטן אין שוואַרצע בייטשן — פֿון ווייבערשע האָר... אַרום אַ פּירקאַנטיק גאָלדענעם טיש מיט מאַסיווע, געשניצטע פֿיס פֿון מענטשלעכע גופֿים, זיצן אױף צוועלף שוואַרצע שטילן — דעם פּירערס ראַטגעבער, אָנגעטאָן אין שוואַרצע, טולענע מאַנטלען מיט הויכע מיצן אױף די קעפּ געשניצטע פֿון מענטשלעכע שאַרבנס...

זיי רויכערן לאַנגע האַוואַנאַ ציגאַרן און אַלע מאָל קלאַפּן זיי אַריין דאָס אַש אין אַ גרויסן שוואַרצן אַש־בעכער, אַן אויסגעשניצטן פֿון לעבנים שאַרבן... טויזנטער פּאָר אויגן פֿון דייטשע ווייבער מיט מיידן, די אונ־טערטעניקע אירע, לויערן און וואַרטן אין הכנעה אױף אירע באַפֿעלן און אױף אירער אַ באַגריסונג...

זי, די קעניגן, איז אויפֿגעבלאָזן און פֿאַרנומען מיט אַנדערע פֿאַר־געניגנס; טויזנטער רוסישע פֿרויען און מענער, אידן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט אויסגעפּליקטע בערד און פּאות, און מיט וויסטע אויס־געלאָשענע אויגן, ציען זיך פֿאַרביי דעם טראָן. זיי האָבן געשוואָלענע בייכער, ווי די בערג און לאַנגע ראַכיטישע פֿיס ווי די שטעקענעס — די טאָרבעס אױף די פּלייצעס — ליידיק... זי קוקט יעדן איינעם פֿון זיי אין דעם ציין־לאָזן מויל, אין די פֿיינלעך אויסגעלאָשענע אויגן, זיי קניען פֿאַר איר, קושן דעם זוים פֿון איר ברייט קלייד און די לאַנגע שפּיצן פֿון דעם פּירערס שטיוול. זי טוט אַ פּאָכע מיט אַ גאָלדענעם האַקנקרייץ אױף אַהין און צוריק, ווייזט שטומערהייט וועמען פֿון די קנעכט מען זאָל אָפּשיקן אין די גאַז־קאַמערן, ווייל זיי זיינען שוין צו־שוואַך צו דער אַרבעט, און וועמען אַוועקצושיקן אין איר רומרייכן פֿאָטערלאַנד אַלס קנעכט...

טויזנטער קולות שווימען אַרום איר, ווי בערג מיט פֿילקאָלירנדיקע ים־כוואַליעס, וואָס מאַכן זי משוגע פֿאַר פֿרייד: זאָל לעבן אונדזער גרויסער פּירער!... זאָל לעבן די קעניגן, די הערשערן, די גנעדיקע שיינע גרעטכען!...

און טויזנטער פֿאַרטריקנטע הענט ציען זיך צו איר, הייבן זי אױף אײנעם מיט דער שטול און טראָגן זי אַוועק צו די בלויע כמאַרעס פֿון הימל, דער פּאַלאַץ גייט מיט מיט זיי.

פּלוצים איז ווידער געוואָרן שטיל. אין איין ווינקל פון פּאָל האָט זיך אויפגעמאַכט אַ ברייטע פּירקאַנטיקע טיר, וואָס פירט אין די אונטערערדישע לאַבירינטן און קעלערן, וואו די באַזיגטע פירער זיינען פאַרשפּאַרט... צוויי הויכע מענער, ברייטע, דעם פירערס געטרייסטע לייבמענטשן, זיינען ארויסגעקראָכן פון דאָרטן, אָנגעטאָן אין ברייטע, שוואַרצע באַלאַטן מיט לאַנגע אַרבל און מיט שוואַרצע העלמס אַף די קעפּ, וואָס זיינען פון מענטשלעכע שאַרבנס — מיט דימענטענע אויגן אין סאַמע מיט פון די שטערנס, דריי־שפּיציקע ווי די האַקנקרייצן. זיי שלעפּן אַרויס פון דאָרטן דעם דומען פויער סטאַלין, פירן אים צו איר אַף אַ שטריק ארום האַלדז, ווי מען פירט אַ קאַלב צום שעכטן. ער איז קליין און טרוקן, די הענט פאַרבונדן אַף הינטן, נאָר די אויגן און די וואָנצעס זיינען אַלץ גרויס און זייער בייז... זי נעמט אויסצופּן האָר נאָך האָר פון זיינע וואָנצעס און קלעפּט זיי אָן באַ זיך אַף דער אויבערשטער ליפּ... ער פאַלט צו אירע פיס, הויבט אויף די הענט און שרייט וויינענדיק: — הייל היטלער!... הייל היטלער!...

דער פירער הויבט זיך האַסטיק אויף, טוט אַ פּאָכע מיט דער שווערד איבערן פויערישן קאָפּ און טופּעט מיט אַ שפּיץ פון שטיוול, שרייט, דרייט מיט די חנעוודיקע וואָנצעלעך אַהין און צוריק:

— אַכטונג, דו פויערן שוויין!... קעניגלעכע באַגריסונג, ערע, רום, כבוד גיב אָפּ מיין גנעדיקער גרעטכען!..

און ער גלעט די צעפּלאַמטע באַקן אירע מיט אַ שפּיץ פון זיין וואָנצעלע:

— אָ, הערשערן מיינע!.. די וועלט וועל איך צו דיינע חנעוודיקע האַרן־פיסלעך אַ וואַרף טאָן...

דער רום ציט זיך פּלוצים אויס אין אַ משוגענער לענג, טוט אַ פליק אַראָפּ זיינע וואָנצעס פון איר ליפּ און קלעפּט זיי זיך צוריק אָן, א שטורמער, אַ צאָרנדיקער שטייט ער קעגן איר, ווי אַ מומיע, און די שוואַרצע אויגן ווי צוויי פיילן, שניידן זיך אריין אין די פיס פון טראָן, דער פירער נעמט טאַנצן אַף איין פוס, דרייט זיך ווילדעריק און קייכט פון געלעכטער. אַלץ אַרום אים, אפילו די שטומע לייב־וואַך, הויבט אָן מיטקייכן, האַלט זיך באַ די זייטן. מיטאַמאָל איז דער שיינער בוב שטיל געוואָרן, זיך אַ קעניגלעכן נויג געטאָן פאַר איר און מיט טויזנט דינע זיסע שמייכעלעך ארום די חנעוודיקע וואָנצעלעך, מיט צונויפגעצויגענע ליפּן צום אויסקושן יעדן אבר, אויסגערופן:

— נאַ דיר מיין שווערד, דו שיינע נימפע און האַק אראָפּ דעם דאָזיקן דומען פויערן־קאָפּ פון אונדזער באַזיגטן פיינט!.. רום דיר!.. אויסדערוויילטע טאָכטער פון מעכטיקן פאָלק! דויטשלאַנד איבער אַלעס!

זי הויבט אויף די שווערד און האַקט אַראָפּ דעם קאָפּ פון דומען פויער, צוויי לייב־גוואַרדיסטן לייגן אים אוועק פאַר אירע פיס. אין דעם

האָט דער גרינער פּאַפּוגיי גענומען רייסן מיטן שנאָבל די דראָטלעך פון שטייגל, זיך רוגזהדיק געשטעלט אויף די פליגל און געשריגן:

— גנעדיקע דאַמע, דער צייטונגס־מאַן!... צייטונגס־מאַן!... ער האָט גוטע נאַכריכטן פיר די וואָילגעבוירענע הערשערין.

ניקאָלאַס וואָס איז אַ דערשלאָגענער געזעסן באַם טיש און מיט אַ בלייפעדער געמעקט און געשריבן אויף אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, גערעכנט כדי צוצושטעלן גרעטאַן אַ גענויען חשבון פון זיינע פּאַרדינסטן, האָט זיך אַ הויב געטאָן און זיך געלאָזט צום צייטונגס־אינגל, וואָס איז געשטאַנען באַ דער אָפענער טיר מיט אַ צייטונג אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. נאָר גרעטאַ, אונטערן איינפלוס פון אירע פאַנטאַזיעס, איז געווען זיכער, אַז מען האָט איר די גוטע בשורה געבראַכט. זי האָט אים מיט ווילדן כוח אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער פון רעקל און אַ וואָרף געטאָן ביז צו דער אַלטער מאַרגאַריטאַ, וואָס האָט מיט שטומער דערוואַרטונג אין די בליקן, געווישט די טעלער און צום טיש געגרייט.

מיט ציטערדיקע הענט, ווי אין אַנפאַל פון עפּילעפּסיע, אַ כאַפּ געטאָן די צייטונג פון אינגלס האַנט, זי אויסגעשפּרייט אויפן טישל און די צעטראָגענע בליקן אירע, ווי הונגעריקע מייז, זיינען זשעדנע און צודרינגלעך הענגען געבליבן אויף די גרויסע שרייענדיקע אותיות פון קעפּל. טויזנט מאָל איבערגעלייענט דאָס אייגענע: די גאַנצע רוסישע טעריטאָריע איז פולשטענדיק אָפּגעריניקט פון דייטשן מיליטער. טשערניכאָווסקיס אַרמיי מאַרשירט איילעק צו מזרח פּרייסן. ראָקאָסאָווסקיס אַרמיי שלאָגט זיך באַ די טויערן פון וואַרשע, אַ גרויסער טייל פון דער רויטער אַרמיי מאַרשירט קיין בערלין...

זי האָט אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן. זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און די אויגן, ווי גרינע באַנקעס, פולע מיט בלוט, האָבן אַרויסגעזעצט פון קאָפּ. די אַלטע איז צוגעלאָפן צו איר אַרויסגעכאַפּט אַ פלאַש אַלקאָהאָל פון דער פּאָליצע און אָנגעהויבן רייבן די שלייפן, די אָפּגעחלשטע הענט מיטן האַלדז און נאַקן און אַריינגעטענהט אין געל־געוואָרענעם פּנים:

— אָבער זיי דאָך פאַרנונפטיק, גרעטכען, ליבינקע...

ניקאָלאַס, אַ צוגעהויקערטער באַם פּאָרענטש פון דער טיר, האָט געקוקט אויף גרעטאַן און געהאַט דערביי אַ צעוויינט פּנימל, פּונקט ווי די שיפן וואָלטן אים אונטערגעגאַנגען:

— אפשר לויפן נאָך אַ דאָקטער? — דורך גנבישע טרערן אויסגערופן.

— מען דאַרף נישט, עס וועט איבערגיין!... זי האָט אָפט אַזעלכע נערוון־אָנפאַלן...

גרעטאַ האָט געוואָרפן מיט די גרויסע צענומענע פיס און אָנגעשטעלט אויף דער אַלטער די איבערגעדרייטע אויגן, אָנגענומענע מיט ווייסע, פּראָסטיקע טייכלעך, מיט שווידער, מיט ווילדקייט. זי האָט מעכאַניש

אויפגעהויבןביידע הענט און מיטן גאַנצן כוח פון צעווילדעוועטע איני־סטינקטן אַ וואָרף געטאָן די אַלטע ביז צו דער אַנדערער וואַנט פון קיך, זיך האסטיק אויפגעשטעלט, געריסן פון זיך דעם צעפלויגענעם כאַלאַט און דאָס העמד. געצופּט שטיקלעך פון די ווייבערישע גאַטקעס, די באַזוימטע מיט געלע און רויטע האַקנקרייצלעך...

די אַלטע האָט זיך קרעכצנדיק אויפגעהויבן און געציטערט פון פּחד, אַ געבויגענע זיך קעגן פענצטער צעוויגט און מיט צערודערונג אַפן פּנים צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, זינט זי איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטקע, זיך איבערגעצלמט און געשעפּטשעט דורך טרערן:

— האָב מיטלייד, הייליקע מוטער מאַריאַ, אַף דיינע אומגליקלעכע טעכטער, די אייביקע קנעכט...

ניקאָלאַס צוויי אויגעלעך, האָבן זשעדנע און אַפּעטיטלעך געפּרעסן גרעטאַס אַנטבלויזטע ברוסטן. זי האָט קיין זאַך נישט געפילט, זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער אַלטער, זי ראַפּטום אַנידערגעלייגט אַף דער ערד מיטן פּנים אַרויף און זיך אַוועקגעשטעלט מיט ביידע קני ווי צוויי הילצערנע קוליעס אַף דער אַלטערס ברוסט, וואָס האָט זיך געהויבן און געסאָפּעט ווי אַ בלאָז־זאַק. אַרויפגעלייגט די שווערע הייסע דלאָניעס אַף איר האַלדז און מיט ווילדער הנאה זי אָנגעהויבן צו שטיקן. אַריינגעלאַכט מיט אַ פול מויל אויסגעשטשירעטע ציין אין דער אַלטערס האַלב־פּאַרגלייזטע אויגן און פאַרפלאַמט־צאַנקנדיקן פּנים:

— דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!...

ניקאָלאַס האָט מיט אַלע כוחות געאַרבעט. געלאָפן אַרום זיי און געפּרואווט אַראָפּרייסן גרעטאַ. באַלד אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן, געפלויגן מיט צענומענע הענטלעך פון איין חזיר־שטאַל אין דער אַנדערער, געזוכט דוניען, דאָס דינסט־מיידל. זי איז אָנגעקומען פון גאַס מיט אַ פולן קויש עסנווארג. בלייכקייט און טרויער האָט גערוט אַף איר פּנים. ניקאָלאַס איז איר אַנטקעגן געלאָפן געסלינעט און געסאָפּעט:

— גיכער, גיכער נאָך אַ דאָקטער!...

זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט, איז אַריין אין קיך און ער נאָך איר. ביידע ווייבער זיינען ווי אַ באַרג מיט פוילעכטס געליגן אַף דער ערד, שטילע און אומבאַוועגלעכע, נאָר דער גרינער פּאַפּוגיי אין שטייגל איבערן פענצטער האָט אַלץ געשטורעמט:

— הייל היטלער!.. דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס...

דוני האָט זיך ראַפּטום אַ לאָז געטאָן אין דער אַלטערס שלאָפצימער, מיט די פויסטן און מיט די פיס אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר פון דער גרויסער שאַפע, וואו דאָס צירונג מיט אָנגערויבטע גאָלד, וואָס האַנס האָט פון דייטשלאַנד געשיקט — איז באַהאַלטן געווען. ניקאָלאַס ווי אַ צערייצטער טכויר האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און זי אַוועקגעריסן פון אָרט. מיטן הענטל פון רעוואָלווער אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר און זי

אויפגעבראָכן. דוני האָט אים אריינגעשטאָכן די נעגל אין פּנים און אים אָנגעהויבן בייסן.

ניקאָלאס איז געוועזן ווילד. זי אריינגענומען אין זיינע ,ענט און צו־געטראָגן צום בעט... געסאָפּעט און געקייכט:

— זיי רואיק, עס איז דאָ גענוג, מיר וועלן נעמען גלייך אַף גלייך...

קאַפּיטל 40

צו דער זונטיקדיקער תפילה

דאָס נידעריקע פּלויטל פון טרוקענע קוסטן, די מחיצה, וואָס האָט יאָרן לאַנג אָפּגעטיילט יאָסל דעם סטאָליערס שטיבל פון דאָן טשיטשעס שטוב מיטן גאָרטן און האָט איצט באַלאַנגט צום אַלטן אַליין... איז געווען באַהאָנגען מיט אַלטע פּאַר עיפּושטע שמאַטעס און מיט פאַרלאַטעטע נאַסע ליילעכער, באַפּינטלט מיט געלע פלעקן, פון פליי און פון אַלער־ליי רפואות. עס האָט געוויייעט פון דעם מיט חושך, פון אַ הקדיש, פון וועלכן מען האָט נאָר וואָס אַרויסגעטאַסקעט עטלעכע מתים און דאָס אי־בערבלייבעכץ — די צעפּוילטע שמאַטעס — דערמאָנען נאָך אין צע־בראָכענע לעבנס, וועלכע האָבן זיך צו זייער אייגן גליק, ענדלעך אויס־געלאָשן.

דער הימל אַ כמאַרנער, אַ שטומער, האָט שווער געהאָנגען איבער די נעבעכדיק געהויקערטע שטיבלעך, געקוקט אַף זיי מיט פאַרגליווערטע טרערן אין די וויינענדיקע אויגן, מיט פּיין פון אַ טויזנט יאָריקן זיידן, וואָס קומט אַף דער טויזנטסטער לויה פון זיינע יונגע גראָטענע אייניק־לעך, וואָס ברענגען זיך איינס דאָס אַנדערע אום, דורך די ערגסטע מיתה־משונהס...

בעטי אַ שטילע, אַן אויפגערוימטע מיט פרומקייט אַרום דעם גע־שלאָסענעם מויל, האָט עטלעכע מאָל געפּרואווט די קליאַמקע פונעם פאַר־מאַכטן טירל, פון רחלס שטיבל און יסורימדיק אַריינגעזיפצט אין די ברייטע שטייף געפּרעסטע קרוזשעוועס פון דער שוואַרצער, זונטיקדיקער קאָפּטע. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דיאַנאַן, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון איר און געקייט אַ גומי־צוקערל און מיט טיפער זאָרג זייער שטיל צווישן די ליפּן געזויט:

— ווייזט אויס, דיאַנא, ס'איז טאַקע אמת... גאָט מיינער! וואָס וועט איצטער זיין מיט דעם מיידל? זי וועט אומקומען!...

דיאַנא האָט אַ לייכטן זיפץ געטאָן, אָנגענומען בעטין אונטער אַ האַנט און זי אָנגעהויבן פירן צוריק צום אַרויסגאַנג־טירל. די אַראָפּ־געפאַלענע פאַרשווייסיקטע בלעטער, האָבן געקרעכצט אונטער זייערע פיס, זיך באַקלאָגט, דערציילט, אַז דער הויף מיטן גאָרטן שטייט אַ הפקר־דיקער און קינדער פון גאַס ליגן דאָרט איבער, מאַכן אַ תל פון רחלס ערדישן גן־עדן, וועלכן זי האָט מיט אייפער און ליבשאַפט אָפּגעהיט, ריין געהאַלטן פאַר אירעטוועגן מיטן חתן. בעטי האָט אינסטינקטיוו פאַר־האַלטן די טריט און דורך אַ צעברויזט קול אַריינגערעדט אין שרעקעווו־

דיקן ווינטל, וואָס האָט זיך פון צווישן די ביימלעך אויפגעהויבן, געברומט און געיאָמערט:

— קום טייערע, מיר וועלן אַ קוק טאָן אין שענקל. אפשר וועט אונדז דער אַלטער עפּעס דערציילן וועגן רחלען.

— אומזיסט, בעטי, וועלן מיר פאַרלירן צייט! — האָט זיך דיאַנאַ געעקשנט — איך ווייס, אַז צווישן זיי מיט רחלען זיינען אַלע פעדים איבערגעריסן.

זיכערקייט איז געווען אין איר קול און באַהאַלטענע פרייד. ערנסט און כעס האָט אויפגעטויכט אין בעטיס אויגן. זי האָט שווייגנדיק אפירגענומען דיאַנאַס האַנט פון אונטערן אָרעם און אַליין אַוועק צוריק. דיאַנאַ איז איר נאָכגעלאָפן. גרויע שטיקער כמאַרע האָבן געהאָנגען איבערן געבויגענעם קאָפּ פון ווערבע־בוים. דאָס געוויין פון אַ קלאָג־מוטער. אַ געפיל פון שולדיקייט איז אויפגעגאַנגען אין בעטין און איבערמענטשלעכער רחמנות צו רחלען. נישט באַדאַרפט בלייבן פון וויטן — האָט דער געוויסן געפּלאָגט, געהאַמערט און פאַרגעוואָרפן די זינד — האָסט דיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, ווען רחל האָט די לעצטע עטלעכע טעג געפעלט צו דער אַרבעט..

זי האָט אַ דערוואָרגענעם זיפץ געטאָן און אויפגעהויבן די בליקן צו דיאַנאַן, ווייכע און בעטנדיקע — פאַרשטייסט — אָן אָפּגעהאַקטן זאָג געטאָן און געוואַרט, אַז דיאַנאַ זאָל זי טרייסטן, באַרעכטיקן די פּחדנות — ווי האָב איך געקענט האַנדלען אַנדערש?.. די גאַנצע וועלט ווייסט שוין, אַז רחל האָט זיך אויסגעגליטשט... יעדער פּאָליציימאַן קען זי שוין. מען היט אירע טריט! איז געוואָרן אַ גאַנצע אויפטוערן צווישן דער דעמאָקראַטישער סטודענטשאַפט...

— אוודאי אַזוי — האָט דיאַנאַ מיט טויזנט זיסע שמייכעלעך אָבן רואיקן פּנימל אָפּגעענטפערט — מער וואָלט שוין נישט געפעלט, זיך קאָמפּראָמעטירן דעם גוטן נאָמען. וועסט זען ווי מען וועט זי ווידער פאַרטרייבן פון שולע און דאָס מאָל שוין אויף שטענדיק און טאַקע מיט רעכט..

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן מיט מער כוח קייען דאָס שטיקל אויסגעווייקטע גומי. בעטי האָט אַ דערלייכטערטן זיפץ געטאָן און זיך ווידער אָנגערופן:

— קיין איין וואָרט לאָזט זי פון זיך נישט הערן... אַזאַ קאַפּריזנע.. די ראָכל.

—און זי וויל נאָך, אַז עמיצער זאָל זי ליב האָבן! זי איז זייער אַ טרוקענע... נישט אמת טייערינקע? איינגאַנצן די משוגענע באָבע...

— לאָז צו רו, רחל האָט אַ נשמה פון אַ וועלט מאַמע. די גאַנצע צייט טרעט זי נישט אָפּ פון זיין קראַנק בעט. איך האָב מיך דערוואוסט דורך די קינדער וועגן דעם. זי האָט אין וועמען געראָטן צו זיין. אַ ליכטיקער מענטש געווען די אַלטע — האָט בעטי צוגעגעבן מיט דרך־ארץ — זאָל זי מיר מוחל זיין — אַ שטיק מאַניאַטיקערן — כסדר געהאַט טענות

צו די קריסטן... וואָלסט געשוואוירן, אַז עמיצער האָט באַ איר צוגענומען דאָס עשירות...

— איך האָב זיי פיינט. איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת. — באַ מיר אַז מען טוט שלעכטס אַ אידן, הויבט מיך נישט אָן צו אַרן... אַבי מען טשעפּעט נישט אונדז;.. נישט אַזוי? יעדער איינער איז פאַר זיך... לייכט־קייט איז געווען אין איר קול און פרייד.

— שוויַיג, שוויַיג! אָן אמתע אַרגענטינער טאָר אַזוי נישט ריידן אויך אידן זיינען מענטשן. פאַרוואורף איז געווען אין בעטיס קול. באַם שענקל זיינען זיי שטיין געבליבן, ווי פאַר אַן אָפּגרונט. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן און אַרום די טרעפּ מיטן גאַניקל — האָבן זיך געוואַלגערט אַן אַ שיר ליידיקע פלעשער פון וויין און פון ביר און עטלעכע קעסטלעך מיט פולע פלעשער ביר. בענקלעך און צעבראָכענע טישלעך, שטיקער גע־לעכערטע און איבערגעשפּאָלטענע ראַפּטן ווי עס וואָלט געווען נאָך אַ פּאָ־גראָם. ביידע פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט מיט צעשטרייטע בליקן און שווייַגנדיק צוגעגאַנגען צו די קלעטער פלאַנצן איבער דער טיר פון שטוב. אימה האָט געווייעט פון די קלעטער פלאַנצן און פאַרלאָזנקייט. בעטי האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט און גערופן מיט אַ צודרינגלעך קול:

— דאָן טשיטשע! דאָן טשיטשע!

אַ קרענקלעך האַלב דערוואָרגענער מרוקע האָט זיך דערהערט פון יענער זייט טיר, ווי אַ ווידערקול פון אַ מענטשן, וואָס צאַנקט אין אַן אָפענעם קבר, רופט נאָך רעטונג, און באַלד אַ דערשטיקט געוויין, וואָס האָט געבראָכן בעטיס האַרץ. עטלעכע שכנישע קינדערלעך זיינען געקו־מען צו לויפן, געקוקט אויף זיי מיט ברייטע, דערשראָקענע בליקן, פאַר־שטאַנען, אַז בעטי מיט דיאַנאַן ווייסן נאָך נישט פון גרויסן אומגליק. אַ צען יאָריק יאַטל האָט אימפּעטיק אין בעטיס בלייך צערודערט פּנים אַריינגערעדט:

—איר קלאַפּט סיי ווי אומזיסט, קיינער וועט אייך נישט אויפעפע־נען. די אַלטע פּילאַר איז פון צרות געליימט געוואָרן אויף אַ האַלבן גוף. דאָס מויל איז איר אויסגעדרייט אויף אַ זייט...

— איז ווער גיט זיך אָפּ מיט איר? — האָט בעטי איינגאַנצן אַ גע־רירטע איבערגעפרעגט. — אָרימע, ווייסט עס ווער פון די שכנים?

— דער הייליקער פון קלויסטערל דאָ אַנטקעגן איז זייער אַ גוטער. ער באַמיט זיך שוין מען זאָל זי אַריינגעמען אין אַן אַנשטאַלט פון אַלטע לייט!...

— יאָ, אַ גוטער — קרימט זיך אים נאָך אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף און שטעכט אָן די צווייַדייטיקע בליקן אין בעטין — מיין טאַטע זאָגט, אַז דער פּאָטערל וויל אויסנאַרן די ירושה, וואָס וועט איבערבלייבן. ער וועט שוין אויספירן דאָס זייניקע, אויב אים וועט זיך וועלן!...

—בעטי האָט באַקומען אַ צעווייטיקטן אויסזען. און ווי צו זיך אַליין אָנגעהויבן טענהן:

— דאָס קען דאָך נישט זיין... עס איז דאָך פאַראַן א זון, דער דאָקטער. ער וועט מיט גאָטס הילף געזונט ווערן...

— הלוואי זאָל ער געזונט ווערן. מיין טאַטע קומט אין שפּיטאָל יעדן טאָג.

דאָס קינד איז אַנטשוויגן געוואָרן, א שווערן זיפץ געטאָן און אויפגעהויבן צו בעטין א חושכדיקן בליק, אָן אַנגענומענעם מיט קינדישן פּחד און מיט רחמנות:

— מיר אַלע בעטן גאָט פאַר אים! אַ גוטער יונג געוועזן. ווען מיין טאַטע האָט באַקומען אַ לונגען־אַנטצינדונג — האָט אים האַראַסיאַ אָפּגעראַטעוועט, געבראַכט מעדיקאַמענטן — אַלץ אומזיסט...

— און וואו איז דער אַלטער?...

—ער איז דאָ — האָט דאָס אינגל פאַרזיכטיק, צווישן די ליפּן געזייעט און איבערגעטראָגן די פּחדימדיקע בליקן צו די הינטערשטע שטיבלעך.

— ער איז אַ פאַרטיקער, דער אַלטער! זיך פאַרשטעקט אין א ווינקל אין שטיבל, וואו עס האָט געוואוינט דער דייטש און לאָזט קיינעם נישט צו צו זיך... באַנאַכט גייט ער אַף אַ ווײַלע אַריין אין שענקל, טרינקט זיך אָן און גייט צוריק אין שטיבל, וויינט און שרייט:

— דאָן טשיטשע וועט נעמען נקמה פאַר זיין קינדס בלוט... ער וועט אָפּצאָלן, די מערדער...

— קום קליינער, ווייז מיר וואו דער אַלטער געפינט זיך! — האָט דיאַנא אויסגערופן מיט נייגער — ער מוז זיין משוגע, קיינמאָל האָב איך נאָך קיין משוגענעם נישט געזען..

בעטי האָט קיין כוח נישט געהאַט צו זען אַזא גרויסן בראָך, זי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַף א קעסטל, געווישט דעם שוויים פון שטערן און פרום געמורמלט:

— דערבאַרעם דיך הייליקער פאָטער איבער די אָרימע קנעכט דיינע!.. פאַרגיב די זינד...

דיאַנא האָט נאָכגעפאָלגט די קינדער, זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג באַם אָפענעם פענצטערל און באַטראַכט דעם אַלטן. ער האָט קיינעם נישט באַמערקט, אַ פאַרמוחטער מיט לאַנגע, ווייס־גרויע קנוידערן באַוואַקסן, איז ער געזעסן הינטערן טירל. שטיקער לייב האָבן אַרויסגעקוקט פון דעם צעפליקטן קאָקינעם העמד און דאָס פּנים איז געווען פינצטער, צעאַקערט ווי עס וואָלט שוין טויזנט יאָר געלעבט אונטער בייזע מדבר־ווינטן און אין די פון קאָפּ אַרויסגעזעצטע, גרויסע אויגן, האָבן זיך געטיקט טונקל־רויטע גערעמפּטע פלעמלעך, אַזוינע מאָדנע רויכלעך, גלייך ווי די געהירן זיינע וואָלטן געברענט. אַ כיטרע פאָרזיכטיקייט האָט פון זיי אַרויסגעשמייכלט, איינפאַל פון אַ פאַטיינעם הונט, וואָס גרייט זיך עמיצן א ביס צו טאָן...

דיאַנא האָט זיך דערשראָקן, נאָר דער נייגער אין איר האָט גובר געווען די אימה, זי האָט זייער שטיל אַ זייע געטאָן צווישן די ציין:

— דאָן טשיטשע!..

ער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. האָט אינסטינקטיוו ארויפגעלייגט ביידע הענט צו זיך אויף דער האלב־נאקעטער ברוסט, אויסגעצויגן די פיס, א שווערן זיפץ געטאָן און זיך צעהוידעט אהין און צוריק, מורמלענדיק מיט א הייזעריק קול:

— קום אהער, קום! — דו אויסוואורף... דאָן טשיטשע איז נישט דער קאליקער... מיט מיר שפּילט מען זיך נישט... מיין קינדס בלוט וועט נישט פארשוויגן ווערן...

ער איז אנטשוויגן געוואָרן, ארייגנעגומען דאָס פּנים אין די הענט און אָנגעהויבן רעווען ווי א נישט דערקוילעטער אָקס.

דיאַנאַ איז אַנטלאָפן פון פענצטערל. אימה, דעם אַלטנס געוויין איז איר נאָכגעלאָפן. בעטי איז איר אנטקעגן געגאַנגען זי אַנגענומען אונטער א האנט און זיך געבעטן:

— קום, איך וויל ביייזיין דעם גאָטעסדינסט... איך וויל בעטן פאר די אָרימע און עלנטע...

די זונטיקדיקע פרייד, דער טומל פון אויסגעפּוצטע קינדער איז זיי אנטקעגן געקומען און אויך דאָס ברומען און האמערן פון די שווערע קלויס־טער גלעקער. ארום קלויסטערל האָבן שפּאצירט יונגע, פארליבטע פּאָר־לעך. אַלטע פרומע מוידן, מיט ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ און מיט אָרי־מע בינטלעך בלומען אין די הענט, האָבן זיך געשטופּט צו דער טיר, וואָס איז באלאגערט געווען מיט עלטערע מענער און פרויען. בעטי האָט געקויפט א בינטל ווייסע כאסמינען בא אַן אַלטן קאליקער לעבן קלויסטערל און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער וועג צו גאָטס הויז זאָל פריי ווערן. אין דעם האָט זי דערפילט אויף זיך צוויי הייסע בליקן, ווי די שפּיזן. אויך דיאנא האָט אויף זיך די בליקן געפילט. זי האָט איינגערוימט בעטין אין אויער:

— בעטי, דאָרטן אונטער די טרעפּ זיצט א איד... גאָט מיינער! צוויי אויגן האָט ער ווי א כישופמאַכער... קום אַוועק פון דאַנען. איך האָב מורא... איך שווער דיר, אז דעם דאָזיקן מענטשן, האָב איך ערגעץ געזען...

— מסתמא בעטלט ער לעבן אונדזער שולע.

ארום זיי האָט זיך צעטראָגן אַ שטיל שעפּטשען. בליקן צו בליקן האָבן זיך געצויגן און ליפּן האָבן זיך געקרומט אין אומצופרידענע גרי־מאַסן:

— זעסטו שוין, ווידער דער אידישער בעטלער...

— ער פארשוועכט גאָטס הויז...

— ער מוז זיין אַ כישופמאַכער... דער פּאַטערל זאָגט מען זאָל זיך היטן פון דעם מאָדנעם פארשוין..

קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער איז... ער איז נישט קיין בעט־לער, ער טשעפּעט קיינעם נישט... ווייזט אויס א משוגענער... מען דאַרף צו וויסן טאָן וועגן דעם.

צוויי אַלטע מוידן, מיט געפּאַרבטע באַקן, האָבן אים צוגעוואָרפן די אימהדיקע בליקן, זיך איבערגעצלמט און אַף גיך אַריינגעדרונגען אין די צעפּראַלטע קלויסטער־טירן.

דאָס איז געווען אַנדרעס. נאָך וואָכן־לאַנג אַרומוואַלגערן זיך, אין זיין זוכן ניקאָלאַסן, וועלכער האָט זיך די לעצטע צייט אויסבאַהאַלטן אויס מורא פאַר נקמה — האָט ער באַשטימט צו וואַרטן נעבן גאָטס הויז. אָנגעטאָן אין יאָסלס שוואַרצן סורדוט, מיט דעם שוואַרצן איינגע־בראָכענעם קאַפּעלוש, מיט די דאָזיקע מלבושים, האָט ער געמיינט וועט אים ווירקלעך קיינער נישט דערקענען. לאַנג, אויסגעדאַרט, דאָס לאַנגע ביינערדיקע פּנים, דורכלויכטיק גרין, איז אַרומגעזוימט געווען מיט אַ קויל־שוואַרצער קיילעכדיקער באָרד, אַ געדיכטע און מיט טיפע קאַרבן. טויזנט יעריקע פּיין פון געיאָגטע און געשלאָגענע — האָט זיך מיט שוואַרצן כוח פון די צאַפּלדיקע בליקן געריסן אַ זשעדנעקייט נאָך נקמה. מער מיט די חושים, מיטן אינסטינקט פון אומצוטרוי צו די מענטשן, וואָס קענען אים אָן שום רחמנות פאַרפאָלגן — האָט ער אויפגעכאַפּט עמיצנס אַ שטעכיקן בליק און ער איז געוואָרן צערייצט ווי אַ טיגער, בא וועמען מען וויל אַרויסרייסן דאָס עסן פון פּיסק. אַנדרעס האָט זיך איינ־געקנוידערט אין די מלבושים און אַף הינטערווייַלעכץ, ווי אַ געבונדענע חיה, אַ צעשלאָגענע, זיך אָנגעהויבן רוקן אַף צוריק. זיך פאַרשטעקט צווישן אַ הויפן גרויסע שטיינער, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און מיט התלבית פון אַ גרויסן אייפערדיקן חסיד זיך אָנגערופן:

— אַלמעכטיקער אין הימל! דו ווייסט וואָס די שונאים האָבן פון מיר געמאַכט, זיי גוט צו די גערעכטע און דערנידעריקטע, שיק מיר אים אַהער, דעם מערדער, דעם פאַרשווערער פון מיינע טייערסטע. מיין נשמה איז קראַנק פון ווייטיק און פון בענקשאַפט נאָך נקמה. שפּעטער וועל איך מיך איבערגעבן אין דיינע הענט און דו פאָטער וועסט מיך משפּטן... איך וועל מיך באַהעפטן מיט די הייליקע נשמות פון מיין ראָסאַן מיט מיין זון. זיי וואַרטן אַף מיר, זיי רופן מיך באַטאָג און באַנאַכט. איך וואַרט אַף דיין געטלעכן גנאָד.

אין דעם האָבן זיך די צוויי פאַרהאַנגען איבער דער ברייטער קלויס־טער־טיר אַ צענעם געטאָן און דער הייליקער האָט זיך באַוויזן. געמאַכטע פרומקייט, בנימותדיקייט האָט גערוט אַף זיין אָנגעפרעסן פּנים. נאָר אין די אייגעלעך האָט געשרפהט בייזע כיטרעקייט... איינפאַל פון אַ פאַטיינע הונט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די גרויע כמאַרעלעך פון הימל און געטענהט מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום עולם. אַלעמענס אויגן האָבן געהאָנגען אַף אים, פאַרגעסן אין „אידן" וואָס קניט דאָרטן און בעט גאָט:

— די וועלט האָט פאַרגעסן אין גאָט... דאָס האָבן געמאַכט די אידן מיט די קאָמוניסטן... זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיטן טייוול און ווילן אומ־ברענגען די וועלט... ווילן פאַרכאַפּן אונדזער לאַנד...

זיין שטים האָט געדונערט, געראָפּן. אויך אנדרעס האָט אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים א קרענקלעך־צעקרומטס, און דורך ציטערדיקע ליפּן אין דער ברייטער באָדר אריינגעמורמלט:

— דו ליגנער! דו אויסוואורף... דו האָסט דיך פארבונדן מיטן שונא פון לאנד... דו ביזט אַ פּירער באַ די דייטשע נאצים... איך אײנער ווייס ווער דו ביזט... דיין זונדל איז אַ שלאנג און דו ביזט אַ וואמפּיר!..

אין דעם האָט זיך ניקאָלאס אַפּירגערוקט פון אַ ווינקל און אף די שפּיצן פון זיינע פינגער זיך צוגעשארט אלץ נענטער צו אנדרעסן. רציחה און צופרידנקייט האָט געשרפּהט אין די קליינע שפּיציקע אייגעלעך. חוזק.

— ראַפּטום אָפּגעפייערט צוויי רעוואָלווער קוילן אין אַנדרעס פליי־צע און אַרויפגעשפּרונגען אפן גאניקל. זיך אַריינגעדרייט צווישן די צוויי צעווייטע פאָרהאַנגען איבער דער צעפּראַלטער טיר, פאַרשלונגען געוואָרן ווי אין פּיסק פון שלעכטס און אומערלעבס.

ווייבער האָבן אָנגעהויבן שרייען און לויפן הין און צוריק, ווי די פארסמטע מייז. דער הייליקער האָט נאָך אלץ געגלאָצט מיט די אויגן צום הימל און געטענהט:

— גערעכט איז דער אלמעכטיקער... ער האָט באצאָלט מיט א גע־טרייער געטלעכער האנט...

עס איז געקומען פּאָליציי. זיי האָבן איבערגעקערט אנדרעסן מיטן פּנים אַרויף, די אויגן אויפגעריסענע, שרייענדיקע, האָבן געקוקט ווי זיי וואָלטן געשריגן צו דער וועלט, געמאָנט פון איר גערעכטיקייט. פון צע־קרומטן מויל האָבן זיך געצויגן פּאסן פארקאָכט בלוט און צווישן די שווארצע, געדיכטע קרייזלעך אף דער איינגעפאלענער ברוסט — האָט גערוט אַ גרויסער מעשענער צלם. אַן עלטערע פרוי האָט זיך צעוויינט, געבראָכן די פינגער פון די הענט:

— אוי, פאָטער אין הימל! דאָס האָט מען דאָך דעם דערלייזער אומ־געבראכט... זעט זיין פּנים!...

— קום פון דאנען דיאנא — האָט בעטי אינגאנצן אַן אויפגעשוי־דערטע שוער געקרעכצט... גאָטס הויז איז געוואָרן א נעסט פון פאר־ברעכן, פון הפקרות...

קאַפּיטל 41

נאָך אַ קרבן פון נאַציישן קרעבס

דער ברייטער שפּיטאָל־הויף איז געשטאַנען אַ פאראומערטער, אַן אומנחהדיקער, ווי אים וואָלט מיט אַמאָל שווער געוואָרן איינצוזאַפּן אין זיך אַזוי פיל מענטשלעכן עלנט און אומעכטיקייט קעגן די שוואַרצע פליגל

פון טויט. די הויכע סאָסנע־ביימער זיינען געווען שטום און כמאַרנע; די רויטע געדעמפּטע שטיקער זון, ווי קופּערנע טעלער, האָבן אַרויסגעבליקט פון צווישן די צווייגן, זיך נישט דרייסט אַרויסגעגנבעט, אַ צעשיט געטאָן אין שמאָלע גילדענע רעמלעך איבער די פּחדיק צעשאַרטע גראָזן, איבער די גרויסע, ווייסע און בלויע רויזן־קעפּ פון קליינעם גערטנדל, אַרום דער בראָנזענע סטאַטוע, וואָס הינטערן פענצטער פון האָראָסיאָס שפּיטאָל־צימער.

אויך אַף רחלס אויסגעבלייכטן פּנים איז אויסגעהאַמערט געווען אַ פּחדימדיקע שטומקייט, ווי זי וואָלט יאָרן לאַנג געפּייניקט געוואָרן פון שווערע פאַרגעפילן, וועלכע זי האָט מורא אַרויסצוברענגען אַף די ליפּן... און די פאָרגעפילן האָבן זיך איינגעגעסן אין יעדן אבר אירן און זיי שרייען צו דער וועלט, בעטן באַ איר אַביסל הילף, אַביסל גערעכטיקייט. די מינוטן פון שטיין הינטער דער טיר און וואַרטן, אַז דער דאָקטאָר מיט דער קראַנקנשוועסטער זאָלן פאַרלאָזן דעם צימער און זי זאָל ווידער אָפּהיטן דעם חתן, אים קוקן אין דער מינע און אַף כּוח וועלן באַ אים אַרויסרייסן אַן ענדערונג צום גוטן — האָבן זיך געצויגן פאַר איר ווי אַן אייביקייט. זי איז געוואָרן העכער און שמעלער. האַרטע קאַרבן, סמנים פון שווערע איבערלעבונג, זיינען ווי מיט אַ מעסער איינגעשניטן געווען אַרום מויל. פון די ברייטע אָפענע בליקן האָט זיך געריסן שטיקער ברויז, אַ ווידערשטאַנד־כּוח, וואָס האָט געשלאָגן פון יעדן אבר, פון מאַרך אין די ביינער און זי נישט געלאָזט פאַלן פון די פיס.

אַ ווייגעשריי פון אַן אומגליקלעכער מאַמע האָט געוויינט אין בלוט, אַ מאַמע וועלכע האָט אָפּגעלעבט איר לעבן צוליבן גליק פון איר איינציקן געראָטענעם זון, און דאָס קינד, אַ פאַרשייטס פון צופיל וואוילטיק, איז אַוועק אַף קרומע וועגן, זיך אויסגעגליטשט און געבראָכן האַלדז און נאַקן. איצט שטייט זי, די אָפּגענאַרטע מאַמע, ציטערט ווי אַ פיש אַף דער ווענדקע, טאָמער חלילה וועט דאָס קינד מער צו זיך נישט קומען.... יעדע באַגאַנגענע זינד קעגן איר איז אָפּגעווישט געוואָרן, איר נשמה, דאָס גאַנצע לייב און לעבן איז איין שטיק בלוטיקע טרער, וואָס שרייט צו גאָט: האָראָסיאָ מוז לעבן!... די וועלט, די פרייד געהער צו אים! — אַריינגעמורמלט אין דער בלייכער גלייכגילטיקייט אין קאָרידאָר וואו זי איז געשטאַנען — נעם מיך גאָטעניו!... אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ! מיר איז שוין גענוג!

אינסטינקטיוו איבערגעטראָגן אַ צעטראָגענעם בליק אַף דער לאַנגער באַנק אונטער די צוויי סאָסנע ביימער אַף וועלכער דער חתן מיט די אומגעקומענע חברים זיינען אַלע פאַרנאַכט געזעסן. פּוסטקייט און פאַריתומטע שטילקייט האָט אַף איר אַ ווייע געטאָן, אין געפּייניקטן האַרץ האָט עס אַ רעווע געטאָן מיט טויזנט קללות, מיט פאַראַכטונג צו פאַרברעכערישער וועלט־מאַכט, וואָס האָט אויסגעוואָרעמט אַזוי פיל מעדערדיי און אומגליק, דער אימפּעט האָט זי אַ טראָג געטאָן איבערן קאָרידאָר, פון ווינקל צו ווינקל, קיין מידקייט נישט געפילט, קיין הונגער און קיין דורשט,

כאָטש זי איז מעת לעתן גאַנצע געווען וואַך און זעלטן גענומען עפּעס אין מויל.

די טיר האָט זיך געעפנט און אַ שוואַרץ־הויטיקע קראַנקנשוועסטער, אין אַ ווייסן שפּיטאָל־פאַרטוך מיט אַ דריישפּיציק היטעלע אפן קאָפּ, איז אַרויסגעקומען, געטראָגן אונטער די הענט צוויי גרויסע ניקלענע פּושקעס מיט פאַרשידענע אינסטרומענטן און מעדיצינען. רחל האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט, זי אָפּגעגאָסן מיט מאָנענדיקע בליקן, אָנגענומענע מיט שרעק. די קראַנקנשוועסטער האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן און מיט פרומע פאַרצויגענע ליפּעלעך שטיל געשעפּטשעט:

— נאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג... אייער התן איז שטאַרק ווי אַ ריז. אַ צווייטער אַף זיין אָרט — ווער ווייסט!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ טיפן זיפץ געטאָן און זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנגס־טיר. רחל איז איר ווידער דעם וועג פאַרלאָפן, מיט ביידע הענט באַ זיך אַף דער ברוסט, ווי צו אַ תפילה, באַהאַרצט געבעטן:

— איך בעט אייך, מאַטילדע, זאָגט מיר דעם אמת!... וואָס זאָגן די דאָקטוירים? לאָזט מיך נישט לעבן אין כסדרדיקער אומבאַשטימטקייט!... אפשר דאַרף מען ברענגען נאָך אַ פּראָפעסאָר?...

געבעט און צודרינגלעכקייט איז געווען אין איר קול. די קראַנקנשוועסטער האָט זיך פּאָרזיכטיק אַרומגעקוקט און באַלד די בליקן אָנגענומענע מיט טיפן מיטגעפיל ווירער אַף רחלען אָנגעשטעלט:

— ערן וואָרט, פריילן, דער דאָקטאָר ב. האָט אייך באַלד פון אָנהויב אויסגעזאָגט דעם אמת. דאָס פאַרזשאַווערטע אייזן האָט אים אָנגערירט די געהירן... די וואונד פון מעסער איז אויך אַ געפערלעכע. איצט מוזן מיר וואַרטן — באַזאָרגט צוגעגעבן — אויב ס'וועלן נישט צוקומען קיין קאָמפּליקאַציעס, וועט אייער התן קומען צו זיך. מיר האָבן זייער מורא פאַר דער פאַרסמונג אין בלוט...

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו רחלען און זיך אַ טראָג געטאָן צו דער טיר. איר אויפריכטיקייט האָט רחלען נאָך מער צערודערט. זי איז געבליבן שטיין, אַ צעקלאַפּטע, אַן עלנטע מיט טויזנטער דערשטיקטע קולות אין בלוט, אַן ארומגענומענע מיט שווערע ריחות פון כלאָראָפאָרם און פון יאָד. די אחריות פאַר האָראַסיאָס לעבן, וואָס איז אין געפאַר האָט געהאַמערט מיט ברומענדיקן רעווען, זי געטריבן אין דער וועלט אַריין. זי האָט פאַרגעסן, אַז דר. ב. טוט דאָס אומגלויבלעכסטע צו ראַטעווען האָראַסיאָן, ער האָט געבראַכט די בעסטע צוויי כירורגן פון לאַנד, וועלכע האָבן אים אָפּערירט. זי האָט געצווייפלט אין זיי... און אויך אין איר אייגענער וואַכזאַמקייט איבערן התן. פאַרגעסן, אַז זי געטרויט קיינעם נישט, אַז די קראַנקנשוועסטער זאָל חלילה נישט פאַרגעסן, אָדער פאַרשפּעטיקן מיט קיין רעגעלע באַם איינשפּריצן דעם פּעניסילין, אָדער איינגעבן די רפואות. זי האָט אים אַליין דאָס בעט איבערגעבעט און האָט

מיט גוואַלד אויפגעריסן זיינע פאַרשלאָסענע ציין, אַריינגעגאָסן וואַ־רעמע לעפעלעך מילך אין מויל.

אַן אַלטער דאָקטאָר איז אַרויסגעקומען פון צימער. באַזאָרגטקייט איז געווען אין יעדן שפּאַן זיינעם און רואיקייט. רחל איז אים דעם וועג פאַרלאָפן.

— זאָגט מיר, הער דאָקטאָר, וואָס זאָל איך טאָן פאַר אים?

ער האָט געקוקט אויף איר מיט רואיקע אויגן קלוגע:

— דו האָסט גאָרנישט וואָס צו טאָן. מיר טוען שוין אַלצדינג... זײַ רואיק.

— נעמט בײַ מיר בלוט פאַר זיינעטוועגן! — געטענהטע מיט אויס־געשטרעקטע ציטערנדיקע הענט, ווי איר באָבע דבורה, ווען זי האָט אין די יום כיפורים צו גאָט געבעטן — איך וויל אַריינגיסן אין אים דעם ווידערשטאַנדס כוח פון מיינע דורות. איר וועט זען, הער דאָקטאָר, מיין בלוט וועט אים צוריקברענגען צום לעבן!

זיכערקייט איז געווען אין איר קול און גרענעצלאָזער געבעט. דער דאָקטאָר האָט זייער רואיק געענטפערט:

— נו, גוט... דו גיי אַריין צו אים און איך וועל וועגן דעם אַ שמועס טאָן מיטן דאָקטאָר ב.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!... איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אייער גוטס־קייט!...

די פּיס האָבן זי אַ טראָג געטאָן צום חתנס צימער. דאָס ווייסע ליילעך ביז אונטער דער גאָמבע, דאָס בלייכע פריש ראַזירט ביינערדיק פּנים, די ווייסע באַנדאַזשן אַרום קאָפּ, די בלויע ליליען אין אַ סלאָי מיט וואַסער אויפן נאַכט־טישל — האָבן זיך מאָדנע אויסגעטיילט פון דער בלויער טונקלקייט אין צימער. דורך די שווערע, אַראָפּגעלאָזטע רולעטן איבערן אָפענעם פענצטער, האָבן זיך אַריינגעשיט צעמאָלענע שטיקער זון ווי אַ גאָלדענער פּראָשעק, געציטערט איבער האַראַסיאַס פּנים, איבער די שווערע אַראָפּגעלאָזטע וויעס.

דאָס גרויסע בילד איבערן בעט — פון האַראַסיאַן מיט באָריסן און אַלפרעדאָן אין די ווייסע דאָקטאָרשע כאַלאַטן מיט די קיילעכדיקע ווייסע היטעלעך אויף די קעפּ — האָט געקוקט אויף איר מיט היימישקייט און מיט פרייד...

רחל האָט לאַנג געקוקט אין זיין פּנים. די שרעק אין איר האָט זיך צע־רעוועט מיט משוגענע קולות. אַ היהשער אימפּעט האָט אַ שלאָג געטאָן פון די אברים. זי האָט צוגעבויגן צו אים דאָס פּנים, צוגעלייגט דאָס מויל צו זיינע געשלאָסענע ליפּן און צונויפגענומען אין זיך דעם ווילנס־כוח, וועל־כער האַלט זי אויף די פיס. פון די אָדערן פון האַריץ, פון יעדן נערוו־געוועב — האָט אָנגעהויבן פליסן נייער אימפּעט און עקשנות. זי האָט אים מיט די קראַמפּהאַפטע פינגער אויפגעריסן דאָס מויל, די ציין און אַריינגעאָטעמט אין אים איר הייסן אָטעם, דעם כוח, וואָס האָט זיך געריסן פון איר ווי

לאוועם מיט פייער איניינעם מיט טויזנט ברכות, מיט געבעט צו גאָט פון געדעכטיקייט. אזא אַנגעשטרענגט, צעפּייניקט פּנים האָט געהאַט איר מאַמע, ווען זי האָט א האַלב טויטע, צונויפגענומען אין זיך די לעצטע כוחות כדי צו ברענגען אַף דער וועלט דאָס ערשטע קינד אירס...

האַראַסיאָס פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ לייכטער פאַרב. ער האָט פלוצלונג אויפגעמאכט די אויגן ברייטע, דערשראָקענע, אַנגעגאָסענע מיט בלוט, זיך ארומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט און זיי באַלד אַף רחלען אָנגעשטעלט.

— רחל, רחלע־ע־ע!... גיי נישט אַוועק פון מיר!...

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אירע באַצווינגערישע בליקן אַף וועלכע נאָר האָראַסיאָ איז געווען אַ מבין — האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין אים, געברענט ווי צוויי שבתדיקע בענטשליכט. וואָס ברענגען אריין מנוחה און האָפנונג אין אַן אָרימער אידישער שטוב. מחילה און ציטערניש האָט זיך געריסן פון זיי, תפילות פון אַ געפּייניקטער מאַמע, וואָס גלויבט, אַז מיט איר ווייגען און בעטן צו גאָט, וועט זי ענדלעך פאַרטרייבן דעם טויט, וואָס לויערט אַף דעם איינציקן קינד.

זיינע בליקן זיינען געוואָרן קלאָרער און דאָס פּנים רואיקער, געהייליקט. ער האָט מעכאַניש אפּירגענומען די רעכטע האַנט פון אונטערן ליילעך, אַ בלוטלאָזע, אַ דאַרע און צוגעבויגן רחלען צו זיך, אַוועקגעלייגט איר קאָפּ באַ זיך אַף דער ברוסט און מיט ציטערדיקע פינגער פון אַ שוואַכן זקן אָנגעהויבן גלעטן אירע צעשיטע לעקעלעך. די פרייד אין רחלען האָט געהאַמערט. זי האָט ווידער צוגעלייגט דאָס מויל צו זיינע אָפענע ליפּן און אַריינגעהויכט אין אים א האָפנונג. ער האָט אפּירגענומען פון אונטערן ליילעך די אַנדערע האַנט, אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַריינגערעדט אין הייסן צאַפּל פון די בליקן:

— ווי גליקלעך איך בין איצט!... לאָז מיך נישט איבער אַליין, רחלע! מיר וועלן אָנהויבן פון דאָס ניי... אונדזערע שונאים וועלן זייער לוין באַקומען... האָראַסיאָ געדענקט אַלץ...

הייזעריק איז געווען זיין קול, האַרט, ווי עס וואָלט זיך געריסן דורך די שפּאַרעס פון אַ פאַרמאַכט קעסטל. די שרעק האָט ווידער פאַרפלייצט רחלס געמיט. אויך דער באָבע דבורהס קול באַם זאָגן תהילים דאָס לעצטע מאָל, איז געווען אזוי פרעמד און אַנגעשטרענגט... זי האָט זיך געבעטן:

— שוויַיג, ליבסטער מיינער. עס מאַכט דיר שלעכט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר די אויגן, מאָדנע גרויסע, אויפגעצאַפּלטע, האָבן זיך איינגעגעסן אין איר פּנים, עפּעס געזוכט...

אָנגעקומען איז דר. ב. רחל האָט צוגענומען פון זיך דעם התנס הענט און זיך אויסגעגלייכט, מיט די בליקן אַ ווייז געטאָן אַף אים. פון איבעריבער צעטרייסלונג, קיין כוח נישט געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צום בעט, אָנגענומען האָראַסיאָס האַנט און געפּרואווט דעם פּולס, אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. רחל האָט שטיל

אַ פּליסטער געטאָן: גאָט צו דאַנקען, צום ערשטן מאָל געהערט פון אים אַ פּאָר קלאָרע ווערטער, נאָר דאָס קול זיינס שרעקט מיך...

דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ פרום פּנים, די ווייסקייט פון זומערדיקן אַנצוג האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שטומער ווייסקייט פון האָראָסיאָס פּריש באַצויגן בעט. רחל האָט איינגעשטאָכן אין אים די מאָנענדיקע בליקן און ווידער די שטילקייט איבערגעריסן:

— דאָקטאָר ב., נעמט בא מיר אַ האַלבן ליטער בלוט פאַר האָראַסיאָן... האָט רחמנות, מיין בלוט וועט אים אַ ניי לעבן אריינברענגען, איר וועט זען!...

ער האָט וואַרים געשמייכלט, זי צוגעצויגן צו זיך און אריינגערעדט אין אירע מאָנענדיקע בליקן, די אַנגענומענע מיט פּיין:

— די נאַטור, רחלע, באַווייזט וואונדער... מיר וועלן צואוואַרטן ביז פאַרנאַכט.

— איך האָב מורא, דאָקטאָר ב.

— גיי, רחלע, שמועסן מיט דיין טאַטן — שטיל אַ זייע געטאָן צווישן די ליפּן — איך קום איצט פון אים, ער איז אַ וואונדערלעכער מענטש און אַ שטאָלצער זון פון זיין פאָלק... צוליב אים, רחל, האָב איך אויך דיך ליב באַקומען, דיינע קאַפּריזן מאַכן אונדז אַלע משוגע... מיר קענען דיך נישט ליידן...

רחל האָט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל געטאָן און זייער שטיל געפרעגט:

— נו, איז מיין טאַטע נישט בייז אף מיר? איך האָב דאָך איינגאַנצן פאַרגעסן אין אים!...

— ביזט אַ נאַרעלע. דיין טאַטע טראַכט איבערהויפּט נישט פון זיין אייגענער לאַגע... אַלץ דרייט זיך אַרום דיר מיט האָראַסיאָן.

זי האָט שווער געזיפצט און זיך ווידער צוגעבויגן צום חתן:

— מיר וועלן אים אָפּהיטן ווי אַ קינד, מיין אָרימען טאַטן, פאַרגיטיקן פאַר אַלע זיינע אומזיסטע יסורים...

דאָקטאָר ב. האָט איר געגעבן אַ וויזיט־קאַרטל און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז מיין זונס וויזיט־קאַרטל, דיין טאַטנס אַדוואָקאַט. איך שווער דיר בא האָראַסיאָס לעבן, אַז כּיט דריי טעג שפּעטער וועט דער טאַטע באַפרייט ווערן.

טרערן זיינען געקומען אין אירע אויגן. דאָקטאָר ב. האָט זיך בייסיק צעשמייכלט און ווידער צוגעגעבן:

— דאָ איז פאַרמישט אַ געהיימע פאַרברעכערישע באַנדע, בא מיר זיינען געוועזן דייטשע דיפּלאָמאַטן... געוואָלט געבן אַ סך געלט, כדי מיר זאָלן פאַרקריפּלען די קלאָרע באַווייזן פון דיין טאַטנס אומשולד... ווייסטו וואָס איך האָב זיי געענטפערט — האָט ער לאַכנדיק אויסגערופן — איך בין אַ געטרייער זון פון מיין לאַנד... וועל איך געבן דעם אידן אַ גאָלדענעם

מעדאַל, ווייל ער האָט אָפּגערוימט פון מיין לאַנד אַ מיאוסע שטינקחיה... דעם מערדער פון מיינע טייערע שילער, מיינע חברים...

טרויער איז אויפגעגאַנגען אין רחלען. די מיידלשע אייגנליבע האָט פּלוצים אַרויסגערוקט דאָס קעפּל פון געפּייניקטן האַרץ, דערמאָנט מיט וועמען האַראַסיאַ האָט פאַרבראַכט... זי האָט מיט אַלע כוחות דערשטיקט אין זיך דעם ווייטיק, האַראַסיאַס נעבעכדיק צעקרימט פּנים האָט ווידער פאַרשטומט יעדן קעפּיל פון תערומות:

— גיי, רחל, איך וועל דאָ בלייבן ביז דו וועסט צוריקקומען.

זי האָט לאַנג געקוקט אָפּן חתן, ער האָט געאָטעמט זייער שוואַך און איז געווען רויק. דאָקטאָר ב. האָט זי אַרויסגעפירט אין דרויסן. די ביימער, דער ווייס־בלויער הימל, די זונטיקדיקע זאָרגלאָזיקייט אָפּן פּנים פון שפּיטאָל־וועכטער — האָבן איר אויסגעזען רואיקער, צוזאָגנדיק.

באַם טויער איז איר בעטי מיט דיאַנען אַנטקעגנגעקומען. צערודערונג איז געווען אין זייערע אויגן. רחל האָט אַ ציטער געטאָן, צעפּיעסטעטקייט האָט זיך געשאָטנס ארום איר מויל. בעטי האָט זי אַריינגענומען אין די אָרעמס, געדריקט צו זיך און שווער געזיפצט:

— וואָס טוסטו, מיין קינד? גאָט, וואָס פון איר איז געוואָרן!... אָרימינקע מיינע! נישט געוואוסט, אַז דו האָסט אַזוי פיל איבערגעלעבט. גלויבט דאָס מיר, פאַרוואָס האָסטו מיר נישט צואוויסן געטאָן?...

רחל האָט מיד געשמייכלט, קיין ווילן נישט געהאַט צו שמועסן. די זאָרג וועגן האַראַסיאָס געזונט איז מיטגעגאַנגען מיט איר, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען דער צעיושעטער טאַטע זיינער, האָט אים געהאַלטן אין די צוויי אייזערנע הענט, געממיתט ביז משוגעת, און די שרעק האָט זי צעבראָכן, טאָמער חלילה וועט האַראַסיאַ נישט אויסהאַלטן...

— קום בעטי, פאָר צו מיט מיר צו מיין טאַטן — נאָך אַ לאַנגן טראַכטן זיך אָפּגערופן — פון דאָרט וועלן מיר צופאָרן צו די אַלטע לייט... אַ גרויסער אומגליק האָט זיך איבער אונדז אַראָפּגעלאָזט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַראָפּגעשלונגען אַ קניפּל מיט טרערן און מיט טרויעריקע בליקן געקוקט אָפּן ווייסן פאַרטוך פון אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס זי האָט גאַנצע צוויי וואָכן געטראָגן. בלייכקייט און אומווילן האָט זיך געשאָטנט ארום בעטיס מויל. רחל האָט נאָכגעביק געמורמלט:

— נו, גוט... אַז דו האָסט מורא, טאָ בלייב דאָ — זיך אויסגעדרייט און זייער גיך אָנגעהויבן שפּאַנען צום אָמניבוס. בעטי האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט און איר נאָכגעקוקט מיט רחמנותדיקע בליקן, מיט געטרייקייט. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום שפּיטאָל־טויער.

— מען קען נישט אַריינגיין! ס'איז נאָך נישט די שעה פון וויזיטן — האָט דער וועכטער אָנגעשטעלט אַף זיי די טיפע קאַרבן פונעם גלייכגילטיקן פּנים.

בעטי האָט געטענהט מיט צעברויזונג אין קול:
דער דאָקטאָר האַראַסיאַ איז מיינער אַ קרוב...

— מען קען נישט!... צוליב אייך וויל איך נישט אָנווערן מיין אמת, פאַרשטאַנען?

אין דעם איז אַנגעקומען דוני, מיט אַ פאַרשייטן צעווייגטן גוף, אויס־געפּוצט אין אַ שרייענדיק־רויט זיידן קלייד מיט שמאָלע שליאַרקעס פון אויבן ביז אַראָפּ, מיט אַ טיפער דעקאָלטע, מיט אַ גאָלדענעם צלם צווישן די רויטע שנירלעך קרעלן אַפן הויכן, ווייסן האַלדז. אויך צווישן די גע־קרויזטע בלאָנדע האָר, אַרומגענומענע מיט אַ רויטן באַנד — האָט גע־שטעקט אַ צלמל... הפקרות האָט געשריען פון אירע אַרויסגעשטאַרצטע ברוסטן, פון די געטאָקטע אברים.

— וואוהין? — האָט זי דער וועכטער אָפּגעגאָסן מיט די כיטרע בליקן און אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט זיך אויסגעצויגן האַרט לעבן אים און מיטן ווייז־פינגער געשוויבערט די גרויע הערעלעך אויף זיין קאָפּ. בעטי האָט אַ כאַפּ געטאָן דיאַנען אונטערן אָרעם:

— קום פון דאַנען, שפּעטער וועל איך אַליין קומען, מען קען זי דאָך נישט איבערלאָזן אויף הפקר... גאָט אין הימל, האָב רחמנות, פיר זי אַרויף אַפן גלייכן וועג, די רחלען... דאָס קינד איז דאָך אינגאַנצן פרעמד צו מיר...

דוני האָט זיי נאָכגעקוקט מיט פאַרביסענער צעלאַכטקייט אַפן פּנים און זיך אָנגערופן:

— אַלטער טיפּעש, איך וויל אַ קוק טאָן אַפן דאָקטאָר.

— און וואָס, מלאכל, וועל איך פון דיר האָבן?

זי האָט אַ אומפאַרשעמטן קוועטש געטאָן מיטן רעכטן אויג־ווינקל, אַרויסגענומען פון רויטן האַנט־בייטל אַ וויזיט־קאַרטל און אים דערלאַנגט.

— וועסט האָבן, דו אַלטער פוקס, וואָס דו וועסט וועלן...

ער האָט מיט אַ האַנט באַוועגונג אַ ווייז־געטאָן צום שמאָלן קאָרידאָר:

— געדענק, מלאכל מיינס, אַכט אָוונט... — זיך אויסגעגלייכט און איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז אַריין אין קאָרידאָר. אַ רייב געטאָן איין האַנט אין דער צווייטער:

— אַט ווען מען איז אַ זכר, טויג מען זיך אויס צו זיין... אַ טייער סחורהלע!...

דונין איז קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען. אָנגעוואוירן איר ליבע — האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן אַפן וועג פון הפקרות, אויספאַרקויפט דאָס ביסל גאָלד און זילבער וואָס ניקאָלאָס האָט איר צוגעטיילט כדי צו האַלטן דאָס מויל, ער האָט איר צוגעהאָלפן זוכן אַ לייטישע וואוינונג און אויך די נויטיקע רעקאָמענדאַציעס, אַז מען זאָל איר נישט שטערן... ער איז גע־וואָרן דונים אַלפאָנס... אַ באַשיצער.

דער פירקאַנטיקער וואַרט־זאַל פון תפיסה, מיט לאַנגע הילצערנע בענק אַרום די ווענט, איז געווען ליידיק. אַ ריח פון הקדש האָט אויף רחלען אַ ווייע געטאָן און אימה... זי האָט דערלאַנגט איר וויזיט קאַרטע דעם תפיסה־וועכ־

טער, אַז עלטערער מענטש מיט שמאָלע אומצוטרוילעכע אויגן פון אַ דערפאַרענעם יעגער. ער האָט גוט באַטראַכט דאָס וויזיט־קאַרטל און אַריינגעשריען אין דער אָפענער טיר:

— היי, דו קרומער, ברענג מיר נאָר אַהער דעם נומ. 15, דעם קאַליקע!

— און מיט אַ האַנט־באַוועגונג איר געהייסן צוגיין צום באַגראַטעטן פענצטערל. אַ יונגער שגץ, אָנגעשפאַרט אויף אַ קוליע האָט צעעפנט אַ טיר און יאָסל איז אַרויסגעקומען, אַ רואיקער און אַ דורכלויכטיק בלייכער מיט האַרטע קאַרבן ארום מויל און ארום די אויגן. רחל האָט געקוקט אויף אים מיט ברייטע בליקן און געשוויגן. טאַטע און טאָכטער האָבן איינס דאָס אַנדערע גוט באַטראַכט. אין זייער שווייגן איז געווען אַ געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש, באַשטימונג: מען מוז זיך האַלטן... מען מוז איבערלעבן. אידישע הערצער מוזן זיין שטאַרקער ווי שטאָל... מוזן זיין אַ ביישפיל פאַר אַלע געפייניקטע און פאַרפאָלגטע!

יאָסל האָט די שטילקייט איבערגעריסן:

— נו, וואָס אַזאַ שווייגן?... האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן, טעכטערל?

ווייכקייט איז געווען אין זיין שטים, געהייליקטער ציטער. זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ קניפּל טרערן, געמיינט זי שטייט פאַר אַ הייליקן, אייגעם פון יענע זעקס און דרייסיק — למד וואָווניקעס — פון וועלכע די באָבע האָט דערציילט, נאָר גייסטיקע דערהויבנקייט, הימלישע פאַרגעבונג, רחמנות צו די אומגליקלעכע.

דאָס שטיקל אָרעם אין אַרבל פון גרויען אַרעסטאַנטן־רעקל האָט מיטאַמאָל אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט צוגעטראָגן דאָס פּנים האַרטער צו די גראַטעס און אַריינגערעדט אין דער טאָכטערס געבויגענעם קאָפּ, דעם פאַרשעמטן און באַלאָדענעם מיט שולדיקייט:

— נאָר נישט פאַרלירן זיך, מיין קינד... אונדזער וועג הויבט זיך ערשט אָן... מיר מוזן לעבן! אונדזערע שוועסטער און ברידער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן האָבן אונדז פאַר זייער טויט באַשוואוירן, נישט צו פאַרגעסן אָז זייער מלאך המות... דער ראַק וואָס פרעסט אויף די שענסטע זין און טעכטער פון דער בעסערער מענטשהייט. רחל, נעם אין דיר צונויף אַלע דיינע כוחות... קוק נאָר פאָרויס. אַ מענטש מוז זיך באַנייען, מוז קענען אָנהויבן פון דאָס ניי... דער מאָרגן קען דיר אומקערן דיין פרייד.

טרערן האָבן אַ פלייץ געטאָן פון אירע אויגן. זי האָט אויפגעהויבן צו אים אַ צעפייניקט פּנים:

— פאַר וואָס טאַטע קומט דאָס אונדז? ביז ווען וועלן מיר אָפּקומען פאַר פרעמדע זינד?... טאַטע, ווער וועט אונדז אָפּצאָלן פאַר אַזוי פיל יסורים?

— די צייט, טעכטערל, וועט אויסהיילן אַלע אונדזערע וואונדן!...

— זייער שטיל און באַהאַרצט אָפּגעענטפערט — מיר וועלן פאַרנעמען

דעם פּלאַץ, וואָס אונדז קומט. די וועלט וועט מוזן אָנערקענען אונדזער גייסטיקן כּוח. ווען דער ראַק, דער אומגליק פון אַזוי פיל מיליאָנען אומשולדיקע וועט ליגן אונטער אונדזערע פיס אַ צעטראָטענער, דעמאָלט וועלן מיר באַקומען אונדזער צוגערויבטע מנוחה. גיב מיר, רחל, דיין וואָרט, אַז וועסט מיך אָפּוואַרטן אַ געשטאַרקטע און אַ גלויביקע אין אונדזער אידישן און מענטשלעכן ווידערגעבורט... האָראַסיאָ נויטיקט זיך אין דיר!...

— עס איז צייט צו גיין! — האָט דער וועכטער גלייכגילטיק באַפוילן.

זי האָט אָפּגעווישט די טרערן פון פּנים, אַ צוזאָגנדיקן קוק געטאָן צום טאַטן און אַ שטומע, אַ געשטאַרקטע אים פאַרלאָזט. די זאָרג אָבער איז מיטגעגאַנגען מיט איר, געפּייניקט: דער טאַטע האָט דערמאָנט, אַז אויך זי איז אַ מענטש... זי דאַרף אָנהויבן פון דאָס ניי. און האָראַסיאָ? וועט זי קענען אַליין פאַרגעסן? דער טאַטע ווייסט פון גאָרנישט... — „וויר איזט גוט... מעסער, בלוט", האָט זיך זיין צעהוידעטער גוף אַ שטעל געטאָן פאַר איר — „גרעטאַ איז אַ וואַרעם ווייב"... — זי האָט אָנגעהויבן לויפן כּדי צו פאַרטרייבן פון זיך די פּיין, די שרעקלעכע ווירקלעכקייט... נאָר פּלוצים דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אויפן הינטערשטן טייל פון קאָפּ און דער באָבעס באַצווינגערישע אויגן, דאָס געלע צעקנייטשטע און מיט טויטלעכן שווייס באַגאָסענעם פּנימל איז הענגען געבליבן איבער איר, עפּעס געמאָנט, געוואָרנט...

רחל האָט אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ, זיך געהייסן פירן צום שפּיטאָל. דער באָבעס שאָטן, ווי אַ בלוי שטיק וואָלקן, אַן איינגעהילטס אין שוואַרצן שאַל, האָט זיך אויך געזעצט לעבן איר. רחל האָט דערפילט אַ קעלט איבערן לייב. דאָס פּנים האָט זיך יסורימדיק געקרומט. זי האָט שווער געזיפצט: — איך וועל אַוועק וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן... זאָל איך אים שוין זען אַ געזונטן... ער האָט דאָך מער קיינעם נישט אויף דער וועלט... אָרים אינגל! זאָל ער שפּעטער אַליין זיין וועג געפינען...

נישט ווייט פון שפּיטאָל איז רחל אויסגעשטיגן פון אויטאָ, באַצאָלט דעם שאָפער און אויפן ראָג געקויפט אַ בינטל ווייסע יאַסמינען דעם חתן. וואָס נענטער זי איז צוגעקומען צום שפּיטאָל, אַלץ אומרואיקער איז דאָס האַרץ געוואָרן. אַ סך יונגע סטודענטן און סטודענטקעס זיינען געשטאַנען אין שפּיטאָל־הויף, דערזען רחלען, האָבן זיי איר נאָכגעקוקט מיט שרעק אין די בליקן. די פיס האָבן זי אַ טראָג געטאָן צום צימער, וואו האָראַסיאָ איז געלעגן. דאָקטאָר ב. האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג צו דער טיר... זי געטריי אַריינגענומען אין זיינע הענט און שווער געזיפצט:

— נאָך אַ קרבן פונעם נאַצישן ראַק...

רחל האָט אַ געשריי געטאָן, ווי אַ נישט דערקוילעטער אָקס און איז מיט אַמאָל שטיל געבליבן, ווי דאָס לעבן אין איר וואָלט זיך אינגאַנצן אויסגעלאָשן. אַ אייביקייט האָבן געדויערט די מינוטן פון פאַרשטיינערונג. אין דעם האָט עס אין איר אַ רודער געטאָן, אַ באַפעלערישע שטים איז

געקומען פון ערגעץ ווייט, ווייט: דו מוזט לעבן, רחל... זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס פּנים, אַ צעפּייניקטס, אַ אויסגעמאַטערטס. אין די אויפֿגעריסענע אויגן־ווינקלען האָבן געשרפֿעט טויזנט נישט אויסגעשריגענע טענות צו אַ מערדערישער וועלט־הערשאַפֿט. אַ געגליווערט געוויין, וואָס איז דאָרט שטעקן געבליבן ווי אַ בלוטיקע מאָנונג קעגן גערמאַנישן שטאַם. דער כּוח פון אירע געפּייניקטע דורות, וואָס קומען אַרויס געשטאַרקטע פון אַלע שייטער־הויפֿנס, איז מיט אַ ווילדן צו־להעכים קעגן איר אייגענעם ווילן, אויפֿגעגאַנגען אין די אבֿרים און נישט געלאָזט אומקומען פון צער.

אָנגעקומען זיינען גרופּעס אַרבעטער מיט גרויסע קרענץ־בלומען, און אויך סטודענטן מיט סטודענטקעס. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום רחלען, זיינען גרייט געווען צו לויפֿן אין פֿייער און אין וואַסער, צו פֿאַרלייכטערן אירע יסורים. דאָקטאָר ב. האָט איר געפּרואווט דעם פּולס און זייער גערירט אויסגערופֿן:

— שטאַרק זיך, קינד... אונדזער וועג איז זייער אַ לאַנגער און אַ שווערער. די צוקונפֿט געהערט צו אונדז...

דער געפּרעסטער עולם האָט צוגעגעבן:

— ביזט נישט אַליין, רחל. אַלע אינאיינעם וועלן מיר קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן, פֿאַר אַ וועלט אָן דעם פֿינצטערן גערמאַנישן שטאַם.

אָנגעקומען איז בעטי. זי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך קוים דורכגעשלאָגן אַ וועג צו רחלען און גערירט אַריינגערעדט אין אירע אויגן:

— אויך איך, קינד מיינס, בין מיט דיר...

Este libro fué terminado el día 26
de Diciembre de 1948 en los Talleres
Gráficos de Zlotopioro Hnos.,
G a s c ó n 1 2 3 1
Buenos Aires